בן־אלימלך

# דער נייסטער
# מאָדערנער רעדנער

פאר שבתים, יום טובים און פארשיידענע רעדעס
צו תנאים, חתונה, ברית־מילה, פדיון הבן,
בר־מצוה, גראטולאציאנען א. א. וו.

פון אלע אידישע בארימטע דרשנים און רעדנער
מאסלאנסקי, הורוויץ, גאָלדבערג, שפירא און אנד.

מיט באשטעלונגען זיך ווענדן:
L. Remigolski, Rigā, Marijas ielā 8-a.

Izdevnieciba „S K O L A“, Rigā, Marijas ielā 8-a.
פארלאג „ס ק אָ ל א“, ל. רעמיגאָלסקי, ריגא.

SPIESTUVE „HEROLDS"
Rīgā, Miesnieku ielā 4, tālr. 29658

## וואָס דאַרף דער רעדנער וויסן פאַר זיין דרשה.

דער רעדנער דאַרף שטרעבן נישט צו זאָגן גלאַט א דרשה. איינטייטשן א פסוק גלאַט אזוי זיך. נאָר צוליב א צוועק. צוליב אַ תכלית, צוליב געפינען א מוסר השכל אין דעם, ווייל דער דרשן און רעדנער אין היינטיקע צייטן, דאַרף זיין נישט נאָר אַ דרשן, מגיד און מטיף, נאָר אויך אגיטאַטאָרן פאַרן אידנטום, און דאַרף זיך באַנוצן מיט אזוינע דרשות און מאמרים, וועלכע האָבן אין זיך א חזקת היהדות און באַזייטיקן שלעכטע מדות ווי: כעס, גאוה, קנאה, תאוה, נקמה, שנאה, רכילות, לשון הרע, דאגות, לצנות, חניפה. און איינפלאַנצן אין די הערצער פון די צוהערער, די אמונה אין גאָט, בטחון, ענוה, זריזות, גערעכטיקייט, ליבשאַפט צו גאָט און צו מענטשן, שלום און ברידערלעכקייט, באַגנוגענען זיך מיט ווייניק, האָפענונגען, קדושה, שמחה און טהרה. און דורך אזעלכע דרשות ומאמרים, ווערט מען א ריכטיקער גוטער איד. (זע ספרי עקב מ״ט) אָבער גלאַט אגדות וועלכע האָבן נישט אין זיך מוסר השכל, אויף זיי זאָגט דער רמבם „לעולם לא יעסק האדם בדברי אגדות, ולא יאריך במדרשות שאינם מביאים לא לידי יראה ולא לידי אהבה" (רמבם, הלכות מלכים, פרק יב׳ הלכה ב׳ און ירושלמי, שבת, פרק טו׳ הלכה א׳).

דער רעדנער דאַרף זיך באַטראַכטן בשעת ער וויל ווירקן אויף דעם צוהערער — אזוי ווי עס קומט א דאָקטאָר, ער דאַרף היילן די נשמה, נישט קיין רופא הגוף, נאָר א רופא הנפש. דער רעדנער מוז ווירקן אויף דעם צוהערער, געבן צו ערקלערן די וויכטיקייט פון שבת, און קינדער ערציען אין אידישן גייסט פון אָנפאַנג די קינדער יאָרן איינפלאַנצן אין די קינדער די ג׳לעכ־קייט. און נאָר מיט אזא ארט דרשה קען מען ווירקן אויף דעם צוהערער.

**דער ארויסגעבער.**

# לראש השנה.

אונזערע תפלות. — אונזערע קרושים. — רער ונתנה תקף. — מסירת נפש. — קרוש השם. — אידישע ערציאונג. — אידישע מוטערס און אידישע טעכטער.

עס איז כדאי צו אויסצוזלערנען גוט די העברייאישע שפראך, לשון הקודש, אום צו פארשטיין די הייליקע תפלות אונזערע. אין וועלכער שפראך איר וועט זיי איבערזעצן, וועט איר נישט קענען פילן די שיינקייט און די הייליקייט פון די תפלות, וואנדערן אין דער שפראך אין וועלכע זיי זיינען געשריבן געוואָרן — אין לשון הקודש, די נאציאָנאלע הייליגע שפראך פון דאָס אידיש פאָלק. און היינטיקע צייטן ווען מיר האָבן נישט קיין נביאים, נישט קיין בית המקדש וועלכער זאָל מכפר זיין אויף דעם כלל ישראל, איז געבליבן פאר אונז נאָר אונזערע תפלות, איבערהויפט די תפלות פון ראש השנה ויום כפור. און דאָס זאָגט דער מדרש — פנה אל תפלת הערער ולא בזה את תפלתם — (תהלים ק״ב, י״ז), א״ר יצחק, כלפי דורות אמרו שאין להם לא נביא ולא כהן ולא בית המקדש שמכפר עליהם, אלא תפלה אחת שנשתיירה להם שהם מתפללין בראש השנה וביוהכ״פ (מדרש תהלים, ק״ב).

און וואָס פאר א געטלעכקייט און שיינקייט און פאָעזי עס ליגט אין אונזערע תפלות פון ראש השנה און יום כפור בפרטז נעמט אלס ביישפיל די תפלה ובכן תן פחדך — יעדער וואָרט איז הייליג, דער איר בעט אז אלע און אלעס זאָל מורא האָבן פאר גאָט, און דאָס אלע פעלקער זאָלן זיך פאראייניקן, א ליגע פון פעלקער זאָל ווערן, וועמענס צוועק עס זאָל זיין טאָן גאָט׳ס רצון מיט א גאנצע הארץ „ויעשו כולם אגודה אחת לעשות רצונך בלבב שלם״ דאָס איז א הייליקער געבעט פאר דעם גליק פון די אומות העולם, דאָס אלע פעלקער פון דער וועלט זאָלן הייליק און גליקלעך זיין, און די תפלה תן כבוד ה׳ לעמך, איז א געבעט

פאר דעם אידישן פאָלק, א נאַציאָנאַלע תפלה, מען בעט גאָט פאר דעם אידישן כבוד „כבוד לעמך", מען בעט גאָט פאר ארץ ישראל, פאר ירושלים — „שמחה לארצך וששון לעירך", מען בעט גאָט אידן זאָלן אויסגעלייזט ווערן פון גלות — „צמיחת קרן לדוד עבדך ועריכת נר לבן ישי משיחך" עס זאָל קומען משיח במהרה בימינו. און ווי שטאַרק און מעכטיג איז די תפלה פון זבכן צדיקים — דאָ צייגט זיך ארויס די הויפט פרינציפן פון אידנטום, דאָס אידנטום פאָדערט גערעכטיקייט! דער צדיק זאָל פאַרנעמען דעם אויבן אָן פון דער וועלט, דער פראַנט פון לעבן, די צדיקים וועלן זיך פרייען, און די אומגערעכטיקייט וועט פאַרשליסן איר מויל, און די שלעכטעס פון דער וועלט וועט אויעק ווי מיט רויך, די תפלות פון ראש השנה און יום כפור צוזאַמען מיט די יוצרות און די פיוטים פון מחזור, קענען רירן א שטיינערנע הארץ, קענען שטורמען די אידישע נשמה, קענען אומקערן די אידישע הארץ צום רבונו של עולם אין הימל.

זייער א שטאַרקן, אויסערגעוויינלעכן איינדרוק מאַכט אויף אונז אָט יענער הייליקער מאָמענט ווען עס עפנט זיך דער ארון קודש: אלע שטעלן זיך אויף די פיס, און מען זאָגט דעם ונתנה תקף, די לופט פון שול ווערט אָנגעזאַפּט מיט קדושה וטהרה; א הייליקע שטימונג כאַפּט ארום אלע אידישע נשמות, און געוויס ווייסט איר די געשיכטע פון דעם ונתנה תקף, געוויס ווייסט איר וועגן דעם מחבר פון דער הייליגער תפלה, איר ווייסט דאָך דאָס זיין נאָמען איז געווען ר' אמנון, פון דעם לשון אמונה, גלויבן, ווייל ער האָט שטאַרק געגלויבט אין גאָט, איז געווען א גרויסער תלמיד חכם, א מיוחס, א בילד שיינער, און זייער רייך; איז געווען באַוואוסט און רעספעקטירט בא אלעמען. האָט אים גערופן צו זיך דער רעגירונג פאָרשטייער פון מאגאנצא און האָט אים שטאַרק גע-בעטן ער זאָל זיך שמד'ן, ווען ער שמד'ט זיך, וועט ער אים גליקלעך מאַכן. וויל דאָך ר' אמנון ארויסדרייען זיך, פטור ווערן פון אים, זאָגט ער אים — גיב מיר 3 טעג צייט און איך וועל דיר אָן ענטפער געבן. — און ר' אמנון קומט אהיים און וויינט מיט ביטערע טרערן, וואָס הייסט ער וועט אים אָן ענטפער געבן? מיינט דאָס ער דאַרף זיך מישב זיין, איז דען בא אים א ספק? וואָס האָט ער דאָס געטאָן? וועט ער דען זיך שמדן? וועט ער דען ניט פאַרגיסן דעם לעצטן טראָפּן בלוט פאר די הייליקייט

פון דער אידישער אמונה? און ר׳ אמנון באשליסט צו שטארבן על קדוש השם, און ווען מען שיקט נאך ר׳ אמנון, זאגט ער צום רעגירונגס פארשטייער — מיין צונג האט געזאגט שקר, איך וויל זיך גאר נישט מישב זיין, איך בין געבארן א איד און וועל שטארבן א איד. — דאס מען אים גענומען שניידן זיינע גלידער לעבעדיקערהייד, און בא יעדן אבר וואס מען דאט געוואלט רייסן פון אים, האט מען אים געזאגט: — שמד זיך! וועט מען דיר נישט שניידן לעבעדיקערהייד — און ר׳ אמנון האט איין ענטפער: — איך בין גליקלעך צו שטארבן על קדוש השם! עס איז געווען ראש השנה ווען ער איז געלעגן איינגאנצן א צעשניטענער, בעפאר זיין הייליגע נשמה האט געדארפט ארויס פון אים, האט ער גע־בעטן מען זאל אים ברייננגען אין שול, נעבן חזן, און אז ער איז געקומען פאר קדושה, האט ר׳ אמנון געזאגט צום חזן: — ווארט! לאז מיך מקדש השם זיין פארן טויט — ווארט דער חזן, ווארט דער עולם, א הייליגער היסטארישער מאמענט, און ר׳ אמנון זאגט די תפילה זיינע ונתנה תקף, און זאגט קדושה, און ווי ער ענדיקט דעם ונתנה תקף מיט דער קדושה, איז ארויס זיין הייליגע נשמה בקדושה ובטהרה. איז געקומען נאכדעם רבינו קלונימוס און האט פאנאנדערגעשיקט אט דעם שטיקל הייליגן פיוט צו אלע אידישע קהלות פון דער וועלט אייביקן אנדיינקונג צו די נשמה פון ר׳ אמנון, און דערפאר זאגן מיר דעם ונתנה תקף פאר קדושה ראש השנה און יום הכפורים. (זע שלשלת הקבלה כ״ו, צמח דוד זייט 52, אור החיים, זייט 295, הגהות אשרי ריש מסכת ראש השנה).

דער ונתנה תקף און דער מחבר ר׳ אמנון דערמאנען אינז אין די הייליגסטע טעג פון יאר, ראש השנה און יום כפור, דאס אנדערש קענען מיר נישט בלייבן קיין אידן, סיידן ווען מיר וועלן זיך קענען מוסר נפש זיין פארן אידנטום. אזוי האבן געטאן אידן אין אלע צייטן און אין אלע לענדער. ר׳ אמנון איז נישט געווען דער איינציקער קדוש בא אידן. אירן זיינען רייך מיט קדושים, די קדושי האומה, וועלכע זיינען געשטארבן על קדוש השם מיט „שמע ישראל" אויף זייערע ליפן. ר׳ אמנון איז נאר געווען א גוטער נאכפאלגער פון ר׳ עקיבא וועלכן מען האט געריסן זיין פלייש מיט אייזערנע קאמען און ער האט דאן, אין די שרעקלעכסטע יסורים וואס א מענטש קען האבן, האט ער געלייענט קריאת

שמע און איז אוועק פון דער וועלט מיט שמע ישראל ה׳ אלהינו ה׳ אחד!

און פיל, זייער פיל הרוגי מלכות און פארשידענע צדיקים און חסידים האָבן אידן פאַרמאָגט וועלכע זיינען געשטאָרבן על קדוש השם. און עלטערן האָבן זיך געפרייט ווען זייערע קינדער זיינען געשטאָרבן על קדוש השם. בא אהרן הכהן ווערן פאַרברענט זיינע ליבע זין, און משה רבינו זאָגט אים — ליבער ברודער! דיינע קינדער זיינען געשטאָרבן הייליג צו מאַכן גאָט׳ס נאָמען. — ווען אהרן דערהערט דאָס, וויינט ער נישט אויף זייער טויט, לאָזט נישט ארויס קיין טרערן און קיין זיפץ, ווייל זיי זיינען גליקלעך, ער איז גליקלעך, זיי זיינען דאָך געשטאָרבן על קדוש השם. — אמר לו משה לאהרן, אהרן אחי! לא מיתו בניך אלא להקדיש שמו של הקב״ה, וכיון שידע אהרן שבניו ידועי מקום הם, שתק וקבל שכר, שנאמר וידום אהרן — (זבחים קט״ו).

עס שטאַרבן די קינדער פון אהרן דורך קדוש השם און עס שטאַרבן אויפן „עלעקטרישן שטול״ אהרן׳ס קינדער היינט צו טאָג אלס פאַרברעכער, און זיי שטאַרבן „על חלול השם״. קדוש השם און חלול השם! היינטיקן טאָג, ראש השנה, דאַרפן מיר, רבותי, האָבן אַ ריכטיקן חשבון הנפש וועגן די אידישע ערציונג פון אונ־זערע קינדער: צו ערציען זיי אין דעם קדושים גייסט, ווייל דאָס אידיש פאָלק איז אַ קדושים פאָלק, קדושים תהיו כי קדוש אני ה׳ אלהיכם״. גאָט איז הייליג, און אידן דאַרפן לעבן און שטאַרבן אלס קדושים.

און ווען מיר ריידן וועגן די קדושה פון לעבן און וועגן ערציען קינדער אלס אידן, מוזן מיר מודה זיין אז דאָס אַלעס ווענדט זיך אָן די אידישע מוטערס, ווייל נאָר די אידישע מוטער האָט ערצויגן קדושים, נאָר די אידישע פאַרצייטיגע מוטער האָט ערצויגן דורות וועלכע האָבן געקאָנט שפּרינגען אין פייער מיט שמנע ישראל אויף די ליפּן. די אידישע געשיכטע דערציילט אונז ווען אַ הייליגע אידישע מוטער חנה וועמעס זיבן זין זיינען אומ־געקומען על קדוש השם. יעדערער איז געשטאָרבן מיט אַ פּסוק פון תנ״ך אויף זיינע ליפּן. האָבן זיך אויסגעלאַכט פון דעם שרעק־לעכן מיתה משונה טויט, ווייל זייער מוטער חנה האָט זיי באַ־גייסטערט און ערצויגן צו שטאַרבן על קדוש השם. און ווען איר

לעצטער קינד ווערט צעשניטן אויף שטיקער, קושט די מוטער חנה איר ליבן טויטן קינד און שיקט אים צו אברהם אבינו, און זאָגן אים דאָס ער האָט געבראַכט איין עקדה צו גאָט און זי, די אידישע מוטער, חנה, האָט געבראַכט 7 עקידות, און אָן אירע קינדער קען זי נישט לעבן, און פאַלט אראָפּ פון דאַך און שטאַרבט, און א בת־קול פון הימל זאָגט — אם הבנים שמחה (מדרש איכה, סימן כ״ג).

ווילן מיר ערציען א ריכטיקן אידישן דור, מוזן מיר ערציען אידיש אונזערע טעכטער: מיר מוזן צוגרייטן אידישע מוטערס, ווייל שבת, כשרות. טהרת המשפחה, חנוך הבנים, דאָס אלעס בּעלאַנגט דערהויפּט צו דער אידישער מוטער, און דערפאַר מוזן מיר ערציען אונזערע יונגע טעכטער זיי זאָלן קענען די העבּרייאישע שפּראַך, די העבּרייאישע ליטעראַטור, חומש, רש״י, נביאים, אידישע געשיכטע, דינים ומנהגים, און איינפלאַנצן אין זייערע יונגע צאַרטע הערצער און נשמות ליבּע און רעספּעקט צו אלעס וואָס בּאַ אידן איז הייליג און טייער, דאַן וועלן מיר האָבּן אזוינע אידן ווי ר׳ אמנון דער מחבר פון דעם ונתנה תקף, און מיר וועלן האָבּן לעבּעדיקע אידישע קינדער.

ווייל די גמרא זאָגט די צדיקים גמורים ווערן פאַרשריבּן אום ראש השנה בּאַלד צום לעבּן, ווייל צדיקים אפילו ווען זיי זיינען טויט, לעבּן זיי. א צדיק איז אומשטערבּלעך. און רשעים גמורים ווערן פאַרשריבּן ראש השנה צום טויט, ווייל רשעים בחייהם קרוים מתים, ווייל דער לעבּן פון א רשע איז א טויטער. די אידישע מוטער אָבּער דאַרף ערציען לעבּעדיקע אידישע קינדער, און מיר אלע וועלן זוכה זיין צו פאַרשריבּן ווערן בספרם של צדיקים, לאלתר לחיים, אמן! ואמן!

# תקיעת שופר.

א שרעק פאַלט אויף אלעמען. דער שופר בּלאָזט, וועקט, רופט, וויינט, קלאָגט, קרעכצעט. וואָס וויל דער שופר? פאַרוואָס מאַכט ער אונז אזוי אומעטיג? וואָס וויינט אין אים? זאָגט דער מדרש אז ווען יצחק איז געקומען צוריק פון דער עקידה, איז ער געקומען צו זיין ליבּע, געטרייע מוטער, אונזער אלעמענס מוטער

שרה, פרעגט זי אים: — וואו ביסטו געווען מיין קינד? — דערציילט ער איר די גאנצע געשיכטע פון דער עקידה. גיט די מוטער שרה א שרעקלעכן קרעכץ און זאָגט — וויי על ברי, אלולי המלאך כבר היית נשחט! — וויי איז צו מיר פאר מיין זון! ווען ניט דער מלאך, וואָלסטו שוין לאנג געווען א געקוילעטער! — ענטפערט יצחק — יא, מוטער, ווען נישט דער מלאך פון הימל וועלכער האָט אויסגעשריען: „אל תשלח ירך אל הנער ואל תעש לו מאומה", בעריר נישט דיין זון יצחק, ווען נישט ער, וואָלט איך שוין לאנג געווען געקוילעט דורך די הענט פון מיין פאָטער. באותה שעה — זאָגט דער מדרש — צווחה ששה קולות, כנגד ששה תקיעות, ראן האָט די מוטער שרה געשריען זעקס קולות אקעגן די 6 תקיעות (ויקרא רבה, פ"כ). און אונזערע חכמים זאָגן אויך — שרה בכתה שלש בכיות, כנגד ג' תקיעות, שלש יללות כנגד שלש יבבות, ופרחה נשמתה ומתה (פרקי דר"א, פ' ל"ב). שרה האָט געוויינט דריי געוויינען קעגן דריי תקיעות, דריי קלאָגן קעגן די דריי קלאָגן און זיפצן פון דעם שופר, און איר נשמה איז ארויסגעפלויגן און זי איז געשטאָרבן.

שרה שטארבט צוליב קינדער, שרה וואָלט נאָך פיל געלעבט, נאָר הערנדיק אז איר ליבער, הייליגער זון יצחק איז געראטעוועט פון טויט, פון א טויט צו וועלכן ער איז געווען גרייט, א טויט פון א קדוש, א הייליגער טויט, ער איז נעגאנגען מיט גרויס שמחה שטארבן על קדוש השם, ווערן א קרבן פאר גאָט, פון אזא גליקליכע בשורה, פון אזוי פיל נחת, האָט געפלאצט די מוטער שרה'ס הארץ, די הארץ האָט נישט געקענט אריבערטראָגן אזוי פיל גליק און פרייד און שרה איז געשטאָרבן.

און היינט איז ראש השנה, מיר בלאָזן שופר, זאָגט אונז דער מדרש אז דער געוויין פון שופר איז שרה'ס געוויין, ווען איר הערט ווי דער שופר כליפעט, קרעכצעט; ווען איר הערט ווי דער שופר וויינט, זאָלט איר וויסן, רבותי, א די שטימע פון דער אירישער מוטער וועלכע האָט מיט איר מארך, הארץ און בלוט ערצויגן קינדער און האָט זיי נאָכדעם צו דער עקידה געפירט, די פארצייטיגע הייליגע שרה'ס וועלכע האָבן ערצויגן קינדער וועלכע זיינען געשפרונגען אין פייער על קדוש השם, אָט די מאמעס וועמענס הייליגע, אומשולדיקע קינדער האָט מען אויף בוימער

געהאנגען, אין וואסער געוואָרפן, אין פייער געברענט, הענט און פיס געבראָכן, זיי זאָלן זיך שמדן, און זיי, די יונגע קינדער, האָבן פארגאָסן זייער לעצטן טראָפן בלוט און זיינען געגאנגען צום טויט, שטארבן על קדוש השם, אָט די אלע הונדערטער און טויזנטער הייליגע אידישע מוטערס וועמענס קינדער זיינען צו דער עקידה געגאנגען, זיינען געשטאָרבן על קדוש השם, אָט די אלע טויזנטער אידישע מוטערס באוויינען זייערע ליבע קינדער, זייער קרעכץ, זייער וויטיק, זייערע קולות, זייער געוויין, פון טויזנטער יאָרן, דער געוויין פון א מוטער וועלכע האָט אירע קינדער פארלאָרן, הערט זיך איצט דורך דעם שופר. דער שופר לאָזט הערן זייער וויטיק, זייער קרעכץ, און זייער שרעקלעכער, פארצווייפלטער געוויין, און דערפאר וויינט דער שופר. און פאר אונז שטייען איצט אויף גאנצע דורות פון קדושים וועלכע זיינען פארברענט געוואָרן על קדוש השם. דער שופר רופט ארויס אָט די אלע הייליגע נשמות. און די אלע קדושים בעטן אונז, אפעלירן צו אונז דורך דעם שופר, דאָס מיר זאָלן ערציען אונזערע קינדער אין דעם גייסט פון דער תורה, דאָס אונזערע קינדער זאָלן קענען אזוי ווי יצחק אבינו זיך מוסר נפש זיין פאר דאָס אידנטום.

די וויינענדיקע שטימע פון אונזער מוטער שרה רופט צו אלע אידישע מוטערס, און בעט זיי: — אידישע מוטערס! ערציט אייערע קינדער אזוי ווי איך האָב ערצויגן מיין זון יצחק, וועלכער איז געגאנגען מיט שמחה געקוילעט צו ווערן פאר דעם כבוד פון גאָט! — נישט אומזיסט מוזן אלע אידישע פרויען קומען שופר הערן, ווייל דער שופר איז א הייליקער רוף צו אלע אידישע מוטערס פון לאנד, וועלכער דערמאָנט זיי זייער הייליגן פליכט פאר דער אידישער ערציונג פון זייערע קינדער.

דורך דעם זכות פון די נשים צדקניות זיינען אונזערע עלטערן אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים, און דורך דעם זכות פון די נשים צדקניות פון היינטיקן דור, און דעם זכות פון יענע אידישע מוטערס וועלכע העלפן די תלמוד תורה׳ס און ישיבות פון לאנד, וועלכע העלפן צו ערציען א נייעם אידישן דור אין דעם גייסט פון דער אלטער הייליגער אידישער תורה, וועלן מיר זוכה זיין צו הערן דעם שופר של משיח במהרה בימינו, אמן! ואמן!

# שבת שובה.

שובה ישראל עד ה׳ אלהיך כי כשלת בעונך. קחו עמכם דברים ושובו אל ה׳ (הושע י״ד).

היינטיקער שבת איז אן אויסערגעווייגלעכער הייליגער שבת. יעדער שבת איז הייליג, און היינטיקער שבת איז קדשי קדשים פון אלע שבתים, ווייל אין היינטיקן שבת טוען אידן תשובה, האָבן א חשבון הנפש, און דערפאַר רופט זיך היינטיקער שבת „שבת תשובה״ אָדער „שבת שובה״.

מען רופט היינטיקן שבת „שבת שובה״ ווייל מען לייענט היינט אין דער הפטרה די שטאַרקע, גרויסע און הייליגע ווערטער פון דעם נביא הושע וועלכער זאָגט צו יעדן אידן שובה ישראל אל ה׳ אלהיך, קער זיך אום, דו איד, צו גאָט דיין גאָט! א גאַנצן יאָר געבלאָנדזשעט, אוועק פון גאָט, היינט, שובה ישראל! קער זיך אום צוריק, כי כשלת בעונך, דער אויעקגיין פון גאָט האָט דיר קיין גוטעס נישט געטאָן. דער פאַרצייטיגער פרומער איד האָט געלעבט לאַנג, איז געווען שטאַרק און געזונט, האָט געלעבט רואיג ווייל ער האָט אמונה און בטחון אין גאָט געהאַט, און דער וואָס האָט אמונה און בטחון האָט פאַר קיין זאַך קיין מורא נישט, ער זאָגט דאַן וואָס דוד המלך עליו השלום האָט געזאָגט — ה׳ רועי, לא אחסר! ווען גאָט איז מיין פירער. וועט מיר קיין זאַך נישט פעלן, וצדיק באמונתו יחיה! דער צדיק מיט זיין שטאַרקע און טיפע אמונה אין גאָט, לעבט, ער לעבט א רואיגן, צופרידענעם, גליקלעכן לעבן, ער האָט נישט וואָס צו זאָרגן און וואָס צו שרעקן זיך ווייל ער האָט דאָך אמונה און בטחון אין גאָט, און — נעמט צו פון א מענטשן דאגות, זאָרג, און שרעק, דאַן איז ער גליקלעך, אָבער ווי נאָר מען האָט אָנגעפאַנגען אנטלייפן פון גאָט, האָט מען אָנגעהויבן בלאָנדשן... אין חושך׳דיקע, פינסטערע וועגן פון לעבן... עס ווערט קאַלט און פינסטער... נישטאָ קיין אמונה, נישטאָ קיין בטחון, דאַן ווערט מען עלנד... שרעקלעך עלנד, מען איז דאַן נישט זיכער היינט וואָס וועט זיין מאָרגן, מען האָט מורא פאַרן מאָרגן, מען האָט מורא פאַרן אינגליק, פאַר דעם עלטער, מען איז אומרואיק, שרעקעדיק, נערוויוז און איינזאַם, עלנד... דאָס איז דער שרעקלעכער שטראָף פאַר אוועקגיין פון גאָט, כי כשלת

בעוניך, די פיסט דורכגעפאלן, די פיסט געשטרויכלט געוואָרן, די פיסט אומגליקלעך פאַר דײַנע זינד, און דערפאַר — שובה ישראל!

הושע הנביא — זאָגט דער מדרש — האָט זוכה געווען צו זײַן „דער נביא פון תשובה", און דאָס איז געווען אַ גרויסער זכות, ווײַל וועקן אידן צו תשובה, איז אַ גרויסע הייליגע און זייער נוצלעכע אַרבעט, און ווי דער מדרש וויל האָבן, האָט ער דאָס געהאַט צו פאַרדאַנקען צו ראובנ'ען, וועלכער האָט געוואָלט אומקערן יוסף הצדיק, צוריק צו זײַן פאָטער יעקב, און דערפאַר איז פון אים אַרויסגעקומען דער נביא הושע וועלכער האָט געזוכט אומקערן צו גאָט דעם פאַרבלאָנדזשעטן אידן, זאָגט דער מדרש — שובה ישראל, זה שאמר הכתוב מפרי פי איש ישבע בטנו (הושע ב') זה ראובן, שנאמר וישב ראובן אל הבור (בראשית ל"ז) אמר לו הקדוש ברוך הוא, אתה בקשתה למחזרא ברא חביבא לאבוי, חייך שבן בנך מחזיר את ישראל לאביהם שבשמים, ואיזה הוא? זה הושע!

הושע הנביא שטאַמט פון ראובנ'ען און זעצט פאָר די הייליגע אַרבעט צו אומקערן קינדער צום פאָטער, אידן צום רבונו של עולם. און דער מדרש זאָגט — אמר לו הקדוש ברוך הוא לראובן, מעולם לא חטא אדם לפני ועשה תשובה, ואתה פתחת בתשובה תחלה, חייך שבן בנך הושע בא ופותח בתשובה תחלה, ואומר שובה ישראל עד ה' אלהיך (ב"ר פ' מ"ד, ילקוט שם). די ברידער פאַרקויפן זייער אייגענעם ברודער יוספן, און — שאַ, שטיל, רואיק, נישט קיין ברעקל חרטה, נישט קיין תשובה. ראובן אָבער איז געווען דער יעניגער וועמעס האַרץ האָט זיך אַ צאַפל געטאָן צום רבונו של עולם, ער האָט תשובה געטאָן, און דערפאַר איז פון אים אַרויסגעקומען דער נביא הושע וועלכער האָט געשריען צו אידן, טוט תשובה, שובה ישראל!

ווי זינדיק און פאַרדאָרבן אַ איד איז, העלפט אים תשובה. ווען אפילו ער האָט געלייקנט אין גאָט. ווען אָבער ער פילט, דערקענט און פאַרשטייט ווי אומגליקלעך ער איז דאַמיט געווען, און קערט זיך אום צוריק צו גאָט, העלפט תשובה — עד ה' אלהיך — אפילו כפרת בעיקר! (ילקוט הושע).

אַ לעבן אָן גאָט, אַ גאָטלאָזער לעבן, חס ושלום, איז אַ ליידיקער, אַ פוסטער לעבן, אָן אינהאַלט. ווען אָבער מען טוט

תשובה און מען קערט זיך אום צוריק צו גאָט, ווערט דער לעבן אינטערעסאַנט, אינהאַלטסרייך, פול מיט קדושה. אָט דער געדאַנק ווערט אויסגעדריקט אין די ווערטער פון ילקוט: „אדם הלך לכבד את השלטון, הולך מלא וחוזר ריקם, אבל הקדוש ברוך הוא אינו כן, אלא הולכים אליו רקנים, וחיזרים מלאים, שנאמר כל תשא עון וקח טוב״ (ילקוט, רמז תקל״ב). ווען מען גייט צו א הערשער, קומט מען צו אים פול, פול מיט מתנות פאַר אים, ווען אָבער מען גייט אוועק פון אים, איז מען ליידיק. מען גייט צוריק מיט גאָרנישט, ווייל וואָס מען האָט געהאַט, האָט מען אים אוועקגעגעבן, צו גאָט אָבער — זאָגט דער ילקוט — קומט מען פוסט און ליידיק, און מען גייט אוועק פון אים פול, אינהאַלטסרייך, א לעבן וועלכער איז פול מיט קדושה, קדושת החיים.

שבת שובה איז די צייט פון תשובה. דער שבת דאַרף מכפר זיין אויף אונז פאַר אלע שבתים פון יאָר וועלכע מיר האָבן נישט געהיט. אין דעם שבת דאַרפן די רבנים, די דרשנים, די מטיפים, אלע וועלכע האָבן רעדנער טאַלאַנט, זיי אלע דאַרפן שטורמען די אידישע הערצער און וועקן צו תשובה אין היינטיקן שבת.

קחו עמך דברים ושובו אל ה׳ — נעמט מיט זיך ווערטער און מיט שטאַרקע, פייערדיקע ווערטער וועט איר זיך אומקערן צוריק צו גאָט. דער „לעבעדיקער וואָרט״ איז היילינ, שטאַרק, נייטיק, און זייער נוצלעך. מען האָט נאָך בא אונז נישט אָפּגעשאַצט גענוג די וויכטיקייט פון דאָס לעבעדיקן וואָרט. ווער ווייס וואָס מיט אידן וואָלט געווען, ווער ווייס צו עס וואָלט געווען אידן אויף דער וועלט, ווען נישט דער שטאַרקער, לעבעדיקער וואָרט פון אונזערע געטלעכע נביאים.

אין אלע צייטן פון גלות האָט דאָס וואָרט אונז געשטאַרקט און געטרייסט, און די השפעה פון די מגידים וועלכע האָבן געוועקט דעם עולם פון שלאָף, וועלכע האָבן אים געטרייסט אין זיינע צרות און ליידן, וועלכע האָבן דעם אידן אין גלות געמינ־טערט מיט דעם שיינעם, זיסן, האַרציק טרויעריקן מגיד נגון. די השפעה פון די מגידים איז נישט אָפּצושאַצן! דער מגיד איז געווען דער פאָלקס לערער, דער ערציער, דער לעקטאָר, דער פאָלקס רעדנער, דער וועג ווייזער פון פאָלק, און דאָס פאָלק האָט גע־

ליבט און פארגעטערט און איז נאָכגעלאָפן נאָך גרויסע מגידים בא אידן, און ווען מיר האָבן נישט געהאַט קיין פאָרמע פון א ליטע־ראַטור, האָט די דרוש ליטעראַטור אויסגעפילט דעם פּלאַץ פון א פאָלקס ליטעראַטור. א פרק משניות א בלאַט גמרא, פּוסקים, דאָ איז די הייליגע, גייסטלעכע שפּייז פון דעם למדן. דער יודע ספר אָבער און אויך דער גרויסער למדן וועלכער איז א „בעל רגש" געווען, האָט געשטילט זיין נשמה דורשט אין דער דרוש ומוסר ליטעראַטור. און ווער וויים וויפיל ערגער עס וואָלט אויסגעקוקט דער אידישער אָרטאָדאָקסישער לעבן אין דער וועלט, ווען ניט די הונדערטער דרשות וואָס ווערן אָפּגעהאַלטן יעדן שבת, כמעט אין אלע שולן פון די גרעסטע אידישע קהלות אין דער וועלט.

דער לעבעדיקער וואָרט קען אויפלעבן דאָס אידנטום, דער שטאַרקער וואָרט קען שטאַרקן דאָס אידנטום און אלעס וואָס בא אונז איז ליב, הייליג און טייער. און דערפאַר לייענען מיר היינטיקן שבת אין דער הפטרה די שטאַרקע און לעבעדיקע ווערטער פון דעם נביא הושע, קחו עמכם דברים ושובו אל ה׳, נעמט מיט אייך ווערטער און דורך דאָס וואָרט וועט איר זיך אומקערן צוריק צו גאָט. זאָגט דער ילקוט קורץ און שאַרף, קחו עמכם דברים — קחו עמכם קראים טובים דרשנים טובים כגון לוי בר סיסי וחביריו (ילקוט הושע, רמז תקל״ג).

מיר האָבן ר״ה געזאָגט: היום הרת עולם — היינט איז דער געבורט פון דער וועלט, היינט ווערן געשטעלט פאַרן משפט אלע באשעפענישן פון דער וועלט. — רבונו של עולם באטראכטסט אונז פאר קינדער אָדער פאר קנעכט? אויב פאר קינדער, דער־באַרם זיך איבער אונז ווי א פאָטער איבער זיינע קינדער. און אויב ווי קנעכט זיינען אויך אונזערע אויגן צו דיר געווענדעט. ביז דו וועסט זיך איבער אונז דערבאַרעמען — און דו וועסט אויף אונז ארויסגעבן א ליכטיקן אורטייל, א פארכטיקן און הייליקן. אמן.

# צו כל נדרי.

רבותי! איצט, אין דער הייליגסטער נאַכט פון יאָר, יום כפור נאַכט, שטעל א.ך זיך ריידן צו אייך, און מיין האַרץ קלאַפּט, מיין נשמה ציטערט, די קדושה פון היינטיקער נאַכט שרעקט מיך.

וועד בין איך, איך וואָל וואָגן מוסר אין היינטיקער הייליקער נאַכט ?

איך זע פאַר זיך אַן אויסערגעוויינלעך געפּאַקטע שול פון אידן און אידישע פרויען, כן ירבו, איך פיל א הייליקע שטימונג. וועלכער איד קומט דאָס נישט היינט בּנאַכט אין שול? פונקט ווי פויגעלעך וועלכע צעפליען זיך אין אלע זייטן, אָבער ווען עס קומט אָן א שטורעם, לויפן זיי אהיים, אין זייער נעסט, צו באַהאַלטן זיך, אזוי קומען אלע וואָס שטאַמען פון אידן אין דעם שטורעם פון יום הדין, אין דעם הייליגן נעסט פון דער אידישער נשמה — אין שול אריין.

און איך רוף צו דיר גאָט! שומר ישראל! דו גאָט וועלכער היט די אידן פאַר די לעצטע צוויי טויזנט יאָר אין גלות זיי זאָלן חס ושלום נישט אונטערגיין — בעטן מיר דיר רבונו של עולם, זאָלסט זיי אויך ווייטער פאַרהיטן די ביסל פרומע אידן, וועלכע היטן שבת, כשרות, טהרת המשפחה, וועלכע העלפן ללמוד תורה׳ס און ישיבות, וועלכע שטאַרקן דאָס אידנטום, זיי זיינען אין היינטיקער צייט די „שארית ישראל", די איבערגעבליבענע אמתע אידן, היט זיי גאָט! אָבער „ואל יאבד ישראל האומרים שמע ישראל"! עס זאָלן ח״ו נישט אונטערגיין יענע ראַדיקאַלע נישט פרומע אידן, וועלכע קומען איין מאָל אין יאָר, אום יום כפור און זיי זאָגן דאָן: שמע ישראל! כי לא ידח ממנו נדח, זיי זיינען דאָך אלע גלידער פון דעם אידישן אָרגאַניזם, א שוואַכער אבר, אָבער דאָך אן אבר! ישראל אף על פי שחטא ישראל הוא — זאָגן אונזערע חכמים זכרונם לברכה — א איד וועלכער האָט געזינדיגט, ווערט נישט אינגאַנצן אוים איד, נאָר ער איז א „זינדיקער איד", אָבער א איד איז ער!

עס איז א א מנהג אָנצוצינדן אסך ליכט היינט בּנאַכט. אין דער אלטער היים געדיינקט איר דאָך, בּאלד ווי מען פלעגט אריינקומען אין שול צו כל נדרי, האָט מען געזען פאַר זיך א ים מיט ליכט, ליכט, ליכט, און ליכט. דער איד האלט פון ליכטיקייט. דער פאַרטרייבּט פינסטערניש. דאָבּן מיר דאָך אָט ערשט געזאָגט „אור זרוע לצדיק", אן אוצר פון ליכט איז פאַרזייט בּאם צדיק. א רשע לעבּט אין דער פינסטערניש, קיינער טאָר נישט זען זיינע שלעכטע מעשים, ער האָט ליב פינסטערניש. דאָס אידיש

פאָלק איז א ליכט־צינדער. ווי מען ברענגט נאָר אריין דאָס אידיש קינד אין דעם הייליגן אידישן פאַרבאַנד, מען איז אים מל, צינדט מען אָן ליכט (שבלי הלקט הלכות מילה, סימן ז׳). עס איז געווען אַמאָל אַ מנהג בּאַ אידן, דאָס דעם ערשטן מאָל ווען אַ פּאָטער פלעגט בּרענגען זיין קינד אין שול, פלעגט ער מיטבּרענגען מיט זיך אַ וואַקסענע ליכט (ב״י או״ח סימן ש״ח). ווען ער וואַקסט אויס און גייט צו דער חופה, צינדט מען ליכט; ווען עס קומט דער לעצטער מינוט פון לעבּן, בּאַ יציאת נשמה, צינדט מען ליכט; צו יאָרצייט — ליכט, און ערב יום כפור בּרענגט מען אין שול ליכט. אַט אזוי האַלט דער איד אין צינדן ליכט פון וויגעלע בּיז קבר.

מען צינדט ליכט וויל די נשמה איז געגליכן צו אַ ליכט „נר ה׳ נשמת אדם״ אַ געטלעכע ליכט איז די מענטשלעכע נשמה (תנחומא אמר, מחזור וויטרי, צד 373, שו״ע או״ח סימן תר״י סעיף כ׳, ג׳ ר׳, ובמשנה ברורה שם). און היינט צו כל נדרי, איז אונזער אויפגאַבּע צו אָנצינדן אונזער נשמה מיט די הייליגקייט פון אידנטום.

עס איז אַ מנהג בּאַ אידן צו בּרענגען ערב יום הכפורים אין שול אַ „נשמה ליכט״, צו מכפּר זיין אויפן פּאָטער און מוטער וועלכע זיינען טויט (מרדכי ומהרי״ו, כל בו, שו״ע או״ח סימן תר״י סעיף קטן ד׳), און דאָס מיינט, אַז היינט בּאַנאַכט דאַרף מען זיך דערמאָנען אויף די טויטע עלטערן, און וואָס איז, רבותי, מיט די לעבּעדיקע עלטערן? טוען מיר פאַר זיי וואָס מיר דאַרפן טאָן? פיל פון זיי, אלטע טאַטעס און מאַמאַס, האָבּן נישט וואו זייער אלטן קאָפּ אין די נאַכט פון זייער לעבּן אוועקצולייגן? פיל פון זיי קענען בּאַ זייערע אייגענע קינדער, בּאַ זייער פלייש און בּלוט, גאָרנישט עסן, וויל בּאַ זייערע אייגענע קינדער איז נישט כשר! עלטערן וועלכע האָבּן זיך געאָפּפערט צוליב זייערע קינדער, דאַרפן זיך איצט וואַלגערן אין מושב זקנים?! ווי שרעקלעך זיינען די ווערטער פון אלטע פּאָטערס און מוטערס וועלכע וועלן בּעטן בּאַ גאָט היינט בּאַנאַכט — „אל תשליכנו לעת זקנה, ככלות כחנו אל תעזבנו״, וואַרף אונז נישט אוועק, רבונו של עולם, אויף די עלטערע יאָרן, ווען די כחות גייען אויס, פאַרלאָז אונז נישט, גרויסער גאָט!

און וואו איז היינט אונזער נשמה ליכט פאר די טויטע עלטערן? ווען, למשל, אונזערע טויטע עלטערן וואלטן צוריק לע־בעדיק געוואָרן און וואלט געקומען אין אונזערע הייזער און וואלטן געזען אונזערע שבתדיקע הייזער, אונזער היטן זיך אין כשרות, אונזער טהרת המשפחה, און ווי אונזערע קינדער ווייסן פון אידישקייט אזוי גוט, וואלטן זיי דאן נישט געבעטן דעם טויט אויף זיך?!

רבותי! מיר האָבן נישט לאנג צוריק די „תפלה זכה" געזאגט, איינע פון אונזערע שענסטע תפלות. דער וואָס פארשטייט העברייאיש און זאָגט די תפלה זכה, די ר ײ נ ע תפלה, ווערט זיין נשמה ריין. מיר זיינען אָנגעטאָן אין קיטלען, ריין, ווייס, ווי מלאכים. דער קיטל דערמאָנט אונז אָבער אויך אונזער לעצטער בגד וואָס מען וועט אונז אלעמען אָנטאָן ווען מיר וועלן געבן דעם לעצטן קרעכץ אויף דער וועלט, ווען מיר וועלן זאָגן דעם לעצטן אויפווידערזען. דער קיטל דערמאָנט אונז דאָס מיר זיינען שטערבלעכע מענטשן, אייביק לעבט מען נישט, דער לעבן איז קורץ, מיר וועלן אוועקגיין פון דער וועלט. אונזערע קינדער וועלן דאָס דארפן איבערנעמען אונזער ירושה, אונזערע שולן, אונזערע תלמוד תורה'ס און ישיבות, אונזערע קהל'שע אנשטאַלטן, אונזער ש״ס ופוסקים, אונזער הייליגע תורה. אירן! עס איז יום כפור נאכט, מיר גייען דאך איצט צום יום הדין, לאָמיר זיך אליין נישט נארן, מיר בעטן דאך גאָט „עשה למען תינוקות של בית רבן". העלף אונז צוליב דעם זכות פון אונזערע קליינע קינדער וועלכע לערנען תורה — לערנען אונזערע קליינע קינדער אונזער הייליגע תורה? קענען אונזערע קינדער אונזער הייליגער נאציאָנאלער שפראך, העברייאיש? ווייסן אונזערע קינדער די תורה, רש״י, משנה אגדה, גמרא, דינים ומנהגים? ווייסן דען אונזעערע קינדער די גרויסע געשיכטע פון אונזער פאָלק? זיינען דען זיי באקאנט מיט דער היסטאָריע פון דעם אידישן פאָלק? וואָס ווייסן אונזערע קינדער פון אידישקייט?! און ווען זיי לערנען נישט, ווען זיי ווייסן נישט, וועלן זיי דאך אוועק פון אונז, אינגאנצן אוועקגיין, און מיר אלע וועלן דאך ח״ו אונטערגיין, מיר וועלן בלייבן קינדערלאָז! דאָס איז דאך די גרעסטע קללה אויף דער וועלט! לאָמיר באשליסן היינט באנאכט צו העלפן גרינדן און אויפהאַלטן גוטע תלמוד תורה'ס און ישיבות פאר אונזערע

קינדער, און ווי וועלן זיין די בעסטע נשמה ליכט וואס מיר קענען אנצינדן.

רבותי! היינט באנאכט ווינען מיר מקבל אויף זיך די הוי־ליקייט פון יום כפור און דעם תענית. מיר גייען פאסטן, נישט עסן און נישט טרינקען גאנצע 24 שעה, ווייל מיר האבן געזינדיגט מיט אונזער עסן, אונזער עסן איז נישט גענוג היילינג ווי עס דארף צו זיין, עס איז נישט גענוג כשר, מיר האבן נישט געהייליגט אונזערע 5 חושים, וועלכע יעדער געזונטער מענטש פארמאגט, און דערפאר האבן מיר יום כפור 5 ענוים: נישט עסן, נישט טרינקען, נישט וואשן זיך, נישט שמירן זיך, נישט אנטאן קיין שיך, און נישט קיין תשמיש המטה. און דורך די 5 ענוים וועלן מיר מאכן הייליג אלע אונזערע חושים, די אויג, דעם אויער, די הענט, די פיס, אלע אונזערע טעטיקע גלידער אין אונזער קערפער, און מיר וועלן זיין אין דער מדרגה פון מלאכים, די בהמה, די חיה וואס ליגט א גאנצן יאר אין אונז, וועט אפשטארבן, דער איד, דער מלאך אין אונז, וועט אפלעבן, און מיר וועלן קומען צו דער מדרגה פון אדם הראשון בעפאר ער האט געזינדיגט. און דערפאר רבותי, האבן מיר 5 תפלות: יום כפור אוונט, שחרית, מוסף, מנחה, נעילה. די 5 תפילות פון יום כפור זיינען אנטקעגן די 5 ענוים. און איצט, הייליגע אידן, לאמיר אויף זיך מקבל זיין דעם תענית פון יום כפור. דער תענית זאל מכפר זיין אויף אונזער גוף און נשמה. גאט זאל אונז אלעמען שטארקן מיר זאלן כח האבן צו פאסטן, עס זאל ח״ו קיין אומגליק טרעפן צו קיין איד און צו קיין אידישער פרוי אינם ראזיקן תענית. גאט זאל געבן דאס אונזערע תפלות זאל אנגענומען ווערן באם רבונו של עולם, ווי שלמה המלך האט געבעטן: „זאלסט הערן פון הימל די אידישע תפלות, און דו זאלסט מוחל זיין, גרויסער גאט, צו דיין פאלק ישראל וועלכע האבן געזינדיגט קעגן דיר״. גיב אלע אידן א נייעם גליק־לעכן יאר, קיינער זאל נישט פעלן פון אונז איבעראיאר צו כל נדרי. מיר זאלן זוכה זיין צו ישועות ונחמות און צו א גאולה שלימה במהרה ובימינו אמן!

---

# יום כפור.

היינט, דער היליגסטער טאָג פון יאָר, יום הכפורים, היינט איז די פּאַסיגסטע צייט צו האָבן אַ ריכטיקן חשבון הנפש, צו שטודירן אונזער פאַרגאַנגענהייט און צו נעמען פון די פאַרגאַנגענהייט אַ לעקציע, אַ מוסר, און אַ גוטן ביישפּיל פאַר אונזער צוקונפט.

מיר עפענען איצט אויף דעם ספר פון אַלע ספרים, דעם תנ"ך, מיר עפענען אויף דברי הימים ב', קאַפּיטל כ"ד, און מיר לייענען דאָרט ווי עס לעבט און שטאַרבט אַ באַוואוסטער כהן בא אידן מיט דעם נאָמען יהוידע, וועלכער איז אַלט געוועזן ווען ער איז געשטאָרבן 130 יאָר און מען האָט אים מקבר געוועזן אין דער שטאָט פון דוד צוזאַמען מיט די מלכים, ווייל „כי עשה טובה בישראל ועם האלהים וביתו", ער האָט גוטס געטאָן מיט אידן, מיט גאָט, און מיט דעם בית המקדש. אין נאָך דעם טויט פון יהוידע הכהן, פאַרלאָזן אידן גאָט, דינען פרעמדע, גוי'אישע געטער, ווערן אסימילירט, קומען די נביאים, ריידן צו זיי, שטראָפן זיי, און עס העלפט קיין זאַך, דאָס פאָלק איז שרעקלעך פאַרדאָרבן, טיף געזונקען. און דאַן קומט דער זון פון יהוידע הכהן, דער נביא און כהן זכריה, און דער תנ"ך דערציילט אונז „ורוח אלהים לבשה אל זכריה בן יהוידע הכהן ויעמד מעל לעם, ויאמר להם כה אמר האלהים למה אתם עוברים את מצות ה' ולא תצליחו, כי עזבתם את ה' ויעזב אתכם.

און גאָטס גייסט האָט זיך אָנגעטאָן אין זכריה דער זון פון דעם כהן יהוידע, און ער האָט זיך אוועקגעשטעלט „העכער פון פאָלק", און ער האָט געזאָגט צום פאָלק — פאַרוואָס טוט איר נישט וואָס גאָט הייסט אייך? איר וועט נישט האָבן קיין הצלחה! ווייל איר האָט אוועקגעלאָזן גאָט, וועט גאָט אייך איבערלאָזן.

האָבן די אידן געמאַכט אַ בונט, און מען האָט אים פאַרוואָרפן מיט שטיינער, אזוי האָט דער קעניג געהייסן, אין דעם הויף פון גאָטס הויז. און אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן, פאַרן טויט, האָט דער דערמאָרדעטער נביא זכריה אויסגערופן: „ירא ה' וידרוש", זאָל גאָט זען, און ער זאָל זיך אָננעמען פאַר מיין פאַרגאָסענעם בלוט (דברי הימים ב', כ"ד).

עפּענען מיר דעם מדרש און מיר לייענען דאָרט דאָס זכריה איז געווען אַ כהן גדול, און אַ דיין. מען האָט פאַרגאָסן זיינע הייליגע בלוט אין בית המקדש, אין עזרת כהנים, און מען האָט זיין בלוט נישט צוגערעקט אפילו ווי מען דעקט צו די בלוט פון אַ הירש אָון אַ באַראַן. האָבן 5 עבירות דאַן אידן עובר געווען אין יענעם טאָג: זיי האָבן דערמאָרדעט א כהן, אַ נביא, אַ דיין, האָבן פאַרגאָסן ריינע בלוט, האָבן מחלל השם געווען, האָבן מטמא געווען די עזרה, און ווייסט איר אין וועלכן טאָג זיי האָבן דאָס אַלעס געטאָן — אום י ו ם כ פ ו ר, עס איז דאַן געווען שבת יום כפור!

און — בלוט שווייגט נישט! נבוזראדן קומט חרוב מאַכן דעם בית המקדש. ער זעט בלוט, מענטשלעכע בלוט, און ער הערט ווי די בלוט זידט, זידט און קאָכט. עד ווערט איבעראַשט און ער פרעגט די אידן — מה טיבו של דם זה? וואָס איז דער מער מיט די בלוט? — ענטפערן זיי אים — דם פרים ואילים וכבשים שהיינו שוחטין! — דאָס איז די בלוט פון אָקסן, באַראַנעס און שעפּסן וואָס מיר האָבן געקוילעט — שיקט נבוזראדן און ברענגט די בלוט פון די קרבנות און איבערציינגט זיך אז דאָס איז נישט ריכטיג, יענע בלוט איז נישט גלייך צו די בלוט. זאָגט צו זיי נבוזראדן — וועט איר מיר זאָגן דעם אמת, איז גוט, און ווען נישט, וועל איך אייך שניידן אייערע לייבער מיט אייזערנע קאַמען! — זאָגן זיי — וואָס זאָלן מיר דיר זאָגן? מיר האָבן אַ נביא גע- האַט, וועלכער פלעגט אונז שטראָפן, האָבן מיר אים דערמאָרדעט! און שוין פיל יאָר דאָס זיין בלוט ווערט נישט איינגעשטילט, זיין בלוט האַלט אין איין זידן. — זאָגט נבוזראדאן — איך וועל אים איבערבעטן. — האָט ער געבראַכט די חכמי פון די סנהדרי גדולה און פון סנהדרי קטנה, די וויכטיגסטע אידן וואָס דאָס אידיש פאָלק האָט פאַרמאָגט, און האָט זיי געקוילעט. זייער בלוט האָט זיך באַגעגנט מיט די בלוט פון זכריה, און — עס העלפט נישט, די בלוט זידט! האָט ער געבראַכט אידישע יונגע זין און אידישע מיידלעך, האָט זיי געקוילעט און האָט אריינגעגאָסן זייער בלוט אין זכריה'ס בלוט, און — די בלוט זידט נאָך אַלץ! האָט ער געקוילעט אַלע אידישע קליינע קינדער און גיסט זייער בלוט אין די בלוט פון זכריה, און די בלוט זידט און קאָכט! האָט ער גע- בראַכט 80 טויזנט יונגע כהנים, פרחי כהונה, ער האָט אלעמען

געקוילעט, האָט אריינגעגאָסן זייער בלוט אין זכריה׳ס בלוט, און זיין בלוט ווערט אלץ נישט שטיל, די בלוט זיינע זירט און קאָכט. האָט נבוזראדאן געזאָגט: — זכריה! זכריה! כל טובים שבהם איבדתי, די בעסטע אידן האָב איך שוין אויסגעקוילעט, ווילסטו איך זאָל אויסקוילען אלע אידן? — כדאמר ליה הכי מיד נח, ווי נבוזראדאן האָט דאָס געזאָגט, איז די בלוט שטיל געוואָרן. זאָגט דער מדרש „בההיא שעתא הרהר לעשות תשובה בנפשיה ואמר: ומה על נפש אחת כך, ההוא גברא דקטל כל הנהו נפשתא על אחת כמה וכמה״. באַלד האָט דער גרויזאַמער טיראַן נבוזראדאן געפילט עפּעס וואָס ער האָט נישט געפילט זיין גאַנצן לעבן. זיין שטיינערנע האַרץ האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן, און ער האָט אַ טראַכט געטאָן וועגן תשובה, און ער האָט צו זיך געזאָגט — צוליב איין נשמה, צוליב איין פּריצייטיקן טויט, וואָס דאָ האָט זיך אָפּגעטאָן, אה, רבונו של עולם, ווי שרעקלעך! הײנט איך, וואָס האָב אזוי פיל בלוט פאַרגאָסן, וואָס וועט מיט מיר זיין? בלוט שווייגט נישט! — און דער פירער, דער גענעראַל פון א גרויסע, ריזיגע ארמיי, איז אנטלאָפן פון אלעמען, און האָט זיך מגיר געווען, איז געוואָרן אַ איד (ילקוט דה״ב, רמ״ז אלף פ״ה, קהלת רבה פ״ג, איכה רבה פ״ב ופ״ד, ירושלמי תענית פ׳ ד׳, ילקוט יחזקאל, רמז שס״ד, גיטין נ״ז, סנהדרין צ״ו, ילקוט איכה, פתיחתא דאיכה רבתי, כ״ג).

אַ וויכטיגע, טראַגישע פּאַסירונג האָט מיט טויזנטער יאָר צוריק פּאַסירט בּאַ אידן. מען האָט דערמאָרדעט אַ נביא, אַן אמת זאָגער, אַ מוכיח, אַ שטראָפער, און זעט וואָס עס האָט זיך אָפּ־געטאָן?! און אפילו אַזאַ ווילדער טיראַן ווי אַ נבוזראדאן, ווערט זיין נשמה אויפגעטרייסלט און פאַרשטייט דעם זין פון לעבן, און פאַרשטייט די הייליקייט פון אידישע בלוט און ער ווערט אַ בעל תשובה, ער ווערט אַ איד.

עס איז גוט אום יום כפור צו דערמאָנען זיך אויף אָט די שרעקלעכע פּאַסירונג וואָס עס האָט פּאַסירט מיט טויזנטער יאָרן צוריק בּאַ אידן אום שבת יום כפור אום מיר זאָלן זיך גוט ארײנ־טראַכטן אין דעם, און לערנען, און פאַרשטיין, ווי הייליג אַ מענטשלעכער לעבן איז, ווי הייליג אידישע בלוט איז, און ווי ווייט מיר דאַרפן בּאַהאַנדלען אָרנטלעך און גוט אונזערע מיטמענטשן, און דאָס „עבירות שבין אדם למקום יום הכפורים מכפר״, יום

כפור איז מכפר נאָר אויף די זינד פון מענטש צו גאָט, אָבער עבירות שבין אדם לחבירו, אין יום הכפור מכפר עד שירצה את חבירו! די עבירות פון מענטש צו מענטש, זיינען אזוי גרוים, אזוי שרעקלעך שווער, דאָס אפילו דער הייליגער יום כפור טאָג קען דערצו גאָרנישט העלפן, סיידן מיר בעטן איבער איינער דעם צווייטן און יענער איז מוחל — פאַרגאָסענע זכריה הנביאס בלוט שווייגט נישט! אלע אידן האלטן דערפאַר באַם אונטערגיין, און עס העלפט נישט קיין תענית, קיין מחזור, קיין פיוטים, עס העלפט קיין זאַך נישט, נאָר — איבערבעטן! נבוזראדאן וויל איבערבעטן בלוט מיט אנדערע פאַרגאָסענע בלוט, דאָס איז נישט קיין אידישער באַגריף, און דאָס העלפט נישט! אידן טאָרן נישט פאַרגיסן קיין בלוט! אידן טאָרן נישט פאַרפאָלגן די מוכיחים, די אמת זאָגער, די נביאים, די דרשנים; אידן טאָרן נישט טאָן קיין שלעכטעס איינער דעם צווייטן, און דערפאַר וואָס אידן האָבן אום יום כפור פאַרגאָסן זכריה הנביא׳ס בלוט, זיינען טייכן הייליגע אידישע בלוט פאַרגאָסן געוואָרן; און דערפאַר וואָס ברידער פאַרקויפן אַ ברודער, דערפאַר וואָס די ברידער האָבן פאַרקויפט יוסף הצדיק, דערפאַר — זאָגט דער מדרש און די חכמי המקובלים — זיינען טייכן אידישע בלוט פאַרגאָסן געוואָרן און „דערפאַר די עשרה הרוגי מלכות" וועלכע מיר לייענען היינט אום יום כפור!

און מערקווירדיק! אידן פאַרגיסן נישט בלוט. אידן האָסן בלוט! אידן טאָרן נישט עסן קיין בלוט. און ווען זיי האָבן איינמאָל יא פאַרגאָסן בלוט, זכריה הנביא׳ס בלוט, קענען זיי זיך נישט אויסצאָלן! פאַרגיסט מען די בלוט פון די סנהדרין, פון די תינוקות של בית רבן, ווייל אידן זיינען רחמנים בני רחמנים, אידן זיינען נישט קיין בלוט פאַרגיסער.

און יועו מיר דערמאָנען זיך וואָס אידן האָבן זיך אמאָל באַנאַרישט, און האָבן אַ פאַרברעכן באַגאַנגען אום יום כפור, דאַרפן מיר זיך אָבער דערמאָנען וויפיל טייכן בלוט האָבן אידן פאַרגאָסן על קדוש השם! און דערפאַר לייענען מיר היינט, אום יום כפור, די געשיכטע פון די „עשרה הרוגי מלכות".

מיר לייענען און די האַרץ קלאַפּט, די נשמה אין גאַנז שטורעמט: מיר לייענען איבער דעם שרעקלעכן טויט פון רבי ישמעאל כהן גדול, פון רבי שמעון בן גמליאל וואָס לשפוך דמו

מהר כשור פר, דער שונא האָט זיך געאײלט צו פאַרגיסן זײן בלוט ווי די בלוט פון אן אָקס; מען שײלט די הויט פון דעם פנים פון רבי ישמעאל, מען שײלט די הויט פון אַ לעבעדיקן מענטשן, פון אַ קדוש! מען רײסט די אברים פון רבי עקיבא מיט אײזערנע קאַמען; מען ברענט לעבעדיקערהײט רבי חנניה בן תרדיון, און די אַלע אנדערע וועלכע מען האָט געטויט וואָס על דבר מועט נשפּך דמן, לקדש שם שמיםמסרו עצמן, וועלכע האָבן געגעבן זײערע הײליגע בלוט צו מאַכן הײליג גאָטס נאָמען, זײנען געשטאָרבן על קדוש השם, און מיר טאָרן נישט פאַרגעסן יענע הײליגע, אומשולדיק פאַרגאָסענע בלוט! נקמה! אַ שרעקלעכע נקמה מוזן מיר נעמען! אָבער אונזער נקמה דאַרף זײן אַ הײליגע, אַ מאָראַלישע, אַ א י ד י ש ע נקמה; אונזער נקמה דאַרף נישט באַשטײן אין בלוט פאַרגיסן, אַ איד איז נישט קײן בלוט פאַרגיסער, —אַ טײל נישטאידישע וועלט וויל מיר זאָלן ווערן נישט אידן, מיר זאָלן נישט היטן קײן שבת און קײנע מצוות פון דער תורה, מיר אָבער דאַרף מיט זײ מלחמה האַלטן, מיר דאַרפן היטן יעדער מצוה פון דער תורה, און מיר דאַרפן ערציען יעדן אידיש קינד, אינגלעך און מײדלעך, אין אַ גוטע אידישע דערציאונג. מען האָט אויסגעקוילעט אונזערע רבי ישמעאל׳ס, רבי שמעון׳ס, רבי עקיבא׳ס, רבי חנניא בן תרדיון׳ס, לאָמיר אוועקגעבן אונזער געלט, אונזער צײט, אונזער מאַרך, אז מיר זאָלן ערציען אונזערע קינדער אלס פײערדיקע אידישע קעמפער וועלכע זאָלן לעבן, ארבעטן, ווירקן און קעמפן אין דעם גײסט פון ר׳ ישמעאל כהן גדול, פון רבי עקיבא און פון רבי חנניא בן תרדיון, און דאַן, נאָר דאַן, וועלן מיר לעבן און באַקעמפן אלע אונזערע אינערלעכע און אויסערלעכע שונאים.

און מיר נעמען דעם מחזור אין האַנט און מיר זאָגן מיט גאַנצן האַרצן.

חנון! הביטה ממרומים, תשפוכת דם הצדיקים והמצית דמים, תראה בפרגודך והעבר כתמים, אל מלך יושב על כסא רחמים! גאָט, גוטער גאָט! קוק אראָפּ פון דער הויך! זע די פאַרגאָסענע הײליגע בלוט פון די צדיקים, זע און נעם אראָפּ פון אונז אונזערע פלעקן, דו גאָט וועלכער זיצט אויף דעם רחמנות שטול, אויף דעם כסא רחמים! און מיר אלע זאָלן האָבן אַ נײעם גליקלעכן יאָר, אַ כתיבה וחתימה טובה, אַ גאולה וישועה, אמן! ואמן!

# צו נעילה.

רבותי! מיר האלטן איצט בא נעילה. די טויערן פון הימל האלטן זיך באם שליסן. קנאפע צוויי שעה איז געבליבן צו די ענדע פון ימים נוראים. מיר גייען דורכלעבן איצט די נעילה שטימונג, די שענסטע און הייליגסטע שטימונג פון יאָר. בא א אידן וועלכער האָט דורכגעלעבט די ימים נוראים צייט אין קדושה וטהרה, איז איצט צו נעילה די נשמה ריין ווי גאָלד. זי איז שיין ווי די שכינה. יעדער פילט זיך איצט רוחניות'דיק, די נשמה האָט זיך באפרייט פון גוף.

אין איצטיקן אויסערגעוויינלעכן הייליגן און שיינעם מאָמענט — דער נעילה מאָמענט — מוזן מיר איז אזא גרויסן, שיינעם, הייליגן מאָמענט געבן אויסדרוק צו אונזערע רייכע, הייליגע אידישע נעילה געפילן, און דער נעילה נגון גלעט אונזער נשמה. און ווען די לעצטע שטראַלן פון דער יום כפור זון וועלן באַלייכטן דעם עמוד פון אונזער שול, וועט איר זען, הייליגע אידן, ווי די מלאכים פון הימל וועלן קומען און העלפן אונז מיטזינגען, ווייל נעילה איז דער קדשי קדשים פון די ימים נוראים. איצט פילן מיר הייליגקייט אין אונז און ארום אונז, די וועלט איז הייליג און דער מענטש איז הייליג.

די טויערן פון די הימלען איז איצט אָפן פאר אונז, עס איז נישטאָ קיין מחיצה צווישן אונז און די מלאכים פון הימל. לאָמיר גאָר אנטהאַלטן, רבותי, אָט די נעילה שטימונג אין אונזערע נשמות א גאַנצן יאָר, און מיר וועלן ווערן באמת מלאכים! מיר וועלן דאַן לעבן שטענדיק מיט אמת, צדק און יושר.

מיר ווענדן זיך איצט, נעילה צייט, נישט נאָר צום שופט צדק, נאָר אויך צום המלך הקדוש, גאָט איז הייליג, זיין פאָלק איז הייליג, קדושים תהיו כי קדוש אני! לאָמיר שטרעבן צו לעבן א הייליקן לעבן א גאַנץ יאָר, יעדן טאָג פון אונזער לעבן, לאָמיר זיך דערמאָנען איצט צו נעילה אויף אונזערע קדושים פון אלע צייטן און פון אלע לענדער און לאָמיר זיין אזוי שטאַרק אין אונזער הייליגע אמונה דאָס מיר זאָלן אימער זיין גרייט צו מקריב זיין זיך על קדוש השם.

איצט פאר נעילה, איז דער ריכטיגער און וויכטיגסטער מאָמענט צו מאַכן זיך גרייט פאַר קדושה וטהרה. אָט, אָט, שליסט מען צו די טויערן פון הימל, פאַרזאַמט נישט די צייט! יעדע מינוט איז טייער און הייליג. און מיר פילן איצט ווי די יעניגע וועלכע אנטלויפן פון דער אלטער וועלט וואו זיי האָבן פארלאָרן דאָס בעסטע און טייערסטע פון זייער לעבן, אנטלויפן פון הונגער, צרות, רדיפות, אנטלויפן פון טויט, קלאַפן אין די טירן פון ארץ - ישראל. און אין אַפּאַר געציילטע מינוטן וועט מען זיי לאָזן וויסן זייער שיקזאַל, וועט מען עפענען פאַר זיי די טויערן פון לאַנד, וואָס דאָס מיינט פאַר זיי לעבן און פרייהייט, אָדער מען וועט פארהאַקן די טויערן פון לאַנד פאַר זיי און מען וועט זיי אָפּשיקן צוריק. זיי שטייען פארצווייפלטע און שרייען, נעבעך, מיט די לעצטע קרעפטן — פתח לנו שער בעת נעילת שער! —, עפנט פאַר אונז די טויערן! מיר שטייען איצט פאַרן שופט צדק, פאַר דעם המלך הקדוש, איצט אין די לעצטע מינוטן ווען אונזער צוקונפט און די צוקונפט פון אונזערע קינדער און אלע וועלכע זיינען בא אונז ליב און טייער וואַרטן אויף גאָטס חתימה, ווען מיר וועלן באַלד בעטן — וחתום לחיים טובים כל בני בריתך — אַ גוטע חתימה, אין דעם הייליגן מאָמענט שרייען מיר — פתח לנו שער בעת נעילת שער — אין צייט ווען די טויערן פון הימל האַלטן בא געשלאָסן ווערן, עפן פאַר אונז, רבונו של עולם, די טויערן פון רחמנות, די שערי רחמים, מיר זאָלן אויף דעם נייעם יאָר פון קיינע יסורים, פון קיינע אומגליקן נישט וויסן, נישט דער פרט און נישט דער כלל ישראל.

ווי שיין און הייליג אונזערע נעילה תפלות זיינען! באַלד וועלן מיר טענה'ן צום רבונו של עולם „אתה נותן יד לפושעים", געבן אַ האַנט מיינט שליסן שלום, פריינטלעכקייט. גאָט כביכול, גיט די האַנט, שליסט שלום איצט צו נעילה אפילו מיט די פושעי ישראל, „וימנך פשוטה לקבל שבים", דיין רעכטע האַנט איז אויס-געשטרעקט צו עמפּפאַנגען די וואָס קערן זיך אום צוריק צו גאָט. רבותי! יעדערער ווייס בא זיך טיף אין הארצן זיינע באַציאונגען צו גאָט און אידן, מיר ווייסן וואָס אונז פעלט, אָבער, וואָס געווען איז געווען, כמעט אויף אלעס העלפט תשובה. דאָס אידנטום רופט איצט צו אונז — קערט זיך אום צו מיר, די אלע וואָס ווילן איצט אומקערן זיך מיט אן אמת צוריק, צוריק צו גאָט,

צוריק צו אונזער הייליגער תורה, צוריק צו שבת קודש, צוריק צו אלעס וואָס בא אונז איז הייליג און טייער, קומט צוריק! גאָט וואָרט אויף אייך! איצט איז די צייט, איצט צו נעילה. „ידך פשוטה לקבל שבים", גאָטס האַנט איז אויסגעשטרעקט צו עמ־פאַנגען די אַלע וועלכע ווילן זיך צוריקקערן!

רבותי! דערמאָנט זיך נאָר וויפיל מאָל מיר האָבן זיך דאָס געקלאַפּט אין האַרצן זאָגנדיק על חטא שחטאנו, וויפיל מאָל האָבן מיר זיך מתודה געווען פאַר גאָט אויף אונזערע זינד? אָבער ווייסט איר, רבותי, וואָס איז דער צוועק פון די קלאַפּעניש אין האַרצן, פון מתודה זיין זיך? די תפלה פון נעילה וועלכע מיר וועלן באַלד זאָגן, אָט די שיינע הייליגע תפלה ערקלערט דאָס אַזוי שאַרף ווי מעגלעך: „ותלמדנו ה׳ אלהינו להתודות לפניך על כל עונותינו, למען נחדל מעשק ידינו", דו האָסט אונז געלערנט, גאָט אונזער גאָט, אַז מיר זאָלן זיך מתודה זיין פאַר דיר אויף אַלע אונזערע זינד, אום אונזער האַנט זאָל מער נישט ראַבירן, דער שטאַרקער זאָל נישט דריקן דעם שוואַכן, דער רייכער — דעם אָרימאַן, דער אַרבעט־געבער — דעם אַרבעט־נעמער, דער הויזווירט — זיינע שכנים, רויב נישט! גזל נישט! גנבה נישט! זאָג קיין ליגן נישט! נאָר נישט אָפּ קיינעם! ווען דו ביסט אַן אַרבעטער, טו דיין אַרבעט ריכטיג און ערנסט, ווען נישט, ביסטו אַ גנב! ווייל דו קריגסט באַצאָלט פאַר דיין צייט, דיין צייט איז פאַרקויפט, און דו טוסט נישט דיין אַרבעט באמונה, דאָס מיינט ריכטיגע גזילה. דאָס זעלבע ווען בא דיר אַרבעטן אַרבעטער און זיי קריגן נישט גוט באַצאָלט פאַר זייער אַרבעט, זיי אַרבעטן פאַר דיר, זיי מאַכן דיך רייך, ווען דו באַצאָלסט זיי נישט ריכטיג, הייסט דאָס אַז דו באַגזל׳סט זיי. און אָט די שאַרפע הייליגע ווערטער זאָגן מיר אין נעילה ווען מיר ווערן פאַרטיג מיט די ימים נוראים און מיר גייען צוריק צום געוויינלעכן אַלטעגלעכן לעבן, אַרבעטער, געשעפטסלייט, אַרבעט־געבער, איינגנטימער פון הייזער, יעדערער אין זיין פאַך, זאָל אַריינשטעלן בא זיך אין הויז, אין געשעפט, וואו נאָר דו מענטש אַרבעטסט און מאַכסט געשעפט, שטעל אַריין אין יעדן פּלאַץ וואו דו געפינסט זיך, אָט די פּאָר ווערטער פון נעילה „למען נחדל מעושק ידינו", מיר זאָלן קיינעם נישט באַרויבן.

איצט, צו נעילה, וועלן מיר זאָגן אַפּאָר ווערטער, וועלכע עס איז כדאי מיר זאָלן זיך גוט אַריינטראַכטן אין זיי, און עפּעס

לערנען פון אָט די פּאָר ווערטער. מיר וועלן בּאַלד זאָגן „העיר הקדש והמחוזות, היו לחרפה ולבזות, וכל מחמדיה נטולות וגנוזות, ואין שיור רק התורה הזאת". די הייליגע שטאָט ירושלים און אומ־געגנט זיינען צוגענומען געוואָרן פון אונז, אלעס האָבּן מיר פארלאָרן, עס איז אונז איבּערגעבּליבּן נאָר איין וויכטיגע הייליגע זאַך וואָס האַלט אונז אויף אז מיר זאָלן נישט אונטערגיין, מיר זאָלן נישט אסימילירט ווערן, מיר זאָל נישט אדונטער פון דער וועלט־סצענע אלס אידישער פאָלק, און דאָס איז — אונזער הייליגע תורה.

די תורה האָט פארנומען דעם פּלאַץ פון א לאַנד, א רע־גירונג, אן ארמיי, א קאָנסטיטוציע, א ליטעראַטור, אלעס, אלעס איז געוועזן, איז איצט, און וועט אימער זיין פאַר אונז אונזער תורה. לאָמיר זיך פרעגן איצט, פאר נעילה ווען מיר גייען עפענען דעם ארון קודש, און די תורה וועט אריינקוקן אין אונזערע הערצער, איצט, נעילה צייט, אין דעם גרויסן, הייליגן מאָמענט,

לאָמיר זיך פרעגן מיט אן אמת, וואָס האָבּן מיר געטאָן בּיז איצט און וואָס גייען מיר טאָן אין דער צוקונפט פאַר דעם למוד התורה, און פאַר די לומדי התורה; ווי אזוי האלטן מיר אויס די רבנים, וועלכע זיינען די נושאי דגל התורה, איז נישט שרעקלעך זייער לאַגע?! גיבּן מיר זיי געננג אויף אן אָנשטענדיקן, בּכבוד'ן לעבּן צו מאַכן, זיי זאָלן נישט דארפן צוליב פרנסה, צוליב בּרויט פאַר זייערע קינדער, ערנידעריקן זיך און דעם כבוד פון תורה און רבנות בּאַ אידן?!

און וואָס טוען מיר פארן למוד התורה צווישן אונזער יונגן דור? דער יונגער דור, אונזערע יונגע זין און טעכטער, וועלכע וועלן דאָס דארפן איבּערנעמען פון אונז אלס ירושה דאָס אידנטום און אונזערע שולן און בתי מדרשים, האָבּן מיר זיי געגעבּן א גוטע אידישע דערציאונג אזוי אז זיי זאָלן זיין פייאיק איבּערצונעמען פון אונז אונזער גרויסע הייליגע ירושה.

מיר וועלן בּאַלד זאָגן „היום יפנה, השמש יבא ויפנה", די זון האַלט בּאַם אונטערגיין, און נישט ווילנדיק רייסט זיך ארויס א קרעכץ פון אונטער הארצן ווען מיר דערמאָנען זיך אז די זון פון אידנטום, וועלכע האָט געשיינט טויזנטער יאָרן נאַכאַנאַנד, און איצט, די זון פון אידנטום האַלט בּאַם אונטערגיין! הונדערטער

טווינטער אידישע קינדער געניסן נישט א ברעקל אידישע ערציאונג, און וועלן אויסוואקסן פרעמד צו גאָט, צום אידישן פאָלק, צו ארץ ישראל, און צו אלעם וואָס איז בא אונז אידן ליב, הייליג און טייער!

די צייט אין וועלכע מיר לעבן איצט איז אַ צייט פון נעילה' נעילה מיינט אין העברייאיש, פארשלאָסן. דאָס גאַנצע אידנטום, די העברייאישע שפראך, תורה, רש״י, נביאים, משנה, אגדה, גמרא, זוהר, אלעס איז פאַרשלאָסן פאַר אונזערע קינדער דער יונגער דור הויבט נישט אָן צו וויסן ווי רייך מיר זיינען: מיר האָבן אַ ש״ס ופוסקים און אַ גרויסע העברייאישע ליטעראטור, און ווי שרעקלעך ארים, עלנט און אומגליקלעכע מיר זיינען, אז דער ש״ס ופוסקים, דאָס אלע אונזערע גייסטיגע אוצרות, זיינען פאַרשלאָסן פאַר אונזערע קינדער. אונזערע קינדער זיינען שרעקלעך אומוויסנד און דערפאַר זיינען זיי אזוי ווייט און פרעמד פון אונז און פון אונ־זערע הייליגקייטן. עס איז נעילה, נעילה, אלעס פאַרשלאָסן פאַר אונזערע קינדער.

איר זעט, די ליכט לעשן זיך... די אידישע נשמה'לעך פו אונזערע יונגע קינדער, דאָס זיינען די נשמה ליכט וואָס איר זעט אין די שולן יום כפור. אונזערע ליכט לעשן זיך... עלטערן! צינדט אָן אייערע ליכט! מיט דעם פייער פון אונזער הייליגער תורה און אמונה, אָבער רופט קיינעם, ער זאָל אָנצינדן אייערע פארלאָשענע ליכט...

לאָמיר עפענען פאַר אונזערע קינדער, פאַר דעם יונגן דור, די טויערן פון אידנטום, וועט דער רבונו של עולם עפענען פאַר אונז די שערי רחמים, און מיר וועלן האָבן אַ חתימה טובה, א שנת חיים ושלום, עם ישראל, תורת ישראל, בארץ ישראל, אמן! ואמן!

# סוכות.

זמן שמחתנו. — ימים נוראים און סוכות. — אין ארץ ישראל און אין גלות. — דער פרימיטיווער לעבן. — די סוכת שלום. — די אידישע הויז און די סוכה. — די וועלט און די סוכה. — א דירת ארעאי און א דירת קבע.

מיר האָבן, גאָט צו דאַנקען, דערלעבט דעם שיינעם, פריי־לעכן יום טוב סוכות, וועלכער רופט זיך „זמן שמחתנו" א צייט פון פרייד. בעפאָר האָבן מיר געהאַט א גאַנצן חדש אלול, ווען „א פיש אין וואסער האָט געציטערט" פאַרן יום הדין, מיר האָבן געהאַט די „ימים נוראים", געווען אלץ אומעטיק, פאַרזאָרגט, געהאַט מיט זיך א חשבון הנפש, און איצט, נאָך די ימים נוראים, נאָך די שרעקלעכע טעג, קומען די פריילעכע טעג — זמן שמחתנו!

ווייל נאָר דער יעניגער איד, וועלכער האָט דורכגעלעבט א גאַנצן חודש אלול פון גרייטן זיך צו תשובה און מעשים טובים, נאָר דער איד, וועלכער האָט דורכגעלעבט ריכטיג א ימים נוראים מיט א לעבן פון תשובה און קדושה וטהרה, נאָר יענער איד איז פייאיג צו זיין אמת פריילעך, ווייל נאָר „לישרי לב שמחה", א ריינע אידישע הארץ קען פריילעך זיין. מענטשן מיט א ריינעם געוויסן, מיט א ריינע נשמה, קענען פריילעך זיין. פאַרברעכער און גנבים לעבן אין אייביקע אינערלעכע שרעק און זיינען נישט פייאיק באמת פריילעך זיין. נאָך אלול און ימים נוראים, ווען יעדער איד פאַרמאָגט א ריינע אידישע הארץ מיט א ריינע נשמה, דאַן קומט דער זמן שמחתנו!

אידן אין ארץ ישראל, וועלכע האָבן באַארבעט זייערע איי־גענע פעלדער און גערטנער, סוכות האָט ער געפילט דעם יום טוב, דעם חג האסיף, דער יום טוב פון זאַמלען, ווייל ער האָט דאַן געזאַמלט פון פעלד, פון גאָרטן, פון וויין קעלער. ער האָט איבערגעגעבן פאַר דעם צוקינפטיקן יאָר צו עסן און לעבן פאַר זיך און די פאַמיליע. ער איז מיט אלעם באַזאָרגט. ער האָט נישט קיין דאגות און קיין אומעט. א גאַנץ זומער פלעגט ער, דער

אידישער פערמער אין ארץ ישראל, הויבן יעדן טאָג זיינע אויגן צו די שיינע בלויע ארץ ישראל הימלען, בעטן פון דאָרט זאָל קומען דער רעגן אין צייט, און ער האָט געציטערט טאָמער וועט קיין רעגן נישט זיין, די ערד וועט דאַן נישט געבן איר פרוכט, אָדער אפשר קומט א הײשעריק און פאַרדאַרבט די תבואה אין פעלד. איצט אָבער, דער זומער מיט די דאגות און שרעק פאַרן צוקונפט איז אוועק, און ער האָט אל דאָס גוטס. א זיכערע פריי־לעכע צוקונפט. דער ארץ ישראל איד איז רואיק און צופרידן, אמת זיכער און פריילעך, אים וועט קיין זאַך נישט פעלן אין דעם צו־קינפטיקן יאָר. קאָרן און וויין איז איבערגענוג!

און דו איד פון גלות, וועלכער איז קיינמאָל נישט זיכער מיט זיין צוקונפט, וועלכער לעבט פון לופט, און דער שרעקלעכער אָרימאַן, וועלכער ווייס קיינמאָל נישט אויב ער וועט מאָרגן האָבן וואָס צו עסן. איר אלע פאַרפאָלגטע און געדריקטע, אָרימע און שוואַכע, און אויך איר אידישע באַנקירן, איר מיליאָנערן צוזאַמען מיט די אָרימע, איר אלע, קינדער פון איין פאָלק, פאַרלאָזט אייערע היימען און קריכט אלע אריין אין דער אָרימער שוואַכער סוכה'לע, און דאַן וועט איר זיך דערמאָנען אז גאָט „האָט געפירט אונזערע עלטערן 40 יאָר אין דעם מדבר אין סוכות", און האָט אלעמען גלייך געשפייזט, און אין דעם פוסטן, גרויזאַמען, שרעקלעכן מדבר, איז קיין איד נישט געשטאָרבן פון הונגער. און איר אלע דאַרפט פאַרשטיין אז פון דאַן אָן ביז היינטיגן טאָג זיצן מיר אלע אין סוכה, אונטער דער סוכה פון אונזער גאָט, וועלכער איז אונזער סכך פאַר די לעצטע 2 טויזנט יאָר אין גלות. ניט אַנדערע מדינות ווילן אונז פאַרניכטן און זיי געלינגט נישט, ווייל מיר זיינען גלוי־ביקע. דער סכך לאָזט נישט צו די פאַרניכטנדע שטאָפן וואָס ווערן געוואָרפן אויף אונזערע קעפ שוין טויזנטער יאָרן, ווייל מיר געפינען זיך אלע אין גאָטס סוכה, בצל שדי, ער איז אונזער סכך, ער, דער שומר ישראל.

און דו גביר, קאַפיטאַליסט, אידישער באַנקיר, דו אידישער מיליאָנער, לעב נישט אין טעות! נישט מיליאָנען מאַכן שטאַרק, זיכער און גליקלעך דעם מענטשלעכן לעבן, נאָר די ביסל סכך וואָס פאַרדעקט דיין סוכה, נאָר גאָט וועלכער היט דיך און שטאַרקט און הייליגט דעם מענטשלעכן לעבן. געדיינק! דיינע מיליאָנען, דיין גרויסקייט, קומט אלעס פון גאָט, און זיי וועלן זיין דיינע נאָר

אזוי לאַנג ווי גאָט וועט וועלן, און געדיינק אז דיינע עלטערן האָבן 40 יאָר געלעבט אין אַ מדבר און גאָט האָט זיי אויך דאָרטן געשפּייזט און זיי האָט קיין זאַך נישט געפעלט; געדיינק, אז דו קענסט קיינמאָל נישט זיין זיכער מיט דיין רייכטום, אין לעבן איז נישטאָ אזאַ זאַך וואָס איז זיכער, זיכער איז נאָר דער טויט נישט דער לעבן, און נאָר דאַן ווען דו קומסט אַריין אין גאָטס סוכה, אונטער גאָטס השגחה, און דו האָסט אמונה און בטחון, דאַן, נאָר דאַן, קענסטו זיין זיכער און גליקלעך.

גיי אין סוכה, דו איד פון דער גרויסער שטאָט. דו, וועלכער איז ווייט פון דער נאַטור און פון אַ נאַטירלעכן לעבן, וועלכער לעבט אַ נאָכגעמאַכטן נישט נאַטירלעכן לעבן, וועלכער איז מחלל שבת, מחלל יום טוב, פירט נישט אַ ריכטיקן אידישן לעבן, ווייל מען דאַרף אסך, מען מוז האָבן פיל געלט, געלט, געלט! געלט! און געלט! צוליב געלט פאַרקויפט מען די נשמה, און די נשמות פון די קליינע קינדערלעך וועלכע געניסן נישט קיין אידישע דערציאונג, ווייל זיין פאָטער קען נישט אָפּגעבן זיך מיט דער אידישער דערציאונג פון זיינע קינדער, — ווייל ער איז באַשעפטיקט צו מאַכן וואָס מער געלט. ריים זיך אָפּ אַביסל פון דעם טומל פון שרעקלעכן הו-האַ פון לעבן, און קריך אַריין אין דער פּרימיטיווער סוכה! נישטאָ דאָרט קיין מאָדערנע רייך פאַרפּוצטע מעבל, נישטאָ די אַלע לוקסוסן וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרן נאָר צו צייגן יענעם דאָס איך בין רייך, פאַרמאָג פיל געלט: זעט ווי מען קען לעבן אַן איינפאַכן נאַטירלעכן, שטילן, רואיקן לעבן. די סוכה וועט באַרואיקן דיינע נערוון, די צעריסענע, צעטרייסלטע, שטאַרק אָנגעצויגענע גרויס שטאָטישע נערוון. די סוכה איז דער סימבאָל פון נאַטירלעכקייט, איינפאַכקייט, פון אַ פּרימיטיוון, רואיקן, כשרן און הייליגן לעבן. זיץ אין סוכה און האָב אַ חשבון הנפש. אפשר קענסטו זיך באַפרייען פון די קייטן פון דעם היינטיקן וואָכעדיקן, ווילדן, נאַרישן לעבן! אפשר קענסטו פּטור ווערן פון די מאָדערנע אַפּאַרטאַמענטן מיט אזויפיל דאגות און יאָגעניש נאָך געלט און ליידנשאַפט, און פירן אַן איינפאַכן, רואיקן, הייליקן לעבן, זיצן אין דער הייליגער, רואיקער סוכה!

די גרויסע וועלט מלחמה וועלכע האָט זיך נישט לאַנג געענדיקט אָפיציעל און איז נאָך נישט געענדיקט אין דער ווירקלעכקייט. ווען די מענטשהייט בלאָנדזשעט נאָך, און האָט נאָך נישט

געפונען דעם ריבטיקן וועג. די נשמה פון דער גאַנצער מענטשהייט בלאָנדזשעט אין עולם התוהו און האָט נאָך נישט געפונען איר תקון. אַ שרעקלעכע אינערלעכע אומרואיקייט האָט איצט אַרומגעכאַפּט די גאַנצע וועלט. קיין נאַציע איז נישט זיכער וואָס מיט איר וועט מאָרגן זיין. די לאַגע איז שרעקלעך און טראַגיש. און דאָס נעמט זיך אַלץ פון איין אורזאַכע: ווייל די מענטשהייט איז אַוועק פון גאָט, ווייל נישט זיצן אין סוכה, דערפאַר איז קיין שלום אויף דער וועלט נישטאָ, זאָלן אָבער אַלע נאַציעס פון דער וועלט אַריין אין דער סוכה פון גאָט, דאַן וואָלט דער שלום זיין שטאַרק, זיכער און הייליג, דאַן וואָלט די גאַנצע וועלט געווען אַ ס ו כ ת ש ל ו ם און אירן וועלכע זיינען אַלעמאָל געווען אַ פאָלק פון שלום, וואָלטן דאַן געווען די סוכה פון שלום — ופרוש עלינו סוכת שלומך!

די סוכה איז הייליג. די אידישע הויז, די סוכה, דאַרף זיין הייליג. עס איז אַ מצוה צו לעבן, ווען דער לעבן איז אַ ריינער, אַ כשרער, און אַ הייליגער. די סוכה ווערט געבויט לשם מצוהן דערפאַר טאָר מען נישט נוצן קיין זאַך פון דער סוכה אַ גאַנצן יום טוב. מען טאָר נישט פאַרשוועכן קיין הייליקייט, אפילו גראָזן וועלכע מען האָט זיי באַנוצט אויף צוצודעקן די סוכה טאָר מען, זיך נישט באַנוצן מיט זיי נאָך סוכות פאַר אַ נידעריקן, איינפאַכן, נישט שיינעם צוועק (שו״ע או״ח סימן תרל״ח). די אידישע סוכה, די אידישע הויז, מוז געהאַלטן ווערן הייליג און ריין, און די אידישע הויז דאַרף לכתחילה געבויט ווערן, ווי אַ סוכה, נאָר לשם מצוה: צו דערציען דאָרטן אַ נייעם אידישן דור וועלכער זאָל זיין פייאיק מוסר נפש צו זיין זיך פאַר אַלעם וואָס כּאַ אידן איז ליב, הייליג און טייער.

די גאַנצע וועלט אין וועלכער מיר לעבן, איז אַ סוכה. דער גאַנצער לעבן איז זייער קורץ. עס איז נאָר אויף אַ גאַנץ קורצע צייט „אַ דירת ארעי״, אַ צייטווייליגע וואוינונג, און אַ איד דאַרף אַלעמאָל צופרידן זיין, אַלעמאָל פריילעך זיין ווען ער זיצט אין זיין סוכה. דער איד איז בטבע אָפּטימיסטיש, איז אַ שמח בחלקו, אַלעמאָל פריילעך, לאַכט דעם גלות, דעם טויט, אַלע צרות — אין פנים אַריין! אין דער צייט ווען די גריכן און די רוימער פלעגן נישט זיין שטאַרק גענוג צו אַריבערטראָגן צרות און דאגות, און

ווען עס פלעגט זיי טרעפן אן אומגליק, פלעגן זיי באַגיין זעלבסט־מאָרד דורך זעצן זיך אין אַ וואַנע, עפענען די אָדערן, און די בלוט פלעגט ארויסרינען ביז דעם לעצטן טראָפּן פון קערפּער, האָט דער פרומער איד קיינמאָל נישט באַגאַנגען קיין זעלבסטמאָרד, איז נישט געווען אַ „מאבד עצמו לדעת", אין קעגנטייל, אלעמאָל צופרידן, און די צייט ווען ער זיצט אין אן איינפאַכע, שוואַכע סוכהלע, האָט ער אָט אַזאַ צייט גערופן „זמן שמחתנו".

און ווען די וועלט וועט זיך באַקענען מיט דעם אינהאַלט פון אונזער תורה, מיט די טיפע פילאָזאָפישע, מאָראַלישע לעבנס אָנשויאונגען פון אונזער תורה, וועלן זיי דאַן אידן ווערן, וועלן אָננעמען דעם אידישן גלויבן (אזוי פאַרזיכערט אונז דער רמב"ם בסוף פי"א מהלכות מלכים, דפוס ווינעציא, ובהקדמת תשובת מבר"ץ, ובכוזרי כ"א לרביעי, ובספר חותם תכנית ח"ב צד קצ"ה — קצ"ו), און דאַן וועט די וועלט זיין גליקלעך, עס וועט זיין אַ סוכת שלום.

# שבת חול המועד סוכות

היינט, שבת חול המועד סוכות, לייענען מיר אין דער הפטרה אַ קאַפּיטל תנ"ך פון יחזקאל ל"ח, ל"ט, אין וועלכע דער גרויסער, אונשטערבלעכער נביא יחזקאל דערציילט אונז, וואָס עס וועט פּאַסירן אין אונזער צוקונפט, אין משיח'ס צייטן. און שרעק־לעכעס דערציילט אונז דער נביא יחזקאל, און לאָמיר איך איבערגעבן אין אַפּאָר ווערטער דעם אינהאַלט פון צוויי קאַפּיטלען פון יחזקאל:

עס וועט קומען אַ צייט — זאָגט יחזקאל — אין משיח'ס צייטן, ווען אידן וועלן זיך אומקערן צוריק אין זייער לאַנד, אין ארץ ישראל, און וועלן זיך באַרואיקן, וועלן בלייבן זיצן אין לאַנד זיכער און רואיק, וועלן מאַכן געשעפטן מיט ארומיקע פעלקער, דאַן וועט קומען ג ו ג פון דער לאַנד מ ג ו ג מיט אן איסער־געוויינלעך־גרויסער ארמיי, מיט פארשיידענע כלי זיין, און מיט זיי וועלן אויך קומען די ארמייען פון פ ר ס, כ ו ש, פ ו ט ג ו מ ר און ת ו ג ר מ א. זיי וועלן אַלע קומען צו צפון־זייט און וועלן באַדעקן גאַנץ ארץ ישראל מיט אַ כמארע. און זיי וועלן דיינקען

צו רואינירן די אידישע לאנד און פארניכטן דעם אידישן פאָלק. דאַן וועט קומען דער גרויסער מאָמענט, ווען גאָט וועט זיך אָננעמען די קריוודע פון זיין פאָלק ישראל, און עס וועט ווערן אַ שרעקלעכער שטורעם אויף דער אידישער לאַנד, בערג וועלן רואינירט ווערן פון דעם גרויסן שטורעם, אלע גרויסע מויערן וועלן איינפאַלן, א שלאגס־רעגן מיט שטיינער פון הימל, שוועבל און פייער וועט דעם שונא באַפאַלן. זיי וועלן פארניכטעט ווערן אין דער שרעקלעכער, גרויסער מגפה, וואָס גאָט וועט אויף זיי אָנשיקן. די פויגלען פון הימל און די חיות פון פעלד, וועלן עסן זייער פלייש, און אידן וועלן דאַן זאַמלען די רויב פון זייערע שונאים און די כלי זיין פונם שונא וועט זיין גענוג פאַר אידן צו הייצן דעם אויוון, צו ברענען איפן פייער 17 יאָר נאָכאַנאַנד, און עס וועט נעמען 17 מאָנאַטן צייט צו מקבר צו זיין די הרוגים פון ג ו ג, אום צו מאַכן ריין דאָס לאַנד, און נאָכדעם וועט קומען אויף אידן די אמתע ישועה, די ריכטיקע גאולה. „ועתה אשיב את שבות יעקב ורחמתי כל בית ישראל וקנאתי לשם קדשי, ולא אתיר פני עוד מהם" (יחזקאל ל"ח און ל"ט), זע (ירושלמי מגילה פרק א', יסיפון קרמוניות 1, 6, 1, שמות רבה פי"ב, ח').

און נישט נאָר דער נביא יחזקאל רעדט וועגן ג ו ג און מ ג ו ג, זאָגדערן אויך די איבעריקע אידישע נביאים. זכריה הנביא זאָגט: הנה יום בא לה' והלקשללך בקרבך, ואספתי את כל הגוים אל ירושלם למלחמה (יד, א, ב, מגילה ל"א, רש"י שם). עס וועט קומען אַ טאָג ווען אלע פעלקער פון דער וועלט וועלן קומען אין ירושלים צו מלחמה.

יואל הנביא רעדט אויך וועגן אזא גרויסן טאָג, יואו אלע פעלקער וועלן קומען מלחמה האַלטן אין ירושלים (יואל ד, י"ב, י"ד), און אין דעם זין רעדט אויך דער גרויסער נביא ישעיהו (כ"ה ו, ל"ד ב'). די גמרא וויל האָבן או אלדד ומודד האָבן נביאות געזאָגט וועגן גוג ומגוג (סנהדרין י"ז). דער תרגום יונתן בן עוזיאל זאָגט, או אין משיח'ס צייטן וועלן גוג ומגוג מיט אַ ריזיגער גרויסער ארמיי קומען מלחמה האַלטן מיט אידן אין ירושלים און זיי וועלן קריגן די גרעסטע מפלה בא משיח'ן (במדבר י"א, כ"ו). ווען יעקב אבינו האָט געזאָגט צו זיינע קינדער פארן טויט: האספו ואגידה לכם את אשר יקרא אתכם באחרית הימים— קלייבט

זיך צונויף, קינדער, און איך וועל אייך זאָגן וואָס מיט אייך וועט פּאַסירן אין דער וויטער צוקונפט, זאָגט דער מדרש: מפּלות גוג הראה להם (ב״ר פצ״ח ג׳), ער האָט זיי געוויזן וואָס עס וועט פּאַסירן אין דער צוקונפט מיט גוג (זע ברות י״ג, אליהו רבה פ״א, ח׳, ויקרא רבה פי״א א, ויקרא רבה פ״ל ה׳).

דער צווייטער קאַפּיטל תהלים, רגשו גוים, רעדט דורך אויס וועגן גוג ומגוג, (נאָך די מיינונג פון אייניגע חכמים), וועלכע וועלן קומען מלחמה האַלטן על ה׳ ועל משיחו, מיט גאָט און מיט משיח׳ן. און צום ענדע וועט גוג כאַפּן אַ שרעקלעכע מפּלה און וועט באַזיגט ווערן בײַ משיח׳ן. עס געפינען זיך זייער פיל מאמרים וועגן גוג ומגוג אין ש״ס, מדרשים און ילקוטים און אויך אין דער אראַבישער ליטעראַטור געפינען מיר אַרטיקלען און לעגענדעס וועגן גוג ומגוג, און דער הויפּט־געדאַנק איז דאָס גוג ומגוג וועלן פאַרלירן זייער גרויסע, שרעקלעכע מלחמה מיט אידן און אידנטום, און אידן וועלן געווינען דעם קאַמף (זע סנהדרין צ״ד, אבות דרינ פל״ד ה׳ ספרי דברים מיסן שמ״ג, סנהדרין צ״ז, עדיות פ״ב, י׳, ע״ג, בית המדרש הלק א׳ 56, משפט הוראים 134).

און סוכות, דער יום־טוב פון בטחון, ווען אידן זיצן אין סוכה, סוכת שרי, וואָס דערמיט צייגן זיי. אז זיי האָבן פאַר קיינעם קיין מורא נישט, ווייל גאָטס וועלט איז אַ סוכה, און דער רבונו של עולם איז זייער סכך, וועלכער באַשיצט זיי פון אלע צרות און אומגליקן, דאַן איז פּאַסיק צו לייענען וועגן דעם שרעקלעכן, גרויסן קאַמף פון איד און גוי!

דער קאַמף פון איד און נישט איד, געדויערט שוין טויזנטער יאָרן, און דער ביטערסטער, דער שרעקלעכסטער, דער גוואַלדעסטער, דער ענדלעכסטער קאַמף אויף לעבן און טויט, וועט אויסגעקעמפט ווערן אין ירושלים, אין ארץ ישראל. דאָס איז די מלחמה פון גוג ומגוג. אין ארץ ישראל וועט פאָרקומען דער לעצטער, שרעקלעכסטער קאַמף פון איד און גוי, וואָס די וועלט האָט ווען געזען, און דאַן וועט דער איד געווינען דעם קאַמף, און דאַן וועט זיין די ריכטיקע גאולה, דאַן וועט משיח אליין קעמפן מיט גוג ומגוג.

און מיר לייענען אין הייניקער הפטרה וואָס פאַר אַ שרעקלעכע מפּלה גוג וועט האָבן, און זיין מפּלה וועט זיין דער סוף

פון אידישן גלות און דער אָנפאַנג פון אידישער פרייהייט, און גאָט רעדט צו גוג׳ן, און ער זאָגט צו אים: והבאותיך על ארצי למען דעת הגוים אותי בהקדשי בך לעיניהם, גוג! — איך וועל דיך ברייננען אין מיין לאַנד, אין ארץ ישראל, אום די פעלקער פון דער וועלט זאָלן מיר וויסן, ווייל איך וועל דאַן דורך דיין מפלה גוג, ווערן הייליג אין זייערע אויגן... און גאָט זאָגט: דאָס אין יעי דער גרויסער און שרעקלעכער צייט וועט ער ווערן גרויס און הייליג בּאַ זייער פיל פעלקער, און אלע וועלן וויסן דאָס איך בין גאָט, והתגדלתי והתקדשתי ונודעתי לעיני גוים רבים, וידעו כי אני ה׳!

און עס וועט קומען אָט יענער גרויסער טאָג, ווען עס וועט ענדלעך אויסגעקעמפט ווערן דער אייביקער קאַמף פון איד און גוי, דאַן וועט זיין אַ גרויסער קדוש השם, גאָטס נאָמען וועט זיין הייליג און טייער בּאַ אידן. טויזנטער יאָרן האָט זיך געגאָסן אידישע בּלוט ווי וואַסער, אידן זיינען געווען הפקר, און דאָס איז געווען אַ צוויי טויזנט יאָריקער חלול השם, און די גוים האָבן געפרעגט די אידן: איה אלהיך? וואו איז אייער גאָט? פאַרוואָס העלפט ער אייך נישט? דאַן אָבער, זאָגט דער נביא אין גאָטס נאָמען: „ואת שם קדשי אודיע בתוך עמי ישראל, ולא אחל את שם קדשי עוד, וידעו הגוים כי אני ה׳ קדוש בישראל״ (יחזקאל ל״ט), אידן וועלן דאַן וויסן פון גאָטס הייליגן נאָמען, גאָטס נאָמען וועט שוין מער נישט פאַרשוועכט ווערן, און אלע פעלקער פון דער וועלט וועלן וויסן אז גאָט איז הייליג בּאַ אידן.

און ווי שאַרף, שטאַרק, הייליג, זיינען גאָטס ווערטער דורך זיין נביא יחזקאל, אז ער וועט אומקערן צוריק די אידן אין ארץ ישראל, און אידן וועלן פאַרגעסן די צרות און די שאַנדע וועלכע זיי האָבן געהאַט אין גלות, און דאַן וועט זיין אַ גרויסער קדוש השם, און אידן וועלן דאַן וויסן אַז גאָט איז זייער גאָט, זיי וועלן לעבן אין זייער אייגענע לאַנד, און מער וועלן זיי נישט וויסן פון קיין גלות, און גאָטס השגחה וועט אויף זיי שטענדיק זיין, „ולא אסתיר עוד פני מהם״ (יחזקאל ל״ט, כ״ה—כ״ט).

די מלחמת גוג ומגוג איז דער סימבּאָל פון דעם אייביקן, שטענדיקן, שרעקלעכן קאַמף פון איד און גוי, און דער יענינער איז אַ ג אַ נ צ ע ר איד, דער יעניגער וועלכער איז אַ שומר שבת,

וועלכער ווייס דעם טעם פון עונג שבת, יענער פילט נישט זייער שטארק דעם גוג ומגוג קאמף, ער פילט נישט די צרות פון דעם גוי, ווייל ער האט מיט אים נישט צו טאן, באווכט נישט זיינע קלובן, ווייל נישט ווערן מיט אים קיין מחותן, איז מבטל אין הארצן די גרויסע, רייכע, ברוטאלע וועלט, האט הנאה פון א בלאט גמרא, פון א פרק משניות; שרעקלעך אבער פילט דעם גוג ומגוג קאמף דער אסימילירטער איד, דער רייכער אידישער באנקיר, דער מיל־יאנער, וועלכער שעמט זיך מיט זיין יחוס, וואס ער שטאמט פון אברהם, יצחק ויעקב, וועלכער וויל אויסמעקן פון זיינע מעטריקעס דעם אלטן, הייליגן אידישן יחוס, וועלכער גלויבט נישט אז מיר זיינען א אתה בחרתנו פאלק, וועלכער פארהיילינגט און פארגע־טערט אלעס וואס זיי טוערן, און וועלכער האסט און שעמט זיך מיט אלעס וואס מיר טוען — אזא איד פילט די שרעקלעכע ביטערע מלחמה פון גוג ומגוג. ער וויל מיט זיי, אנטלויפן פון אונז: זיי אבער לאזן אים נישט אריין, זיי זאגן: איד! גיי ווייטער, איד! אזא אומגליקלעכער איד האט, נעבעך, קיין מקום מנוחה נישט, זיין נשמה איז צעריסן, ער ווייס נישט צו וועמען ער באלאנגט.

און, רבותי, איך וויל איצט אייך געבן א ביישפיל, וועלכער זאל אילוסטרירן מיינע ווערטער. איך וועל אייך געבן א היסטארישן פאקט; איך וועל דערציילן א פאסירונג, נישט פון טויזנטער יארן, נאר פון עטלעכע יאר צוריק.

ווי איר ווייסט אפשר פון די צייטונגען, איז די פאליטישע איבערקערעניש אין אונגארן, וועלכע איז געקומען נאך דעם קא־מוניסטישן רעושים פון בלע קון, געווען באגלייט פון א מין שמד־מגיפה, ווי זי איז נאך אין אידישן אונגארן נישט פארגעקומען: מען איז געלאפן שמדן זיך, אריינגווארפן זיך אין די ארעמס פון דער קריסטלעכער קירך, אום צו געפינען חן אין די אויגן פון די קריסטן, און זיי האבן אויסגעפונען זייער טעות און זיינען געקומען צוריק אלס בעלי תשובה. און אט וואס עס האט פאסירט:

לויט אן אלטן מנהג באשטימט די בודאפעשטער חברה קדישא א וואך אין יעדן יאר, אין וועלכער עס ווערן אויף א פיי־ערלעכן אופן אויפגענומען נייע מיטגלידער. נו, איז נישט לאנג צוריק געקומען צו דער חברה קדישא פייערונג א גרופע פון אי־

דישע שריפטשטעלער און זשורנאַליסטן, וואָס מען האָט זיי געהאַלטן פאַר געבאָרענע מאַריאַנען אָדער פאַר לאַנג געשמד'טע, און זיי זיינען געקומען בעטן זיך, מען זאָל זיי אריינגעמען אלס מיטגלידער, און דער באַוואוסטער פובליציסט קאַלנאקי האָט אין נאָמען פון זיינע קאָלעגן געהאַלטן די פאָלגנדע רעדע, וועלכע יעדער איד דאַרף איר לייענען:

„עס מאַכט דעם איינדרוק ווי עס וואָלטן זיך אין אָנגעזיכט פון מיינע גראָע האָר, געבעטן אויף אייערע ליפן צוויי פראַגן: האָט איר זיך באַטראַכט משלנו, טאָ פאַרוואָס קומט איר אזוי שפעט צו אונז, שוין מיט גראָע האָר? פילט איר אָבער אז איר געהערט נישט צו אונז, טאָ צו וואָס זשע קומט איר אַהער, און וואָס עפעס גראָד איצט?

— מיין תשובה אויף דער ערשטער פראַגע איז: מיר זיינען תמיד געווען צוגעבונדן צו אייך דורך אונזער אמונה און דורך די טראַדיציעס פון אונזערע אבות אבותינו. מיר זיינען בלויז נישט געווען רעגיסטרירט, נישט פאַרשריבן אין אייער מיטגלידער־פאַרצייכניש.

— פאַרוואָס מיר קומען גראָד איצט? ווייל גרויסע שטורעמס האָבן זיך פאַנאַנדערגעטראָגן איבער אונזערע קעפ, און מיר האָבן פלוצלונג דערזען, דערפילט אז מיר געפינען זיך אין אַ פרעמדער וועלט!..

— מען האַלט מיך אין איין פרעגן: ביסטו אַ איד? איך באַגעגן די פראַגע אין די צייטונגס־שפאַלטן, די דונערט ארויס פון די רעדעס אין פאַרלאַמענט, זי ווערט פאַרשפרייט אויף די ווענט פון די הייזער. ביסטו אַ איד? — מיט אַט דער פראַגע נעמט מען אויף דאָס קינד אין שול, דעם בירגער אין שטייער־אַמט, און דעם עדות אין געריכט. די דאָזיגע פראַגע טאַרטשעט ארויס פון די אויגן, זי ליגט אויף אלעמענס ליפן, און זי ווערט געשטעלט מיט א דרויענדן פאַרמאַכטן פויסט.

— נו, זיינען מיר צו אייך געקומען, כדי אויף אָט דער אייביקער פראַגע צו געבן אַ תשובה. מיר זייגען געקומען אנפלעקן אונזער נשמה, מיר זייגען געקומען ארויסרופן אָפן, מוטיק: מיר זיינען אידן! גלויבנס־טרייע אידן, און מיר ווילן דאָס אויך בלייבן!! די אינעווייניגסטע איבערצייגונג האָט אונז גערופן, די טריישאַפט

צו דער אמונה פון אינגערע אבות און דער דרך ארץ פאר זייערע רעליגיעזע טראדיציעס.

— מיר שטייען איצט פאר אייך מיט א דערהויבענעם קאפ און מיר ווילן זען וואס אונזער גלויבנס־טרייהשאפט וועט אונז ברייג־גען: צי א בראנד־צייכן אויף אונזער שטערן, אדער א מעדאל אויף אונזער ברוסט. וואס עס זאל נישט געשען, בא אסך מענטשן איז די אידישע אמונה א קין צייכן, פאר אונז אבער וועט זי תמיד זיין א גלענצנדע אויסצייכענונג, און וואלט זי אפילו געווען א בראנד־צייכן, ווען מיר דאס אויך אננעמען.

די רעדע פון מענער וועלכע קיינער האט נישט געוואוסט דאס זיי זיינען געווען אמאל אידן, צייגט אונז ווי עס פילט זיך דער איד וועלכער געפינט זיך אין א גוי'אישער וועלט. זיין גלות איז נישט אריבערצוטראגן. דער וואס איז באקאנט מיט דער אי־דישער געשיכטע און מיט דער העברייאישער ליטעראטור, יענער ווייס די שרעקלעכע טראגעדיע פון די אסימילירטע אידן און פון די משומדים, וועלכע ווערט געשילדערט דארט. עס איז א שרעק־לעכע ביטערע לאגע!..

דער יענינגער אבער, וועלכער איז באמת א רעליגיעזער, נאציאנאלער איד, א שומר שבת, ער פילט נישט דעם קאמף פון איד און גוי, ער פילט נישט, ער ווערט ניצול פון דעם גוג ומגוג קאמף, און אט דאס זאגט אונז די גמרא: „כל המקיים שלש סעודות בשבת ניצול ממלחת גוג ומגוג... (שבת קי״ח) — דער וואס איז א ריכטיקער שומר שבת איד, וועלכער איז מקיים די שלש סעודות אום שבת, יענער לעבט אין א הייליגער אידישער וועלט, און ער האט נישט צו טאן מיט אסימילאציע, ווייס נישט פון גוג ומגוג מלחמה, פון דער גרויסער מלחמה פון איד און גוי, ווייל ער קריכט נישט אין דער פרעמד, ער זיצט אין זיין סוכה!..

לאמיר ערציען אונזערע קינדער אין דעם תורה און שבת גייסט, וועלן זיי שאפן זייער אייגענע וועלט־אנשויאונג, זיי וועלן בויען זייער אייגענע לאנד, וועלן שטודירן אונזער תורה, וועלן נישט לעבן מחוץ למחנה, און דאן וועט דער נייער אידישער דור העלפן געבן דעם לעצטן טויט־קלאפ צו גוג ומגוג, און מיר וועלן זיצן רואיק און זיכער אין די סוכת ישראל, אין די ס ו כ ת ד ו ד, וועלכע וועט זיין א ס ו כ ת ש ל ו ם, במהרה בימינו, אמן, ואמן!

# שבת בראשית

אלעס, האָבן זיי צוגענומען בײַ אונז, אונדזער לאַנד חרוב געמאַכט, אונדזער בית המקדש פאַרברענט אונדזערע עלטערן פאַרטריבן אונדזער נאַציאָנאַלן שטאָלץ צעבראָכן, אָבער איין זאַך וואָס בײַ אונדז איז טײַערער ווי אַלץ איז בײַ אונדז פאַרבליבן, און קיין קראַפט אויף דער וועלט איז ניט שטאַרק גענוג אונדז פונאַנדערצושיידן ווײַל זי איז מיט אונדז אַלעמאָל, זי לאָזט אונדז ניט אָפּ אויף אַ מינוט, זי איז אונדזער נשמה אונדזער לעבן, אונדזער טרייסט אין אַלע צײַטן און אין אַלע ערטער, ווען און וואו מיר זײַנען. דאָס איז אונדזער אייביקע און הייליקע „תורה." די נאַציאָנאַל-אידישע נשמה וועלכע לעבט אין אונדז און וועלכע באַלעבט אונדז שוין מער ווי דרײַ טויזנט יאָר, מיר זײַנען איינגעוואַקסן איינער אין צווייטן, מיר זײַנען איינס, ווי די גמרא דריקט זיך אויס „אוריתא וישראל חד הוא".

* * *

ויברך אלהים את יום השביעי ויקדש אותו, כי בו שבת מכל מלאכתו אשר ברא אלהים לעשות (בראשית ב', א').

זכור את יום השבת לקדשו, ששת ימים תעבד ועשית כל מלאכתך, ויום השביעי שבת לה' אלהיך, לא תעשה כל מלאכה, אתה ובנך ובתך עבדך ואמתך בהמתך וגרך אשר בשעריך, כי ששת ימים עשה ה' את השמים ואת הארץ, את הים ואת כל אשר בם, וינח ביום השביעי, על כן ברך ה' את יום השבת ויקדשהו (שמות כ' — י"א).

וזכרת כי עבד היית בארץ מצרים ויצאך ה' אלהיך משם ביד חזקה ובזרע נטויה על כן צוך ה' אלהיך לעשות את יום השבת (דברים ה', י"ב).

אך את שבתותי תשמרו, כי אות היא ביני וביניכם לדרתיכם, לדעת כי אני ה' מקדשכם, ושמרתם את השבת כי קדש היא לכם, מחלליה מות יומת, כי כל העושה בה מלאכה ונכרתה הנפש ההיא מקרב עמיה. ששת ימים יעשה מלאכה וביום השביעי שבת שבתון קדש לה', כל העושה מלאכה ביום השבת מות יומת. ושמרו בני

ישראל את השבת לעשות את השבת לדרתם ברית עולם, ביני ובין בני ישראל אות היא לעלם, כי ששת ימים עשה ה' את השמים ואת הארץ וביום השביעי שבת וינפש (שמות ל"א, י"ב).

ששת ימים תעשה מלאכה וביום השביעי שבת שבתון מקרא קדש, כל מלאכה לא תעשו, שבת היא לה' בכל מושבתיכם (ויקרא כ"ג, ב').

ששת ימים תעבד וביום השביעי תשבת בחריש ובקציר תשבת (שמות, ל"ד, כ"א).

מיר לעבן אין א גרויסע, רייכע וועלט, עס פעלט קיין זאך ניט. שיין שטארק אין מעכטיק איז די נאטור, און די נאטור דינט דעם מענטשן, שטעלט אים צו אלץ וואס ער באדארף. אלע ווייסן אז גאט האט באשאפן די וועלט; גאט פירט די גרויסע, ברייטע און וואונדערבארע שיינע וועלט, און דער מענטש, קען גאר דאן זיין גליקלעך, ווען ער פילט אויס דעם אינהאלט פון זיין לעבן מיט גאטהייט, ווען דער מענטש דינט גאט מיט זיין מארך, הארץ, געפיל נשמה, צייט און מיט אלע זיינע פייאיקייטן.

די געפאר איז אבער דא, און ווירקלעך א שרעקלעכע געפאר, טאמער וועט דער מענטש ניט פארשטיין, ניט פילן, אדער טאמער וועט ער פארגעסן אז עס איז דא א גאט אף דער וועלט, און נאך א זאטן, גוטן און פעטן מאלצייט, ליגנדיק אויף דער ווייכער זאפע, פאפנדיק דעם פעטן טשעק בוך, קען ער רייכנען דאס ער אליין, ער מיט זיין געלט איז אלמעכטיק, ער מיט זיין פעטן טשעק בוך איז דער אייגנטימער פון דער וועלט: ער פארמאגט דאך א געזונטן, שטארקן קערפער און האט שכל צו מאכן געלט, און האט פיל געלט און הייזער, אזוי אז ער איז דער הערשער פון דער וועלט, ער און ניט קיין אנדערער, היינט ווי מאכט מען אז דער גארישער קליין מענטשעלע זאל זיך אויפכאפן פון זיין נארישן ליטארגישן שלאף, זאל פארשטיין אז ער מיט זיינע געלט און הייזער וואס ער פארמאגט, איז ניט מער ווי א קליינער שוואכער פיצל זאמד, א ברעקל שטיין, וואס מיט א שטארקן בלאז אנטלויפט ער פון דער וועלט אין קבר אריין, און זיין געלט און זיינע הייזער וועלן איבערבלייבן פאר אנדערע נאראנים אזוי ווי ער, וועכע וועלן לעבן אייך אין טעות אזוי ווי ער

האָט געלעבט, און וועלן אויך אַזוי נאַריש אויסקשטאַרבן. וועלכער כוח, וועלכער מיטל, וועלכע מעטאָדע קען אָנגעווענדט ווערן צו געבן צו פאַרשטיין דעם נאַרישן מענטשן אַז ער איז אַ גאָרניט, און דער אמ'תער בעל הבית, דער ריכטיקער איינגטימער פון דער וועלט איז ניט דער מענטש נ אָ ר ג אָ ט.

# דער שבת!!

דער שבת קומט יעדע וואָך, און דערמאָנט דעם מענטשן אַז גאָט האָט באַשאַפן די וועלט, און גאָט פירט די וועלט. שבת וועלכער איז דער ע ר ש ט ע ר טאָג פון דעם מענטשן, ווייל דער מענטש, דער ערשטער מענטש, איז געבאָרן געוואָרן פרייטיק, ערב שבת, און דער ערשטער טאָג פון לעבן איז דער שבת, וועלכער איז אַ טאָג פון קדושה, גאָט האָט אים געבענטשט און הייליק געמאַכט — ויברך אלהים את יום השביעי ויקדש אותו — גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג און האָט אים הייליק געמאַכט, און יעדע וואָך קומט דער שבת און ברייננגט מיט זיך קדושה און געטלעכן פאַרגעניגן, און דורך דעם שבת דערמאָנט זיך דער מענטש אַז עס איז דאָ אַ גאָט אױף דער וועלט, וועלכער האָט באַשאַפן די וועלט, און האָט גערוט שבת, אום דער מענטש זאָל אויך רוען אום שבת. — שבת וינפש — שבת האָט גאָט גערוט און ו י נ פ ש, ער האָט זיך באַפעסטיקט אין דעם נ פ ש, אין דער נשמה פון יעדער שומר שבת איד!

אָבער מיט וואָס און דורך וואָס וועט שבת צייגן זיין דער־ציערישן ווערט? ווי אַזוי קען דער שבת זיין דער פאַרבאַנד צווישן גאָט און איד, דער „אות ברית", ווי אַזוי? דורך דעם וואָס „ששת ימים תעבוד ועשית כל מלאכתך ויום השביעי שבת לה' אלהיך", ווי אַזוי? דורך דעם וואָס „ששת ימים תעבוד ועשית כל מלאכתך ויום השביעי שבת לה' אלהיך," 6 טעג אַרבעט, און דער 7־טער טאָג איז שבת צו גאָט. מיט וואָס אָבער צייגט זיך אַרויס די פולשטענדיקע קדושה פון שבת? מיט דעם וואָס „לא תעשה בו כל מלאכה," מען טאָר קיין אַרבעט ניט טאָן אום שבת! וואָס איז אָבער דער טיפער סוד פון ניט טאָרן אַרבעטן אום שבת? וואָס מיינט אַרבעטן שבת? וואו איז דאָ די פילאָזאָפיע פון שבת?

ווען מיר טראַכטן זיך אָבער אריין טיפער, געפינען מיר אויס דעם טיפן פילאָזאָפישן געדאַנק וואָס געפינט זיך אין דעם ניט אַרבעטן אום שבת.

עס איז אמת, אז דער מענטש באַהערשט איצט די וועלט און די נאַטור, אָבער אין וואָס באַשטייט זיין כוח? אין דעם וואָס דער מענטש איז פייאיק צו ענדערן, צו צוצוגרייטן און פאַרריכטן, בעסער מאַכן אלעס וואָס רינגלט אים ארום צוליב זיין בענפיט: ער ריכט צו און גרייט צו די ערד זי זאָל זיין פאַסיק פאר אים. און זאָל אים ארויסגעבן וואָס מער שפייז צום עסן; ער וויים ווי אַרומצוגיין ארום די גראָזן, פרוכט, און אַלע בעלי חיים וועלכע געפינען זיך מיט אים, אַז זיי זאָלן מאַכן גרייט פאר אים שפייז און קליידער, אָט אַזוי קאָמאַנדעוועט דער מענטש מיט דער וועלט, מיט דער נאַטור, מיט אַלעס וואָס אַרום אים. גאַנץ גוט! ששת ימים תעבוד! זעקס טעג הערשטו מענטש! נעם איין די גאַנצע וועלט, שאַף, בוי, שפּאַן איין די כוחות פון דער נאַטור זיי זאָלן דיר דינען, אָבער ווי עס קומט שבת, דאַן ג ע נ ו ג! טשעפּע ניט קיין זאַך, בוי ניט און ברעך ניט, ענדער ניט און שאַף ניט, ווייל שבת האָט דיר גאָט ניט ערלויבט צו ט אָ ן, דער שבת קומט און זאָגט דיר אַז די גאַנצע וועלט אין וועלכע דו מענטש לעבסט, שאַפסט און אַרבעטסט, איז ניט דיין וועלט, די וועלט באַלאַנגט צו גאָט, און דו אליין באַלאַנגסט אויך צו גאָט, ער האָט דיר געגעבן כוח און שכל צו באַהערשן די וועלט און די נאַטור, אָבער צו טאָן אַלעס ווי גאָט וויל! אַ גאַנצע וואָך איז די וועלט דיינע, אָבער ווען עס קומט שבת, דאַן קער אום צוריק צו גאָט זיין וועלט, פאַרשטיי, דו מענטש, אַז די וועלט איז נאָר אַנטליען געוואָרן צו דיר פון גאָט, אַן הלואה, ער האָט דיר אנטליען אויף 6 טעג, ווי עס קומט אָבער שבת, קער אום צוריק די וועלט צו גאָט, און געדיינק ווער עס איז דער אמ'תער בעל הבית, ווער איז דער ריכטיקער אייגנטימער פון דער וועלט, און געדיינק אז אָט די אַנטליענע וועלט, איז גאָטס וועלט, ער איז דער אייגנטימער און דער הערשער, און ניט דו, מענטש!

און דערפאַר איז די גרינגסטע אַרבעט וואָס ווערט געטאָן אום שבת, אפילו ווען די ארבעט איז זייער גרינג, זייער לייכט, איז זי א כפירה אין גאָט ווייל דערמיט וואָס מען גייט עפּעס טאָן שבת, ענדערן, שאַפן, אַרויספּרייִנגען עפּעס, בויען, ברעכן,

עפּעס אופּטאָן, דערמיט לייקנט מען אין דעם „בורא עולם" און מיט גרויס חוצפּה און עזות און מיט גרויס אומוויסנהייט און גראָבקייט זעצט מען זיך אַוועק אויף גאָטס שטול צו פירן און באַהערשן די וועלט, אַזוי אַז דאָ איז גיט קיין פראַגע פון טאָן ש ווער ע ארבעט אָדער לייכטע אום שבת, איינער נעמט און מאַכט, למשל, פייער, היינטיקע צייטן איז זייער לייכט מאַכן פייער, עס פאָדערט זיך דערצו גיט קיין אָנשטריינגונג פון קרעפטן, אָבער פייער איז געווען פינצטער, קומט דער מענטש און ענדערט, ער שאַפט, ער מאַכט ליכטיק, אָדער פאַרקערט, ער פאַרלעשט דעם פייער, ער מאַכט פינצטער, ער האָט עפּעס אויפגעטאָן אום שבת, אין דעם טאָג, אין וועלכן ער האָט ניט די דערלויבניש צו טאָן, צו שאַפן, צו אויפטאָן, און דערפאַר איז — מחלליה מות יומת! דער וואָס איז מחלל שבת, פאַרדינט דעם טויט, זיין נשמה ווערט אָפּגעשניטן פון אידישן פאָלק, און פאַרקערט, דער ניט טאָן אום שבת, עס מאַכט ניט אויס וועלכע ארבעט עס איז, אפילו די לייכטסטע, די קלענסטע, אָט דער ניט ארבעטן שבת באַשטעטיקט דאָס: — גאָט האָט באַשאַפן די וועלט און ער איז דער אייגנטי־מער פון דער וועלט.

און טאַקע דערפאַר איז דער שבת הייליק, ווייל אויב א גאַנצע וואָך קענסטו פאַרגעסן אַז עס איז דאָ א גאָט אויף דער וועלט, ווען א גאַנצע וואָך ביזטו צוטראָגן, צוטומלט, אריינגעטאָן צופיל אין דער נאַרישקייט פון דער וועלט, און די האָסט פאַר־געסן אויף גאָט, און דערפאַר מענטש, ביזטו געפאַלן, געפאַלן זייער זייער נידעריק נעפאַלן, דערפאַר אָבער ווען דער שבת קודש קומט, הויבט ער דיך אויף. דער שבת הויבט אויף דיין גייסט, ער הייליקט דיך, ער מאַכט דיך נעענטער צו גאָט, ער בינדט צו דיין נשמה צום רבונו של עולם, און דו פילסט דאַן אַז דו גע־פינסט זיך שבת אין א העכערע וועלט, דו באַזיצסט דאַן א נשמה יתירה!!

אויב אַזוי, רבותי, ווערט אונדז קלאָר, פאַרשטייען מיר איצט גרינדלעך, פילאָזאָפיש, דעם ריכטיקן באַגריף פון ניט מאָרן טאָן קיין ארבעט אום שבת, אַז טאָן ארבעט מיינט: ארויסברייגנען א געוויסן געדאַנק, א מחשבה, אן אידעאַל, און פאַרווירקלעכן די אי־דיי, דעם געדאַנק, די מחשבה דורך דעם מענטשלעכן טאַלענט,

דורך זיין האנט און מארך, דאָס רופט זיך אין העברייאיש „מלאכת מחשבת,״ אן ארבעט וואָס דריקט אוים מחשבה... שאפן פון דאָס ניי, אָדער ענדערן עפעס פאר דעם נוצן און פארגעניגן פון מענשן, אָבער דאָס מיינט ניט דוקא שווערע ארבעט, קענסט ארבעטן שווער און ביטער א גאנצן טאָג, ווייבאלד אבער או דו האָסט ניט געשאפן עפעס, האָסטו גאָרניט אופגעטאָן, גאָרניט געענדערט, דאן האָסטו קיין ארבעט אום שבת ניט געטאן! דאקעגן אָבער ווען דו האָסט א קליינע ענדערונג, געמאכט אין עפעס, האָסט עפעס געשאפן, עפעס אופגעטאָן, ווען אפילו דאָס איז דיר אָנגעקומען זייער, זייער לייכט, דאן האָסטו מחלל שבת געווען! און דו האָסט געציינט דיין אומוויסנהייט און דיין חוצפה אז דו ביזט דער אייגנ־טימער פון דער וועלט, דו לייקנסט דאמיט אין גאָט, אנשטאָט וואס דיין פליכט איז צו באשטעטיקן און אנערקענען דורך ניט אר־בעטן אום שבת אז צו גאט באלאנגט די וועלט!

# שבת

דער טאָג שבת איז ניט ווי מאנכע וועלכע פאָרשטייען ניט און דיינקען צוליב אָפרוען זיך פון דער ארבעט פון א גאנצער וואָך, און עס איז בלויז א טאָג פון רו, נעמען זיך א טאָג אין וואָך „אורלויב״. וואָלט דער צוועק פון שבת געווען בלויז צו אויסרוען דעם קערפער, דאן וואָלט ניט נויטיק געווען צו רוען דוקא דעם 7־טן טאָג שבת, דעם אידישן הייליקן שבת, עס וואָלט גענוג געווען, אז יעדער איד זאָל זיך אויסקלייבן א טאָג אין וואָך אויף צו רוען, דעם טאָג וועלכער איז פאר אים פאַסיקער, לייכ־טער און בעסער. זעלבסטפאַרשטענדלעך אז דאן וואָלטן אלע אידן ביי הײנטיקן טאָג געמאכט זייער שבת זונטיק — ווי די רע־פאָרמער ווילן — און ניט אונזער אמת׳ן שבת, און אונדזער אמתער, הייליקער שבת, וואָלט חס ושלום אָפגעשטאָרבן אינגאנצן.
דער אמת אָבער איז דאָך ניט אזוי. דער ריינער אמת איז אז היטן שבת דארף מען נאָר דעם 7־טן טאָג אין וואָך, שבת קודש, און ניט חס ושלום זונטיק אָדער יערן אנדער טאָג אין וואָך. און וואָלט געווען דער טעם פון שבת היטן נאָר צוליב אָפ־רוען דעם קערפער, האָבן נאָר געדאַרפט היטן שבת אַרבעטער, וועלכע אַרבעטן שווער אַ גאַנצע וואָך, רבנים אָבער און אַלע אַנ־

דערע וועלכע ארבעטן ניט שווערע פיזישע ארבעט, וואלטן ניט שבת היטן. ווען דער טעם פון שבת וואלט געווען נאר צוליב אפ־רוען דעם קערפער, דער אמתער טעם איז אבער ניט געווען נאר צוליב אפרוען דעם קערפער, נאר דורכדעם וואס דער קערפער, זאל טען דאן האבן די מעגלעכקייט צו ערווערבן קדושה פאר דער נשמה און אנערקענען דערמיט אז „קדוש היום לאדונינו," אז שבת איז הייליק, און דער יעניקער וועלכער היט שבת לויטן שלחן ערוך, ווערט ער אויך הייליק.

און אט דער געדאנק ליגט באהאלטן אין די ווערטער וועלכע מיר לייענען אין דער תורה וואס גאט ברוך הוא זאגט צו משה'ן: „ואתה דבר אל בני ישראל לאמר, אך את שבתותי תש־מורו, כי אות היא ביני וביניכם לדורותיכם, לדעת כי אני ה' מקדשכם (תשא), זאלסט ניט דיינקען — זאגט גאט צו משהן' — אז די מצוה פון שבת איז נאר צו אויסרוען דעם קערפער, ניין, עס איז פיל העכער, פיל וויכטיקער, עס איז צוליב דעם אז דורך די מצוה פון שבת זאלט איר הייליק ווערן, לדעת כי אני ה' מקדשכם!....

און דאס זאגן מיר אין איינע פון אונדזערע שבת'דיקע תפי־לות: יום מנוחה וקדושה לעמך נתת, מנוחה שלמה שאתה רוצה בה... מאת היא מנוחתם" ווען נאר דער קערפער רוט, איז דאס ניט קיין פולשטענדיקע רו, ווייל עס איז ניט קיין מנוחה שלמה, עס איז ניט דאן קיין טאג פון הייליקייט, ווען אבער מען היט שבת בקדושה, ווי דער דין איז, דאן איז דער שבת א טאג פון רו און הייליקייט, מנוחה וקדושה, און דער שבת איז דאן א געט־לעכקייט, ניט א טאג וועלכן מענטשן האבן באשטימט ווען צו רוען, זאנדערן כי מאתך היא מנוחתם, די רו איז געטלעך, און אט פאר־וואס אזא געטלעכע רו וועלן זיך אמת'ע אידן מוסר נפש זיין און וועלן מקדש השם זיין, ועל מנוחתם יקדישו את שמך! און די תורה זאגט דאך — על כן ברך ה' את יום השבת ויקדשהו! שבת איז א ברכה פון גאט, און שבת איז געהייליקט ביי גאט!

און דאס זאגט דער נביא ישעיה — אם תשיב רגליך, — ווען שבת וועסטו ניט גיין, וועסט זיך ניט פירן ווי דו פירסט זיך אויף א גאנצע וואך, עשות חפציך ביום קדשי, ווען דו וועסט שבת

ניט טאָן קיין זאַך וואָס דו ווילסט קאָן ניט צוליב אַפּרוען זיך, נאָר ווייל שבת איז דער יום קדשי, א טאָג פון קדושה, דאָן איז וקראת לשבת עונג, וועסטו דאן פילן דעם אמת'ן פארגעניגן וואָס א מענטש קען נאָר פילן אין לעבן. אין די גמרא זאָגט אַז עונג שבת איז אחד מששים לעולם הבא (ברכות נ"ז), א טייל פון דעם. אויסערגעווייגלעכן פארגעניגן וואָס דער צדיק וועט האָבן עולם הבא און אויסער דעם גרויסן תענוג פון שבת ולקדוש ה' מכובד, וועס-טו פילן די קדושה און דעם כבוד פון שבת, ווייל אויסער קדושה געפינט זיך אין שמירת שבת דער כבוד פון אידישן פאָלק, דער דער כבוד האומה העברית. און ווען דער שבת ווערט פארשוועכט עפנטלעך, ווערט דערמיט געטראָטן אונטער די פיס דער אידישער כבוד, דער כבוד פון אונדזער נאציאָן.

און דערמיט דערקלערט דער „אפיקי יהודה" דעם באוואוסטן מאמר חז"ל וואָס טורנוסרופוס האָט געפרעגט ר' עקיבא'ן „מה יום מיומים? אמר לו ומה גבר בגוברין? אמר ליה דמרא צבי, אמר לו שבת נמי דמרא צבי (סנהדרין ס"ה) אין איינפאכן אי-דיש הייסט דאָס: אַז טורנוסרופוס פרעגט רבי עקיבא'ן מיט וואָס איז שבת וויכטיקער ווי אַלע אנדערע טעג? וועסטו מיר ענטפערן ווייל שבת איז א טאָג פון רו, ווען דער מענטש רוט זיך אוים פון זיין שווערער ארבעט א גאַנצע וואָך און קלייבט כוחות צו ארבעטן אין דער צוקונפט, אויב אזוי דארפן די אלע אנדערע טעג פון וואָך זיין וויכטיקער און הייליקער, עס דארף זיין ביי זיי קדו-שת העבודה, ווייל אין אָט יענע טעג ארבעט מען דאָך פאר דעם נוצן פון דער מענטשהייט? אזוי פרעגט טורנוסרופוס, ענטפערט אים אָבער רבי עקיבא: ומה גבר בגוברין? פארוואָס ביזטו, טור-נוסרופוס, וויכטיקער ווי אַלע אַנדערע הונדערטער טויזנטער מענטשן פון וועלכע דו ביזט דער הערשער? זיי ארבעטן דאָך מער פון דיר, פארוואס האָט מען אויסגעקליבן דיך אלס פירער פון פאָלק און ניט זיי? איז דאָך דער תירוץ, ווייל דו ביזט הע-כער פון זיי, פייאיקער פון זיי, וויכטיקער פון זיי, אָט די זעלבע זאַך איז מיט דעם שבת: דער שבת איז ניט בלויז א טאָג פון ניט ארבעטן, ווי דו דיינקסט, נאָר א טאָג פון קדושה עליונה, פון העכערער קדושה, און דערפאר איז דער שבת וויכטיקער פון אלע אנדערע טעג פון וואָך.

טורנוסרופוס אָבער וויל דאָס ניט אָנערקענען, פאַרוואָס ? אויף ער זאָל מודה זיין אז דערפאַר שטייט דער שבת העכער פון אלע אנדערע טעג פון וואָך ווייל ער איז הייליקער פון אלע אנדערע טעג, דאַן וועט ער דאָך מוזן מודהזיין דעם ביטערן אמת וואָס די גאַנצע וועלט וויל ניט מודה זיין: אַז אידן זיינען אתה בחרתנו־קעס ווייל — דאָס אידישע פאָלק איז אַ הייליקע פאָלק, כי עם קדוש אתה לה' אלהיך, אידן זיינען הייליק צו גאָט, און אַזאַ אמת שמעקט ניט טורניסרופוס הרשע, דערפאַר ענטפערט ער ר' עקיבא'ן דמרא צבי, האָסט אַ טעות רבי עקיבא, ניט דערפאַר ווייל איך שטיי באמת העכער פון פאָלק, דערפאַר בין איך דער פירער, נאָר מיין האַר דער מלך, ער וויל מיך, ווען ער וויל אַן אַנדערן, ווערט יענער דער פירער. זאָגט אים ר' עקיבא -- גוט, ביי שבת איז אויך אַזוי, דמרא צבי, דער רבונו של עולם וויל ניט קיין אַנדער טאָג פאַר שבת, ניט זונטיק, ניט פרייטיק, נאָר דוקא דעם שבת וועלכן אידן היטן אַלס שבת און נאָר דער שבת און ניט קיין אַנדערער איז אונדזער שבת קודש.

און דערמיט דערקלערט זיך וואָס די גמרא זאָגט אלמלי שמרו ישראל שבת ראשונה לא שלטה בהם אומה ולשון שנאמר ויהי ביום השביעי יצאו מן העם ללקוט וכו' וכתיב בתריה ויבא עמלק וילחם עם ישראל ברפידים, וויבאַלד אַז אידן זיינען מחלל שבת, צייגן זיי דערמיט אַז עס איז ניטאָ קיין אונטערשייד פון קדושה און וואָכעדיקייט, אַלעס איז גלייך, איז דאָך דאַן אויך ניטאָ קיין אונטערשייד פון אידן ביז ניט אידן, און ווי באַלד אַז מען נעמט צו ביי אידן די קדושה, וואָס זיי פאַרמאָגן, שטייען זיי ניט העכער און אפשר נידעריקער אין מאַנכע הינזיכטן פון מאַנכע אַנדערע פעלקער, און דען וויבאַלד אידן זיינען מחלל שבת, צייגן זיי דערמיט אַז זיי שטייען נידעריקער פון אַנדערע פעלקער, איז דאַן ויבא עמלק וילחם עם ישראל, דאַן קומט עמלק און באַקעמפט אידן, ווען אָבער אידן וואָלטן שבת געהיט, וואָלטן זיי געמאַכט פילן דאָן אַז זיי שטייען הויך, זייער הויך דערמיט וואָס זיי זיינען אַ הייליקע פאָלק, וואָלט די קדושה פון שבת ארויסגערופן פאַר זיי דעם רעספּעקט פון אַלע אַנדערע נאַציאָנען און זיי וואָלטן ניט הערשן אַף אידן, און אידן וואָלטן דאַן ניט פאַרקויפט זייער נשמה, זייער נאַציאָנאַלן שטאָלץ, זייער כבוד זייער שבת, צו אַלע אַנדערע

פעלקער „אלמלי שמרו ישראל שבת ראשונה לא שלטה בהם אומה ולשון" (שבת קי״ז.)

און נעמען מיר און מיר טראַכטן זיך אַריין טיפער אין די פאָר ווערטער פון דער גמרא — לא שלטה בהם אומה ולשון, געפינען מיר איצט אויס אונדזער גרויסע טראַגעדיע, אז ווען דאָס אידיש פאָלק היט ניט קיין שבת, הערשט אויף דאָס פאָלק אומה ולשון, פאָלק און שפּראַך, מען אַסימילירט זיך אין דעם פרעמדן פאָלק, מען מאַכט נאָך זיינע מנהגים, זיינע זיטן, זיינע טראַדיציעס, זיין קולטור, זיין ליטעראַטור, און אויסער די אַסימילאַציע פון פאָלק קומט די אַסימילאַציע פון שפּראַך, דאָס אידישע פאָלק רעדט ניט זיין נאַציאָנאַלע שפּראַך, העברייאיש, נאָר ער און זיינע קינדער ריידן פרעמדע שפּראַכן — שלטה בהם אומה ולשון, פאָלק און שפּראַך.

רבותי! די קדושה פון שבת טאָר ניט פאַרשוועכט ווערן. אין היינטיקע צייטן דער וואָס היט שבת, איבערהויפּט דער וואָס איז רייך און באַשעפטיקט פיל אידישע אַרבעטער, און ווען עס קומט שבת מאַכט ער צו זיין געשעפט, אזא שומר שבת איז מקדש השם, און דער וואָס איז מחלל שבת בפרהסיא, איז מחלל השם. מיר דאַרפן אָבער אַכטונג געבן אז פון דעם קדוש השם זאָל ניט אַרויסקומען א חלול השם! האָבן מיר דאָך צווישן אונדז זייער רייכע אידן, גרויסע געשעפטן, וועלכע מאַכן צו שבת זייערע געשעפטן, זיי באַשעפטיקן נאָר שומרי שבת אַרבעטער, איז דאָך גוט און שיין, זיי גיבן א געלעגנהייט די שומרי שבת אַרבעטער, די פרומע אידישע אַרבעטער, זאָלן ניט דאַרפן מחלל שבת זיין, איז אָבער דער אומגליק אז פון זייער קידוש השם ווערט נאָר א חלול השם, ווייל זיי עקספּלואַטירן, באַרויבן דעם פרומען אידישן אַרבעטער, אָנשטאָט צו צאָלן אים דעם פולן פרייז ווי ער איז ווערט צאָלן זיי אים אַרום פונקט א העלפט, מאַנכמאָל נאָך ווייניקער, וויסנדיק אז דער אמת'ער פרומער אַרבעטער וועט ניט אוועקגיין פון דעם פּלאַץ, אפילו ווען ער באַקומט פאַר זיין שווערער אַרבעט א הונגער לוין, ווייל דער אמת'ער פרומער אַרבעטער וועט זיך מוסר נפש זיין פאַר'ן שבת, און אָט די אַזוי־גערופענע פרומע שומרי שבת געשעפטן מאַכן געלד דורך דעם שמירת שבת אויף דעם חשבון פון דעם פרומען אידישן אַרבעטער. אויף יענע געשעפטן פּאַסט זיך די מליצה פון

ישעיה הנביא — אשרי אנוש יעשה זאת, שומר שבת מחללו ושומר ידו מעשות כל רע. גליקלעך איז דער מענטש וועלכער היט שבת און ער היט זיין האנט פון צו טאָן שלעכטס, אייגנטלעך איז דאָך די קשיא וואָס פאַר א שייכות האָט היטן שבת מיט טאָן אלע שלעכטס? אָבער, רבותי, ווען מיר זעען ווי די געשעפטן ווערן רייך פון שמירת שבת דורך דעם וואָס זיי באַראַבעווען זייערע פרומע אידישע אַרבעטער דורך דעם שבת היטן, צו זיי קען מען זאָגן די שטאַרק הייליקע ווערטער פון דעם נביא — גליקלעך איז דער וואָס היט שבת, אָבער ער זאָל היטן זיין האנט פון טאָן שלעכטס, ער זאָל ניט דורך שומרי שבת אַרבעטן רייך ווערן, ער זאָל ניט באַרויבן זיינע אַרבעטער דערפאַר וואָס זיי אַר־בעטן ניט שבת, ווייל דאַן טוט ער אלדאָס בייז דורך דעם שבת היטן, עס דאַרף זיין שומר שבת מחללו, ושומר ידו מעשות כל רע!

שבת! ווי הייליק האָט אונדז דער שבת געמאַכט ווען מיר אַלע האָבן געהיט דעם שבת. דער שבת האָט באַשאַפן אן אוי־סערגעוויינלעכע הייליקע סביבה; דער שבת קודש ביי אידן איז געווען דער גרעסטער, דער ווינטיקסטער, דער נוצלעכסטער פאַק־טאָר אין דער אידישער ערציאונג פון דעם יונגען דור. די ליכט בענטשן! די שבת׳דיקע זמירות! די שבת׳דיקע תפלות! די שבת־דיקע סעודה, דער שבת׳דיקער תהלים זאָגן, די שבת׳דיקע דרשות, פון די מגידים, דער חסידישער שלש סעודות, די הבדלה, די מלוה מלכה — וויפיל הייליקע ליכטיקייט איז דאַן אַריינגעגאָסן געוואָרן אין די נשמות פון די יונגע קינדער, און היינט — ווען דער שבת ווערט חרוב, ווי איז צו מיר, ווערט חרוב צוזאַ־מען מיט דעם שבת דער יונגער אידישער דור, אונדזערע יונגע אידישע קינדער, מיט דעם חורבן פון שבת ווערט חרוב די אידי־שע היים, מיט דעם חורבן פון שבת ווערט חרוב די אידישע נשמה, די שול און דער גאַנצער אידישער לעבן. און מיר זעען פרומע אידישע מאַמעס פון דעם אַלטן דור וועלכע נעמען צו מיט פרייד, מיט שטאָלץ די שבת׳דיקע געלט וואָס זייערע זין און טעכטער ברענגען זיי אום שבת פון חלול שבת, און זיי, די אומ־ווּיסנדע, אומגליקלעכע פרומע מאַמעס נעמען צו די חלול שבת געלט און באַהאַלטן די געלט אין דעם שבת׳דיקן פאַרוק אָדער אין דעם גראָבן קרבן מנחה... ווי גרויס איז דער צער! ווי

שטארק איז דער וויטאק! און אז מען מאכט ווי איפמערקזאם, אַז די פרומע מאמעס אויף דעם גיפט פון חלול שבת פון זייערע קינדער, זוכן זיי צו רעכטפערטיקן, צו פאַרענטפערן זייערע מחללי שבת קינדער! אזא מוטער זאָלט איר ניט מקנא זיין, זי איז א טויטע, א טויטע אידישע מוטער. די גמרא זאָגט. „בעון שמבטלות צוות בניהן כשבת, נשים מתות בשעת לידתן (שבת ל״ב), דער־פאר וייל אַז די מוטערס פאַרענטפערן נאָך די מחללי שבת קינ־דער, גיי וואשן די קינדערס צואה אום שבת... דערפאַר זיינען די מוטערס טויטע, טויט זיינען זיי גלייך ווי זיי געבוירן זייערע קינ־דער, זייער לעבן איז קיין לעבן ניט... געבאָרן און דערציען קינ־דער וועלכע זאָלן חרוב מאכן אונדזער שבת קודש, אזא מוטער איז א טויטע...

די הויז וועלכע איז מחלל שבת, דאָרט איז ניטאָ קיין ריב־טיקע כשרות, קיין טהרת המשפחה, קיין תורה ויראת שמים, אין די קליינע קינדער וועלכע ווערן דערצויגן אין אזא הויז, קענען נים אויסוואקסן קיין שטאָלצע, באוואוסטזיניקע און באַגייסטערטע אידן; אין אזא הויז זיינען די קינדערלעך טויטע קינדער. דאָס זאָגט די גמרא אין שבת — בעון מזוזה ובעון בטול תורה בנים קטנים מתים — אין דער הויז וואו עס איז קיין מזוזה ניטאָ, קיין תורה ניטאָ, אין יענעם הויז זיינען די קליינע קינדער, טויטע קינדער! טויטע מוטערס און טויטע קינדער! ויאו נעמט מען דעם מקונן וועלכער זאָל קענען באַקלאָגן דעם חורבן פון דעם שבת קודש?!

רבותי! לאָמיר זיך אלע פאַראייניקן צו היטן שבת, ובז־כות השבת וועלן מיר זוכה זיין צו דער גאולה. אזוי זאָגט אונדז דער ילקוט אין בהעלותך: „אם שמרתם נרות של שבת, אני מראה לכם נרות של ציון“ ווען איר וועט היטן די ליכט פון שבת, וועל איך אייך ווייזן די ליכט פון ציון!

רבותי! שוין באלד 2 טויזנט יאָר ווי מיר זעען ניט ד' ליכט פון ציון וירושלים. פינצטער, שרעקלעך פינצטער... לאָמיר אָבער דערציען אונדזערע מעכטער זיי זאָלן צינד־ן די שבת'דיקע ליכט, די ליכט פון שבת, וועלן דאן ליכטיק מאכן די אידישע וועג... די אידישע נשמה... דעם אידישן לעבן... און דאַן וועלן מיר דערזען — די ליכט פון ציון וירושלים, במהרה בימינו, אמן! ואמן!

# חנוכה

די היסטאָריע פון חנוכה. — דער שונא פון אידן און אידנטום. — די ערשטע קדושים ביי אידן. — די קעמפער פאר אמונה. — די גבורי ישראל. — טהורים און טמאים. — דער על הנסים. דער קריגל אויל.

אידן זיינען דאן, ווען דער נס חנוכה האָט פאסירט, געזעסן אין זייער אייגענע לאַנד, אין ארץ ישראל. דער בית המקדש האָט נאָך דאן עקסיסטירט. אָבער זייער זעלבסטשטענדיקייט, זייער נאציאָנאלע פרייהייט, האָבן זיי פארלאָרן. די סיריער זיינען די הערשער פון לאַנד, און זייער קיניג אנטיוכוס עפיפאנוס הערשט מיט אן אייזערנער האנט. און עס פאסירט אן אויסערגעוויינלעכע פאָלקס טראַגעדיע: דער שונא וויל צונעמען פון זיי ניט נאָר זייער גוטס, זייער לעבן, זייער פרייהייט, נאָר עפעס וואָס איז העכער, וויכטיקער נוצלעכער, הייליקער פון געלט, פון פרייהייט, פון לעבן, און דאָס איז — די הייליקע תורה — ער וויל אויסלעשן דאָס ליכט פון דער אידישער אמונה, פארניכטן די אידישע רעליגיע, די וויכטיקסטע הייליקע פרינציפן, דעם אינהאַלט און די נשמה פון דער אומשטערבלעכער אידישער תורה.

מצרים האָט פארשקלאפט אידן קערפערלעך, האָט באהערשט דעם אידישן קערפער, בבל און רוים זיינען געווען עראָבערער פון לענדער, פרס האָט געצייגט פיל מאָל א שמייכל צו די פעלקער און לענדער וועלכע זי האָט באהערשט, אָבער אנטיוכוס, ער האָט זיך גענומען צי עטוואָס אָריגינעלעס, עפעס וואָס האָט קיין מאָל איידער אים קיינער ניט געוואַגט צו טאָן. ער, אנטיוכוס, האָט זיך גענומען צו באַקעמפן דעם אידישן גייסט. ער איז געווען דער ערשטער אין דער געשיכטע פון אידישן פאָלק, וועלכער האָט אויפגעשטעלט די אידן פאר אַ גרויסן שרעקלעכן נסיון, אז זיי זאָלן זיך אויסקלייבן וועלכן טויט זיי ווילן: דעם טויט פון דעם קערפער אָדער דעם טויט פון דעם אידישן גייסט. און א שרעקלעכער טויט שטראָף האָט דערוואַרט אַט די אלע אמת׳ע פרומע אידן וועלכע וועלן היטן די וויכטיקסטע פרינציפן פון אידנטום ווי: לערנען תורה, היטן שבת, מל זיין די קינדער אד״ג. די גרעסטע

סכנה אין דער וועלט, די סכנה פון טויט האט געשוועבט איף די קעפ פון די פרומע אידן, וועלכע האבן געוואגט עפנטלעך צו מקיים זיין א יידישע מצוה.

די שונאים פון אידן און אידנטום האבן ניט געשוויגן. זיי האבן געזוכט צו דערשטיקן און פארלעשן דעם הייליקן פייער פון דער אידישער אמונה, האבן געזוכט צו פארשוועכן און פאראומ־ריינקן דאס הייליקע אידישע פאמיליען לעבן, און יעדע יונגע אי־דישע טאכטער האט געציטערט דאס איר ריינקייט זאל ניט פאר־שוועכט ווערן. דעם בית המקדש האבן זיי פארשוועכט, האבן בא־שפריצט די ווענט פון בית המקדש מיט חזיר בלוט. האבן צלמים אריינגעשטעלט אין בית המקדש און האבן געצוואונגען מיט דעם שווערד, מיט טויט שרעק, יעדן אידן ער זאל פארלאזן דעם איינ־ציקן גאט, דעם ומיוחד, און זאל דינען און ברייגען קרבנות צו זייערע געטער, און די יעניקע וועלכע האבן ניט געפאלגט אט די שרעקלעכע, ווילדע בארבארישע גזירה, אדער ווען מען האט גע־פונען באהאלטענערהייט א איד דינט גאט, דאן האט מען אים פארמשפט צו א שרעקלעכן גרויזאמען טויט. דאן זיינען געפאלן אין טייכן אומשולדיקע הייליקע בלוט, די ערשטע קרבנות פאר דער אידישער תורה און אמונה, דאן זיינען אוועק פון דער וועלט די ערשטע קדושים, וועלכע האבן זייער פריצייטיקן הייליקן טויט מקדש השם געווען!

און אט אין יענער שרעקלעכער צייט, ווען די פייערדיקע אידן וועלכע זיינען צוגעבונדן מיט דעם גאנצן פייער פון זייער נשמה צו גאט, צו זיין הייליקער תורה און צו דער אידישער אמונה, ווען אט די הייליקע אידן זיינען איסגעקוילעט געווארן על קדושת השם, און פיל אסימילירטע אידן זיינען געקומען, וועלכע האבן געוואלט נאכטאנצן די גריכן און סיריער, לעבן ווי זיי, און די איבעריקע אידן זיינען געווען צו שוואך צו קעמפן, שוואך אין גייסט, און דאס אידיש פאלק האט אנגעפאנגען צו פאלן אינערלעך, אט אין יענער שרעקלעכער צייט דערשיינט מתתיהו בן יוחנן כהן הגדול צוזאמען מיט זיינע זין די גבורי ישראל, און זיי באשליסן הייליק צו קעמפן ביז לעצטן טראפן בלוט, פאר דער גאנצקייט און עקסיסטענץ פון דאס הייליקע אידישע פאלק און פאר דער הייליקער אידישער תורה. מתתיהו האט ניט געציילט וויפיל אידן

גייען קעמפן מיט אים, ער האָט ניט געציילט ווי גרויס זיין ארמיי איז, ער האָט נאָר בטחון געהאַט אין גאָט, ער האָט געגלויבט שטאַרק אין הייליק, איז די תורה, דער אידישער גייסט, קען ניט און וועט ניט אונטערגיין. און ער מיט זיינע זין איז אַרויס קעמפן מיט פייער און בטחון אַנטקעגן אַ גרויסע שטאַרקע, גוט דיסציפּלינירטע ריזיקע ארמיי. און וואָס האָט פּאַסירט? „בימי מתתיהו בן יוחנן כהן גדול חשמנאי ובניו כשעמדה עליהם מלכות יון הרשעה, להשכיחם תורתך ולהעבירם מחקי רצונך: ואתה ברחמיך הרבים עמדת להם בעת צרתם רבת את ריבם, דנת את דינם, נקמת את נקמתם, מתרת גבורים ביד חלשים, ורבים ביד מעטים, וטמאים ביד טהורים, ורשעים ביד צדיקים, וזדים ביד עוסקי תורתך.“ די גריכישע רעגירונג וויל אַז אידן זאָלן פאַרגעסן די תורה, זאָלן ניט טאָן וואָס גאָט וויל, און גאָט נעמט זיך אָן פאַר די אידן אין זייער שרעקלעכן אומגליק, די גבורים פאַלן אין די הענט פון די שוואכע, גייסט באַזיגט דעם ברוטאַלן קערפּער, די גרויסע מאסע פאַלט אין די הענט פון די ווייניק אידן, די אומריינע גוים פאַלן אין די הענט פון די ריינע, הייליקע אידן, די צדיקים באַזיגן די רשעים, ניט אַלע מאָל טרעפט דאָס, אַלעמאָל הערשן די גבורים, די רבים, די טמאים, די רשעים, נאָר — א נס האָט דאָן פּאַסירט, און מיר זאָגן דאָך טאָקע על הנסים. אָבער ווען א פאָלק באַשליסט צו קעמפן ביז דעם לעצטן טראָפּן בלוט פאַר זיין תורה און אמונה, מוז דאָן נסים פּאַסירן און ער מוז באַזיגן זיינע קעגנער. דער גייסט מוז באַזיגן דעם ברוטאַלן קערפּער!

(זע מנחת ק״ט עמוד ב׳, מסכת סופרים פרק א׳ הלכה ז׳, אבי דרהם ע״ר עמוד א׳, אור זרוע חלק שני סימן שכ״ז, ספר האשכול).

און ווען די מאַקאַבייער, די גייסטלעכע פּרינצן, האָבן באַזיגט די ברוטאַלע שטאַרקע שונאים, זיינען זיי אין בית המקדש אריין, האָבן אָפּגערייניקט דעם בית המקדש פון די גריכישע טומאה, און האָבן ווידער געוואָלט אָנציגדן די מנורה פון בית המקדש, זאָל ווידער די געטלעכע מנורה פאַרשפּרייטן ליכט פון הייליקע אידעאַלן, דער נר מצוה ותורה אור״ פאַרשפּרייטן אויף דער גאַנצער וועלט, אָבער זיי האָבן געפונען — דערציילט די גמרא אין שבת — נאָר איין קריגל בוימויל וועלכע איז ריין, וועלכע די

גריכן האָבן ניט מטמא געווען, און דאָרט איז געווען בוימאייל אויף צו ברענען און צו לייכטן נאָר איין טאָג און עס האָט פּאַסירט אַ נס, און די פּיסל בוימאייל האָט געברענט גאַנצע 8 טעג. אָט דער נס וועלכער איז דער סימבאָל פון דעם אידישן פאָלק וועלכער איז א ליכט צינדער, אַ ליכט פאַרשפּרייטער, אַ פאָלק פון גייסט, אָט דער נס ווערט געפייערט יעדן חנוכה דורך צינדן די חנוכה ליכט.

און יעדן יאָר ווען עס קומט חנוכה, דאַרף יעדער איד צינדן חנוכה ליכט, צו פייערן דעם זיג פון ליכט אויף דער פינצטערניש, פון גייסט אויף קערפּער. און די חנוכה ליכט דאַרף ליכטיק מאַכן די פינצטערסטע ווינקעלעך פון לעבן, אַז די גאַנצע וועלט זאָל גיט קענען אויסלעשן די אידישע ליכט, דעם אידישן גייסט. און ווען די גאַנצע וועלט איז פינצטער און ברוטאַל, איז געוויג פאַר די אידישע הויז פאַר עלטערן און קינדער אָנצוצינדן ליכט. און די פינצטערניש וועט פאַרטריבן ווערן. רעספּעקט, הייליגן רעספּעקט פאַר די חנוכה ליכטל!

# חנוכה

חנוכה ליכט אין שול. — עלטערן און קינדער. —
דער נר ההנוך.

עס לעבן אידן אין אַ פרעמדער ניט אידישער סביבה, אין פרעמדע לענדער, לערנען זייערע קינדער פרעמדע שפּראַכן, די געשיכטע פון אַנדערע פרעמדע פעלקער. וואוינט דער איד אין אַ דאָרף, דורכאוים צווישן גוים. עס איז ווינטער, חנוכה צייט. דער פראָסט ברענט. אַ שרעקלעכער ווינט בלאָזט. גאַנצע קוּפעס מיט שניי פאַרוואַרפן די גרויסע, ברייטע גוי'אישע פעלדער. עס איז פינצטער. אַ וואַנדערער, אַ אידישער וואַנדערער, גייט פון דאָרף צו דאָרף: ער זוכט נעבעך ברויט פאַר זיינע קינדער. זיינע קינדער זיינען כלם אהובים, ליבע קינדער, כלם ברורים, כלם קדושים, קלאָרע, ריינע, הייליקע אידישע קינדערלעך, וכלם פותחים את פיהם, און אָט די קינדערלעך עפענען זייערע מיילער און שרייען: — פאָטער! גיב עסן, גיב ברויט! גיב ברויט צו שטילן דעם הונגער! און עס גייט דער „קאַראַבעלניק", דער אי-

דישער „קאראבעלניק", פון דאָרף צו דאָרף. דער שני מיטן ווינט שמייסן אָים אין פנים אריין. ארום און אָרום וואלד, פעלד, שניי, פינצטערניש, און — די כחות גייען אויס, נאָר אָט, שאַ, א גליק: עס זעט זיך אַ קליין פייערל, דאָס ברענט אַ חנוכה ליכטל אין דעם הויז פון דעם אידישן ישוב'ניק אין דער גוי'אישער דאָרף. הינט בילן זיי ווארפן זיך אויף אים, אָבער דער וואַנדערער איז גליקלעך, ער האָט פאר קיינעם קיין מורא ניט, די חנוכה ליכטל טרייסט אים. ער איז אין דאָרף א איד וואוינט דאָ, און ער וועט באַלד געפינען א פלאַץ וואו די קאָפּ אוועקצולייגן. ער וועט באַלד דריקן די האנט פון אַ אידן וועלכער וועט אים א שלום עליכם געבן. חנוכה לאטקעס וועט ניט פעלן. די חנוכה ליכטל, געבענטשט זאָל זי זיין, זי האָט אַריינגעבראַכט אזוי פיל ליכטיקייט אין זיין עלנדער נשמה, די נשמה פון א אידישן וואַנדערער! די חנוכה ליכט אין די דערפער האָט ליכטיק געמאכט פיל גוי'אישע פעלדער טאָג און נאכט!

דער גרויסער הייליקער נביא שרייט אויס צום אידישן פאָלק: „קומי אורי, כי בא אורך! והלכו גוים לאורך, ומלכים לנוגע זרחך". דער איד צינדט ליכט. אַלע פעלקער פון דער וועלט גייען פאר דער אידישער ליכטיקייט. צו פארטרייבן פינצטערניש מוז מען ליכט צינדן. און אָט די גרויסע, נוצלעכע, הייליקע אַרבעט טוט דער איד שטענדיק. ווען ניט דער איד מיט זיין חנוכה ליכט וואָלט נאָך די וועלט ביז היינט צוטאָג די גאַנצע וועלט געלעגן אין א שרעקלעכע פינצטערקייט.

ווען שלמה המלך האָט דעם בית המקדש געבויט, האָט ער געמאַכט די פענצטער פון בית המקדש — אזוי זאָגט די גמרא אין מדרש — צרות מבפנים ורחבות מבחוץ — שמאָל פון אינעווייניק, און ברייט פון אויסווייניק. פאַרוואָס האט ער דאָס געטאָן? „כדי שיהא יוצא לבית המקדש ומאיר לחוץ", כדי די ליכטיקייט פון בית המקדש זאָל ניט בלייבן נאָר אין בית המקדש, נאָר די בית המקדש ליכטיקייט זאָל ליכטיק מאַכן די אידישע גאַס, די אידישע הויז, דעם גאַנצן אידישן לעבן.

רבותי! מיר האָבן דאָך מער ניט קיין בית המקדש, אונזער בית המקדש האָט דאָך דער שונא פאַרברענט, אונזער שול איז אונזער בית המקדש מעט, און מיר צינדן אָן די חנוכה ליכט

אין שול, כדי צו צייגן אז די שול איז ניט באשאפן געוואָרן נאָר פאר יאָר צייטן, פאר אבלים, פאר קדיש זאָגער, נאָר אף צו פאר־שפרייטן די ליכטיקייט פון די אידעאַלן פון דער תורה אויסער דער שול. ניט נאָר די שול דאַרף הייליק זיין, נאָר אויך דער גאַנצער לעבן דאַרף הייליק זיין. ווען מען צינדט אָן די חנוכה ליכט אין שול, מוזן מיר דאַן א חשבון הנפש האָבן און פרעגן זיך אליין צי טוט די שול איר פליכט. מען רופט דאָס שול, ניט בית תפלה, ווייל דאָס איז פון דעם לשון „שולע." אין דער שול מוז שטענדיק א שולע זיין פאר אונטעררעכטן אונדזערע קינ־דער, אונדזער יוגנט אין די וויכטיקסטע פרינציפן פון דער אידי־שער רעליגיע און נאַציע. די חנוכה ליכט וועלכע ברענט אין שול דערמאָנט אונדז אז מתתיהו האָט געקענט פארניכטן דעם שונא נאָר מיט הילף און מיטווירקונג פון זיינע קינדער „בימי מתתיהו בן יוחנן ובניו," וואָלט דער אלטער מתתיהו ניט דער־צויגן זיינע קינדער אין דעם קדושים גייסט, וואָלט ער אליין אב־סאָלוט גאָרניט געקענט מאכן. פארגעסט ניט אז דאָ האנדלט זיך אלעמאָל וועגן מתתיהו ובניו, ער און די קינדער. דער נר חנוכה איז דערפאר אויך א נר החנוך, די ליכט וועלכע צייגט ווי אזוי מיר דארפן דערציען אונזערע קינדער, ווען מיר צינדן אָן די חנוכה ליכט אין אונזער הויז, דאַרף מען פארשטיין ווי נויטיק עס איז צו האָבן א אידישע הויז, א הויז וועלכע זאָל קענען דער־ציען די קינדער אין דעם חשמונאים גייסט, און דערפאר רבותי, הנרות הללו קדש השם! זיינען די חנוכה ליכט הייליק, זיי מאכן הייליק אונזערע מחשבות, אונזערע געדאנקען, אונזערע שולן, אונזערע קינדער, און אונזערע היזער.

# שבת חנוכה

מיר לייענען אין היינטיקער סדרה וועגן חלומות, די חלומות פון יוסף הצדיק. זיינע ברידער לאַכן פון זיינע חלומות און האָסן דעם „בעל חלומות", מענטשן האָבן ליב אַ טרוקענעם „פראקטישן" מאַן, אָבער ניט קיין פאַנטאַזיאָר, ניט קיין בעל חלום, צום סוף אָבער ווערן זיינע חלומות פארווירקלעכט, די גאַנצע וועלט בוינט

זיך פאַר אים, די גאַנצע וועלט בוקט זיך צו אים, מען פאַרהייליקט אים, מען פאַרגעטערט אים, זיינע הענט, זיין שכל שפּייזט אַ גאַנצע וועלט. און די יעניקע וועלכע האָבן געלאַכט פון זיינע חלומות לאַכן ניט מער, זיי בוקן זיך צו אים, און מוזן צו אים אָנקומען. לאַכט ניט פון קיין חלומות, לאַכט ניט פון די פאַנטאַזיאָרן, בעלי חלומות, אידעאַליסטן. זיי שאַפן, זיי בויען די וועלט. אָן זיי וואָלט דאָס לעבן געווען צו טרוקן, און עס וואָלט ניט ווערט געווען די וועלט צו לעבן אין איר.

ואָגט דער מדרש: כל מה שאירע ליוסף אירע לציון, ביוסף כתיב ויחלום חלום, ובציון נאמר בשוב ה' את שיבת ציון היינו כחולמים, אַלעס וואָס האָט פּאַסירט מיט יוסף'ן האָט פּאַסירט מיט ציון, מיט דאָס אידישע פאָלק. יוסף'ן חלומט זיך חלומות, און בײַ ציון שטייט געשריבן אז ווען גאָט וועט אומקערן צוריק די אידן אין ציון וועלן מיר זיין ווי די וואָס חלומ'ען.

וואָס פאַרא וואונדערבאַרער שיינער הייליקער חלום דער איד חלומט שוין באלד 2 טויזנט יאָר!! ער חלומט אז ער וועט זיך אומקערן צוריק אין זיין שיינער הייליקער לאַנד, פון וועלכע ער איז ארויסגעטריבן געוואָרן, ער וועט פאַרנעמען דעם ווירטיקסטן פלאַץ אין דער וועלט, ער וועט ווערן דער מאָראַל לערער פון דער גאַנצער מענטשהייט. און די אַלע הבטחות פון זיינע נביאים וועלן מקוים ווערן, אַלע פעלקער וועלן קומען פון אים תורה און גאָטהייט לערנען, די פאָרמען פון זיין רעגירונג אין זיין לאַנד וועט זיין אלס גוטער בייספּיל פאַר אַלע רעגירונגען פון דער וועלט אלס דער קוואל פון גערעכטיקייט, פון צדק ומשפט. זיינע העברייאישע אוניווערסיטעטן וועלן פאַרשפּרייטן די לערע פון גאָט, פון די נביאים, פון די חכמי המוסר, פון די חכמי המקובלים, פון די גדולי הפוסקים, צו אלע וואָס זוכן געטלעכע חכמה און וויסנשאפט. די נאַציאָנען פון דער וועלט לאַכן זיך אויס פון די אידישע נאַציאָנאַלע חלומות, פון זיין צוקונפטס מוזיק, און וואָס נאָך ערגער איז, זיינע אייגענע קינדער ווילן ניט וויסן פון זיינע חלומות, זיי חלומ'ען ניט די חלומות פון דאָס אידישע פאָלק. פילע ראדיקאלן געפינען זיך אין דעם אידישן לאַגער, וועלכע, צוזאמען מיט די שונא ישראל, לאַכן זיי זיך אויס אָט פון די אלע חלומות פון דאָס אידישע פאָלק, פונקט אזוי ווי יוסף'ס ברידער האָבן

זיך אויסגעלאכט פון יוסף'ס חלומות. און דאָך ווען די חלומות פון אידישן פאָלק פאַרווירקלעכט, מקוים ווערן אין גיכן.

אָבער, עס איז אוממעגלעך איפצולעבן דאָס גאַנצע פאָלק, וועלכעס טאַפּט אין דעם חשך פון גלות און קען געפינען ניט געפינען די פאַרלאָרענע וועגן צו ארץ ישראל — וואו מיר זאָלן ניט אָנצינדן די חנוכה ליכט!! חנוכה, איז אין העברעאיש פון דעם וואָרט חנוך, דערציען, מיר מוזן פריער געבן א גוטע אידישע, רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע צו די עלטערן, און צו די יונגע קינדער, צו מענער און צו אידישע פרויען. מיר דאַרפן צינדן ליכט. דער פאַקט אָבער איז, אז דאָרט וואו די לופט איז שרעקלעך פאַרדאָרבן קען מען קיין ליכט ניט צינדן, ווייל די שלעכטע לופט לאָזט קיין ליכט ניט צינדן, דערפאַר דאַרפן מיר פריער שאַפן א געזונטע אידישע סביבה, מען דאַרף גרינדן וואָס מער העברעאישע קינדער־גאָרטנס, גני ילדים, תלמוד תורה'ס, ישיבות, מען דאַרף מאַכן ריין און הייליק די אידישע הויז, מען דאַרף ארויסטרייבן פון אונזערע שולן דעם מסחר־גייסט, די עם הארצות מאַר דאָרט ניט זיצן אויבן־אָן, נעבן דעם ארון קודש.... נאָכדעם וועלן מיר האָבן די מעגלעכקייט צו צינדן אונזערע חנוכה־ליכט. אָט אזוי האָבן טאַקע געטאָן אונזערע גרויסע אידישע העלדן, די חשמונאים. פריער „פנו את היכליך, טהרו את מקדשיך", זיי האָבן אָפּגעליידיקט דעם געטלעכן טעמפּל, זיי האָבן ריין געמאַכט דעם בית המקדש פון די גריכישע טומאה, און נאָכהער — הדליקו נרות בחצרות קדשיך! האָבן זיי ליכט געצונדן!... ווייל נאָר דאָרט וואו עס געפינט זיך ריינקייט און הייליקייט, טהרה און קדושה, נאָר דאָרט קענען די אידישע חנוכה ליכט ברענען;

מיר לייענען אין דער הפטרה פון היינטיקן שבת וועגן דער מנורה מיט אירע 7 ליכט, ווי דער נביא זכריה שטעלט פאָר זייער א רייכן פאַנטאַסטישן בילד, ווי ער זעט „מנורת זהב כולה וגלה על ראשה ושבעה נרותיה עליה", א גאָלדענע מנורה מיט 7 ליכט, קומען די חכמי האגדה און זאָגן: שבעה נרותיה — כנגד שבע מצוות האמורות בתורה, תרומות, מעשרות, שמיטין, יובלות, מילה, כבוד אב ואם, ותלמוד תורה כנגד כולם" (ילקוט זכריה, ד').

א שרעקלעכער גײסטיקער קאַמף איז אָנגעגאַנגען זײער פֿיל יאָרן צװישן דעם אידישן גײסט און דעם גריכישן גײסט. די גריכן האָבן שרעקלעך געהאַסט דעם אידישן גײסט, װעלכער ליגט באַהאַלטן אין דער געטלעכער אידישער תורה, און די גריכן האָבן שטאַרק געװאָלט פֿאַרניכטן פֿון דער װעלט דאָס אידנטום, די תורה, דעם אידישן גײסט. װײסט איר אָבער װאָס אָט דאָס אידנטום װיל, װאָס די גריכן האָבן געהאַלטן געפֿערלעך? דאָס אידנטום פֿאַרלאַנגט, אַז דו זאָלסט לעבן ניט נאָר פֿאַר זיך, נאָר אויך פֿאַר דעם צװײטן. דאָס איז תרומות ומעשרות. דאָס אידנטום פֿאַרלאַנגט — פֿרײהײט, פֿולשטענדיקע הויכע, מאָראַלישע פֿרײהײט. קײנע שקלאַפֿערײ פֿון מענטש צו מענטש זאָל ניט הערשן. און דאָס איז דער סוד פֿון שמיטה און יובל — ניט אײנער זאָל האָבן צופֿיל און דער צװײטער גאָרניט, װײל דאַן קען קײן פֿרײהײט ניט זײן. דער װאָס האָט צופֿיל װעט פֿאַרשקלאַפֿן דעם יעניקן װעלכער האָט צו װײניק. יובל אָבער צײגט װי אונזערע עלטערן דאָבן זיך געפֿירט אין ארץ־ישראל. דאָס והארץ לא תמכר לצמיתות, כי לא הארץ, די ערד קען ניט און טאָר ניט פֿאַרקויפֿט װערן אויף אײביק, נאָר אום יובל קערט זיך די ערד אום צוריק צום אײגנטימער, װעלכער האָט געמוזט זי פֿאַרקויפֿן, צוריק צום אײגנטימער, דערמיט װערן די מענטשן א ביסל אויסגעגלײכט, ניט צו רײכע און ניט צו אָרימע, און שמיטה גיט אונז די פֿרײהײט מיט חובות, װעלכע מען איז שולדיק, און מיט דעם שבת פֿון דער ערד און יובל איז דאָך דער פֿולשטענדיקער יום טוב פֿון פֿרײהײט, װאָס דאַן האָט מען דורך דעם שופֿר פּראָקלאַמירט פֿרײהײט פֿאַר אַלע געװעזענע שקלאַפֿן. מילה — דאָס איז דער סוד פֿון אַ געזונטן, רײנעם קערפּער מיט אַ געזונטער רײנער נשמה. כבוד אב ואם — דאָס איז דער סימבאָל פֿון פֿאַרגעטערן אלעס װאָס איז אַלט, הײליק, טראַדיציאָנעל. תלמוד תורה — דאָס איז דאָס הײליקסטע פֿון הײליק! דער קדשי קדשים פֿון אידן. תלמוד תורה — דאָס איז דער כח, װעלכער ברעכט דעם גריכישן גײסט און אַלע אַנדערע פֿרעמדע גױ'עשע גײסטער. די מנורה איז אין בית המקדש, זי פֿאַרשפּרײט ליכטיקײט, זי האָט 7 ליכט, שבעה נרותיה עליה, שנגד ז' מצוות האמורות בתורה, 7 ליכט קענען תרומות, מעשרות, שמיטה, יובל, מילה, כבוד אב ואם און תלמוד

תורה. און אויך היינט, ווען מיר צינדן חנוכה ליכט, איז יעדער ליכטל באַלייכט אַ פּרינציפּ, אַ יסוד פון אירנטום.

די גריכן און אַלע אַנדערע רופן אַ גבור נאָר דעם, וועל־כער באַזיצט ברוטאַלישע קראַפט. דער איד אָבער ווערט ניט נתפּעל פון דער שטאַרקייט פון אַ אָקס, פון אַ חיה, נאָר דער אמת'ער גבור ביי אידן איז דער יעניקער, וועלכער קען קאָנטראָ־לירן די חיה וואָס איז אין אים. „איזהו גבור? הכובש את יצרו!!" דער העלד פון היינטיקער סדרה איז יוסף הצדיק, וועלכער האָט געקענט באַהערשן זיינע שרעקלעכע ליידנשאַפטן, וועלכע פּוטיפר'ס פרוי האָט געוואָלט מיט אַלע מיטלען אין דער וועלט מאַכן זינדיקן און זי האָט ניט געקענט בייקומען דעם גרויסן אידישן גבור, וועל־כער איז שטאַרק גענוג צו קענען קעמפן און הערשן איבער זיך אליין, און דאָס זאָגן אונזערע חכמים זכרונם לברכה: „מושל באדם צדיק, מושל יראת אלהים, זה יוסף הצדיק שהיתה אשת פוטיפר מפתה אותו, ושלט ביצרו, אמר לו הקדוש ברוך הוא: לא שמעת לה, חייך שאני ממליכך על מצרים והכל נשמעים לך, שנאמר ויאמר פרעה אל יוסף אני פרעה ובלעדיך לא ירום איש את ירו ואת רגלו (ילקוט ש"ב ר' קס"ה). דער יוסף וועלכער האָט גע־קענט הערשן איבער זיך, האָט דערפאַר זוכה געווען אז ער איז געוואָרן דער הערשער פון מצרים, וואָס אין יענע הונגער־יאָרן האָט דאָס געמיינט דער הערשער פון דער גאַנצער וועלט.

לא בחיל ולא בכח, כי אם ברוח! זאָגט דער געטלעכער נביא, — ניט מיט אן ארמיי, ניט מיט ברוטאַלע קראַפט וועלן מיר קעמפן און זיגן ,נאָר מיט גייסט מיט געטלעכן גייסט. לייענען מיר אָט די ווערטער פון דעם נביא אין מיר פאַרשטייען ניט, און מיר פרעגן זיך, וואָס הייסט דאָס לא בחיל ולא בכח, ניט מיט קראַפט און ניט מיט קיין אַרמיי. יהודה המכבי, דער אויסערגעוויינלעכער העלד און זיין פאָטער און זיינע ברידער די חשמונאים, זיי האָבן דאָך באַזיגט די גריכן מיטן שווערד, מיט חיל וכח, אין פאַרוואָס זאָגט דער נביא לא וחיל ולא בכח?! דער תירוץ אָבער איז דער שווערד אליין איז ניט גענוג. צום שווערד דאַרף מען האָבן רוח. דער רוח גיט מוט, פייער, און א גרויסן זיג צום שווערד. לא בחיל ולא בכח, מיט ברוטאַלע קראַפט אליין קען דער איד ניט באַזיגן די גריכן, כי אם, סיידן אַז צום שייערד זאָל אייך זיין

ברוחי, נאָטס גייסט. דאַן קען ווירקלעך קומען די גרעסטע ישועה, און אָט אַזוי דאַרפן מיר איצט טאָן. דער עיקר איז רוח ישראל, מען דאַרף דערציען אַ נייעם דור על פּי רוח ותורה ישראל, און ווען אַ נייער דור וועט דערצויגן ווערן אַלס אידישע נאַציאָנאַלע, רעליגיעזע קעמפער, און זיי זאָלן ניט וועלן אַז דער אידישער כבוד זאָל געטראָטן ווערן אונטער גראָבע ברוטאַלע פיס. זיי ווילן ניט אַז פרעמדע זאָלן צונעמען אונזער לאַנד, דאַן וועט דער רוח ישראל טרייבן די יונגע אידישע גבורים, די גבורי האומה, אַז זיי זאָלן שאַפן חיל וכח... און דאַן וועט זיין אי אַן אַרמיי, אַ אידישע אַרמיי, אַ אידישער לעגיאָן, און די אַרמיי וועט געניג כח האָבן... אָבער ווען קיין אידישער גייסט איז ניטאָ, ווען קיין רוח איז ניטאָ קען קיין חיל וכח ניט זיין. אָן רוח וועלן מיר ניט קענען האָבן די חשמונאים אין אונזער צוקונפט...

מיר לייענען אין היינטיקער הפטרה, אַז יהושע דער כהן גדול איז געווען אָנגעטאָן אין ניט קיין ריינע קליידער. פרעגט די גמרא: „וכי דרכו של יהושע ללבוש בגדים צואים ? ! אלא מלמד שהיו בניו נושאים נשים שאינן הגונות לכהונה, ולא מיחה בהן“ (סנהדרין דף צ״ג עמוד א׳), יהושע דער פרומער, דער כהן גדול, זיינע זין הייראַטן פרויען וועלכע זיינען ניט פּאַסיק פאַר דער כהונה, און ער זאָגט זיי גאָרניט, ער טשעפּעט זיי ניט, ער פּראָטעסטירט ניט.

אָט דאָ ליגט דער אומגליק ! אָט דאָ זעט איר דעם אונ־טערשייד פון עלטערן, דעם אונטערשייד פון כהן און כהן. מתתיהו דער כהן, קעמפט ביזן לעצטן טראָפּן בלוט פאַר דער הייליקייט פון דער תורה און איז זיך מוסר נפש פאַר דער פרייהייט און גליק פון דאָס אידישע פאָלק, און יהושע איז ניט קיין קעמפער, ער איז טאַקע פרום, אָבער נאָר פאַר זיך אַליין, פאַרן פאָלק קעמפט ער ניט, פאַר זיינע אייגענע קינדער אַרט אים ניט.

וואָס איז דער רעזולטאַט ? מתתיהו׳ס קינדער פאַרגיסן זייער בלוט פאַר דאָס אידישע פאָלק, יהושע׳ס קינדער נעמען פרויען וועלכע פּאַסן ניט פאַר דער כהונה. וואָס פאַר עלטערן אַזוינע קינדער ! און דערפאַר, ווען מיר צינדן היינט די חנוכה ליכטלעך, רעמאָנען מיר זיך אויף די קינדער פון מתתיהו, — יהושע׳ס קינדער, קיינער קען זיי ניט, זיי זיינען טויט פאַר אונז — און

יעדן אָוונט ברענגען די חנוכה ליכטלעך. דאָס ברענגען די יאָרצייט ליכט, יאָרצייט נאָך די חשמונאים, יעדע נאכט — יאָרצייט נאָך אן אנדער גבור, נאָך די אמת'ע גבורי ישראל!

און שטענדיק, אַלעמאָל, דארפן מיר באַגייסטערן אונזערע קינדער ווען עס קומט דער יום טוב חנוכה מיט די גבורות פון די חשמונאים, דער גלות, אונזערע צרות, אונזערע פאַרפאלגונגען, אַט די גאנצע מגילות פון צרות און פאַסטן, סגופים און ליידן וועט מיט דער צייט בטל ווערן, אָבער חנוכה, דער סימבאָל פון אידישער גבורה און פרייהייט, וועט קיינמאָל ניט אונטערגיין, „בטלה מגילת תענית, חנוכה לא בטלה" (ראש השנה, דף י"ט).

אין די גמרא דערציילט אונז: כשנכנסו יונים להיכל טמאו כל השמנם שבהיכל, או די גריכן זיינען אין אידישן טעמפל אריין האָבן זיי מטמא געמאַכט אַלע אוילן פון טעמפל, עס איז פינצטער געוואָרן, און די חשמונאים האָבן מיט אַ קריגעלע אייל ליכטיק געמאַכט דעם היכל הקדש.

היינט אויך זעען מיר ווי נכנסו יונים להיכל... עס קריכן אריין אין אונזערע טעמפלען די יונים... די אַסימילירטע אידן ווערן די פירער פון היכל... דערפאר ווערט טמא דער אויל... דער אמת'ער רב האָט קיין ווערט ניט, די תורה ווערט ניט געלערנט, און די עצה איז: מען דאַרף ליכט צינדן, פאַרטרייבן די „יונים" מיט די פינצטערע עם הארצות, אימוויסנהייט פון אונזערע טעמפלען.

זאָל דער שבת חנוכה מיט זיינע חנוכה ליכט פאַרטרייבן דעם חשך וואָס האָט זיך אוועקגעלייגט אויף אונזערע שבתים און יום טובים אין דער וועלט. זאָלן די חנוכה ליכט אָנצינדן די שבת ליכט, וועלכע ברענגען ניט און לייכטן ניט אין אידישע היי־זער. און ווען איר וועט היטן די שבתדיקע ליכט — זאָגט גאָט — וועל איך אייך צייגן די ליכט פון ציון, אם שמרתם נרות של שבת אני מראה לכם נרות של ציון (ילקוט בהעלותך).

לאָמיר דערלעבן צו זען ווי די אידישע פרויען וועלן אָנ־צינדן די שבת'דיקע ליכט צוזאמען מיט די ליכט פון ציון און ירושלים.

אמן! ואמן!

# עשרה בטבת

## די היסטאָריע פון עשרה בטבת — דער חודש טבת בכלל — א שטיקל אידישע געשיכטע.

דעם 10-טן טאָג אין טבת פאַסט מען און מען זאָגט סליחות, ווייל מיט 25 הונדערט יאָר צוריק, אין דער צייט פון ערשטן בית המקדש, האָט אין דעם זעלבן טאָג נבוכדנצר דער קעניג פון בבל באַלאַגערט די שטאָט ירושלים (ירמיהו ל״ט, ב׳, און נ״ב, ו׳). די שפּייז וועלכע זיי האָבן אָנגעגרייט פון פריער איז אויסגעגאַנגען. מענטשן זיינען געפאַלן אין די גאַסן פון הונגער און מגפות, און די אידישע קריגסלייט, פאַרהונגערטע און אויסגעמאַטערטע, האָבן מער ניט געקענט פאַרטיידיקן די פעסטונגען. דער טאָג פון עשרה בטבת איז זייער וויכטיק. און גאָט האָט אָנגעזאָגט דעם נביא יחזקאל ער זאָל פאַרשרייבן דעם נאָמען פון דעם טאָג און דעם עצם טאָג, ווייל אין אים האָט זיך אָנגעפאַנגען דער נאַציאָנאַלער אידישער חורבן דורך נבוכדנצר, און אָנדערהאַלבן יאָר נאָכדעם, תשעה באב, האָט זיך געענדיקט דער גרויסער נאַציאָנאַלער אידישער חורבן. 9 טעג אין תמוז ווען ירושלים איז איינגענומען געוואָרן פּיים שונא דורך דעם שרעקלעכן הונגער וואָס אידן האָבן דאַן געליטן אין דער צייט פון צווייטן בית המקדש, איז אריינגעפאלן ירושלים אין די הענט פון שונא, טיטוס הרשע. 17 טאָג אין תמוז, שבעה עשר בתמוז, און אין דעם 9-טן און 10-טן טאָג פון אב, תשעה באָב, איז פאַרברענט געוואָרן דער בית המקדש, דער ערשטער בית המקדש, דורך נבוכדנצר, און דער צווייטער בית המקדש — דורך טיטוס, אזוי אז דער אָנפאַנג פון דעם אידישן חורבן האָט זיך אָנגפאנגען עשרה בטבת.

* * *

בכלל איז דער מאָנאַט טבת א מאָנאַט פון אידישע צרות: דעם ערשטן טאָג אין טבת — איז יכניה דער קעניג פון יהודה פאַרטריבן געוואָרן פון לאנד; 5 טעג אין טבת — איז ירושלים געשלאָגן געוואָרן (יחזקאל ל״ג, ר״ה י״ח); 8 טעג אין טבת

האָט זיך געענדיקט די איבערזעצונג פון דער תורה אין גריכיש, און דאָס איז אן אומגליק, ווייל די תורה דאַרף געלערנט ווערן נאָר אין איר אייגענער שפּראַך, אין לשון הקודש: 9 טעג אין טבת איז געשטאָרבן עזרא הסופר (א״ח, סימן תק״פ); 20 טעג אין טבת איז נפטר געוואָרן דער רמב״ם, און נאָך אַנדערע אידי־שע צרות זיינען פאָרגעקומען אין טבת. לאָמיר בויען אונזער היי־ליק לאַנד און דער מאָנאַט טבת וועט זיין א מאָנאַט פון שמחה און גליק, אמן!

# שבת שירה.

א טרוקענער און פּאָטישער אידנטום. — די שירת היהדות. — אידישע געזאַנג. — די וויכטיקייט פון אידישע געזאַנג פאַר אונזערע קינדער. — קאַשע פאַר עופות אום שבת שירה. — פאַרוואָס?

היינטיקער שבת איז נישט קיין געוויינלעכער שבת, ער טראָגט דעם נאָמען שבת שירה, דער שבת פון געזאַנג: ווייל היינט לייענען מיר אין דער תורה דעם שירת הים, ווי משה רבינו אין זיין שוועסטער מרים האָבן געזונגען צו גאָט, משה — מיט די אידן, מרים — מיט די אידישע פרויען. אין דער ירושלמי זאָגט אין ענדע פון מסכת פסחים, אז גאָט זאָגט צו אידן, ווען נאָר מיט אייך פּאַסירט א נס, זאָגט שירה. גאָט וויל נישט א טרו־קענעם אידנטום, נאָר אן אידנטום וועלכער ענטהאַלט פּאָעזי. גליק־לעך איז דער איד וועלכער פילט דעם שירת היהדות, די פּאָעזי פון אידנטום! און ווען מען ערציט א נייעם אידישן דור אין די תלמוד תורהס און ישיבות, דאַרף מען אָנזאָגן די דירעקטאָרן, די אינהאַבערס און די לערערס פון אונזערע ערציאונגס אַנשטאַלטן, דאָס אונזערע קינדער וועלן נישט אויסוואַקסן קיין באַגייסטערטע אידן, ווען מען וועט לערנען מיט זיי נאָר טרוקענע עברי־זאָגעכץ, נישט וויסנדיק די באַדייטונג פון אונזערע תפלות און נישט וויסנ־דיק דעם פּירוש המלות. אונזערע קינדער וועלן נישט בלייבן וואַרימע אידן ווען מען וועט שטאָפּן אין זייערע קעפּ טרוקענע ידיעות און מען וועט אָפּמעסטן וויפיל ער האָט געלערנט און נישט

ווי ער האָט געלערנט. אונזערע קינדער מוזן פילן אַ גוטן טעם פון אידנטום. מוזן פילן די נשמה פון דער תורה, די פּאָעזיע פון אידנטום. גערעכט זיינען די חסידים וואָס זאָגן — טעמו, פאַרזוכט, וראו, און זעט, כי טוב, אַז דאָס איז גוט, עס האָט אַ גוטן טעם. איז אַ סימן ה׳, אַז דאָס איז געטלעך, אַלעס וואָס געטלעך איז, מוז האָבן אַ טעם. אַ אידנטום פון עברי זאָגעכץ, פון קדיש און הזכרת נשמות אליין, האָט קיין טעם נישט. מען דאַרף באַקענען אונזערע קינדער מיט דער שירה פון אידנטום:

און עס איז איצט נויטיק צו לערנען אונזערע קינדער אי־דישע געזאַנג: אַלע פעלקער, אין אַלע לענדער, אין אַלע שולן פון דער גאַנצער וועלט, ווערט מיט קינדער געלערנט זינגען. מען זינגט מיט זיי נאַציאָנאַלע און פאָלקס־לידער, ווייל אין דעם גע־זאַנג פון אַ פאָלק, ליגט באַהאַלטן זיין נשמה. די אידישע געזאַנג וועט אריינדרינגען אין די טיפע ווינקעלעך פון זיין יונגע, וואַרימע אידישע נשמה׳לע און וועט אים צוציען צו אידישקייט. אידישע קינדער דאַרפן קענען זינגען די נוסחאות התפלה, דאַרפן קענען זינגען דעם טראָפּ פון דער תורה און פון דער הפטרה, ווייל אָט די געזאַנג איז די אמתע אָריגינעלע אידישע געזאַנג. אידישע קינ־דער דאַרפן קענען זינגען די אידישע נאַציאָנאַלע לידער און די ארץ ישראל שירים, וועלכע ענטהאַלטן ליבשאַפט און בענקשאַפט נאָך ארץ ישראל. מען פירט אַן ארמיי אויפן שלאַכטפעלד און מען באַגייסטערט די קעמפער פון פאַטריאָטישע נאַציאָנאַלע לידער. מיר טאָרן נישט אוועקמאַכן אונטערן האַנט דער גרויסן ערציערישן ווערט פון אידישע געזאַנג. משה רבינו פירט אריבער די אידן דעם ים און — אז ישיר משה ובני ישראל! און משה מיט די אידן זינגען, זינגען צו גאָט! דער מדרש זאָגט אַז די קליינע זויג קינדער אריבערגייענדיק דעם ים, האָבן זיי זיך אוועקגעריסן פון דער מוטערס ברוסט און האָבן געזאָגט שירה, קליינע זינגער זינגען צו גאָט! (מדרש שוחר טוב ט׳ און ילקוט). עפנט אויף די גראָבע סדורים און איר וועט אין זיי געפינען פרק שירה ווי אַלעס וואָס לעבט אויף דער וועלט, זאָגט שירה צו גאָט! אַלעס זינגט!

דער רעליגיעזער, אָרטאָדאָקסישער אידנטום האָט נאָך נישט ארויסגעגעבן דעם מאָדערנעם, רעליגיעזן דיכטער, וועלכער זאָל פאַרפאַסן לידער פאַר אונזערע תלמוד תורהס און ישיבות, וועלכע

ואָלן פּייאיג זיין אָנצוצינדן די יונגע נשמות פון אונזערע קינדער מיט ליבשאַפט צום בורא עולם, צו אונזער הייליגער תורה, צום שבת קודש, און צו אלץ וואָס איז בא אונז ליב, הייליג און טייער. אַ שאַר! אַ גרויסער שאַר! די תלמוד תורהס און ישיבות נויטיקן זיך זייער שטאַרק אין רעליגיעזע, נאַציאָנאַלע אידישע געזאַנג. דאָס וועט קענען פאַרשטיין, נאָר דער יעניגער, וועלכער פאַרשטייט גרינטלעך די פּראָבלעם פון אידישע דערציאונג היינט צו טאָג. און היינטיקער שבת, וועלכער רופט זיך „שבת שירה", דאַרף אונז דערמאָנען אויף דער נויטיקייט. שבת שירה דאַרף אונז ערקלערן די נויטיקייט און נוצלעכקייט פון יהדות של שירה.

עס איז אַ מנהג בא אידן צו וואַרפן שבת שירה קאַשע פאַר די עופות. אַ פראָסט ברענט, די גאַסן זיינען אין די קליינע שטעטלעך וואַרוואָרפן מיט שניי, און אויף די שניי ליגן קופּעס מיט קאַשע, וועלכע אידן האָבן עסנריק דעם שבתדיקן טשאָלנט אהין געוואָרפן, כדי די פויגלעך זאָלן קומען און עסן דאָס. פאַרוואָס טוען מיר דאָס?

ווייל היינטיקן שבת לייענען מיר די סדרה בשלח וואו עס ווערט דערציילט ווי דער מן איז געפאַלן פון הימל, און גאָט האָט אָנגעזאָגט אז שבת זאָל מען נישט גיין קלייבן דעם מן, אין שבת וועט נישט זיין קיין מן. דערציילט אונז די תורה, אז — ויהי ביום השביעי יצאו מן העם ללקוט ולא מצאו — אז עס איז געקומען שבת, זיינען אידן געגאַנגען קלייבן דעם מן, מחלל שבת זיין, אָבער ולא מצאו, זיי האָבן נישט געפונען קיין מן. דערציילט דער ילקוט אז דתן און אבירם, די קעגנער פון משה רבינו, זיינען ארויס שטילערהייד, שבת אינדערפרי, מיט פולע היופנס מן, און האָבן פאַרשפּרייט דעם מן אין דעם מדבר, כדי אידן זאָלן יא געפינען מן, און זאָלן זען דאָס משהס ווערטער זיינען נישט ריכ־טיק. זיינען אָבער געקומען צופליען די פייגלעך, און האָבן איפּ־געגעסן דעם גאַנצן מן פון דתן ואבירם, און ווען אידן זיינען גע־קומען קלייבן מן, האָבן זיי קיין זאַך נישט געפונען, ווייל די עופות האָבן אויפגעגעסן דעם מן, דערפאַר באַצאָלט מען די עופות היינ־טיקן שבת ווען מען לייענט די פרשה פון מן, מיט דעם, וואָס מען וואַרפט פאַר זיי קאַשע צום עסן (מנהגי ישורון, זייט 134). און נאָך אַ טעם איז דאָ: צו צייגן אונז דאָס גאָט האָט געשפּייזט

די אידן אין דעם מדבר, פונקט ווי ער שפייזט די פויגלעך און די עופות וועלכע געפינען זייער שפייז איבעראל. זאָל נאָר אַ איד באמת האָפן צו גאָט און האָבן בטחון, וועט אים קיין זאַך נישט פעלן, פונקט ווי די פויגלעך אין וואַלד (אור פני משה, לחתם סופר, טעמי המנהגים, לקוטים כ״א, ע״ב).

# חמשה עשר בשבט.

די באַדייטונג פון חמשה עשר בשבט. — די פאַרשי־דענע מנהגים. — פאַרוואָס עסט מען באָקסער? — דער הייגטיקער חונו המעגל. — חמשה עשר בשבט אין גלות און אין ארץ ישראל. — די אידישע ערציאונג.

15 טעג אין שבט איז — ווי די גמרא זאָגט — ראש השנה לאילנות, עס איז ראש השנה פאַ די בוימער (ר״ה פ״א, א׳), און דאַן פאַנגט זיך אָן אין ארץ ישראל די צייט פון פלאַנצן בוימער. עס איז געווען אַ מנהג צו קומען אין שול אינאָווענט פון חמשה עשר בשבט, עסן פאַרשידענע פרוכטן, און זאָגן „תקון״ (חמדת הימים, חלק ב׳ סי׳ פ״ג). די חכמי הקבלה האָבן טיפ־זיניקע אָפּהאַנדלונגען וועגן דעם: ר׳ חיים וויטאַל ז״ל ערקלערט אז עס געפינען זיך דרייסיק סאָרטן בוים־פרוכטן און אין עולם הבריאה געפינען זיך צען, אנטקעגן די עשר ספירות, און ער גיט וועגן דעם אַ טיפע פילאָזאָפישע ערקלערונג (זע די הקדמה פון דעם ספר „פרי עץ הדר״). די חכמי הספרדים לערנען אין דער נאַכט פון חמשה עשר בשבט ספּעציעלע למודים אין זייערע ישיבות וועגן חמשה עשר בשבט, געזאַמלט פון תנ״ך, משנה, תלמוד, זוהר (זע פרי עץ הדר), וועלכע באַהאַנדלען דעם ענין פון תבואה, פּירות, ראש השנה, און צווישן איין ענין און דעם צווייטן, עסן זיי פאַר־שידענע פרוכטן, איבערהויפּט פירות פון ארץ ישראל, און זיי שלאָפן נישט כמעט אַ גאַנצע נאַכט (לונץ אין לוח ארץ ישראל, זייט 43). דער מרדכי וויל האָבן (ראש השנה פ״א) דאָס מען טאָר נישט פאַסטן חמשה עשר בשבט און מען זאָגט נישט דאַן קיין תחנון, און מען טאָר נישט דאַן מזכיר נשמות זיין.

ווען מיר זיינען געווען קינדער, אין דער אלטער וועלט, אויף יענעם זייט ים, האָבן מיר חמשה עשר בשבט, ווען דער פראָסט האָט געברענט ווי פייער, פאַרגעשטעלט זיך ווי אָט די בוימער בליען, און די גאַנצע נאַטור האָט אָפּגעלעבט. אין חדר האָט יע־דער אינגל געבראַכט באָקסער, ראָזינקעס מיט מאַנדלען און אנדערע פּירות, און דער רבי האָט אַלע חלקים צונויפגעמישט אין איין קופּה און האָט נאָכדעם געטיילט אַלע קינדער וועלכע זיינען גע־זעסן באַם טיש און געוואַרט מיט אַפּעטיט און גרויס דרך ארץ. דער רבי האָט די ברכה מיט גרויס כונה געמאַכט, און נאָך אים האָט יעדער קינד דעמאַכט די ברכה מיט באַגייסטערונג. דער רבי האָט אונז געזאָגט, דאָס אין ארץ ישראל עסן די ציגן באָקסער, און מיר האָבן שטאַרק מקנא געווען די ארץ ישראל'דיקע ציגן! מען עסט געשמאַק, מיט אַ הייליגן פאַרגעניגן, און אָט עפּנט מען מען אַ מילגרוים, און דער רבי גיט אונז צו פאַרשטיין, אַז אין דעם מילגרוים זיינען פאַראַן 613 קערנער קעגן די תרי"ג מצות וואָס אידן האָבן. און די אידישע קינדער האָבן דורכגעלעבט דעם חמשה עשר בשבט מיט שיינע פאַנטאַזיעס וועגן ארץ ישראל מיט זייערע גאַנצע פייערדיקע קינדערשע נשמהלעך, ווי דער אי־דישער פּאָעט זינגט:

„אַ זיסע וואַרימקייט־פּילט אָן
די יונגע הערצעלעך... מיר לויפן,
מיר פליען, פול מיט זאָרג און פרייד,
חמשה עשר — כיבוד קויפן".

(פרוג, חמשה עשר).

און אין ארץ ישראל זיינען די פּאַראַיניגטע העברייאישע לערער פון ירושלים אין דעם יאָר תרע"ג ארויס חמשה עשר בשבט מיט זייערע טויזנט און פינף הונדערט תלמידים אין דער קאָלאָניע מוצא, און יעדערער פון זיי האָט דאָרט געפלאַנצט אַ בוים, און מען האָט זיי געטיילט פּרוכט.

די הויפּט פּרוכט פון ארץ ישראל וואָס מען עסט חמשה עשר בשבט, איז באָקסער. פאַרוואָס עפּעס באָקסער? נאָר הערט, רבותי, דאָ ליגט באַהאַלטן אַ טיפער געדאַנק: די גמרא דערציילט דאָס חוני המעגל האָט אָנגעטראָפן אין וועג אַ מאַן וועלכער

פלאַנצט אַ באָקסער־בוים, פרעגט ער דעם מאַן — פיל יאָרן דאַרף גערוועדן, דאָס דער באָקסער זאָל געבן פרוכט? — זיבציג יאָר! — ענטפערט דער מאַן. ביסטו דען זיכער, דאָס דו וועסט לעבן זיבציג יאָר און דערלעבן צו עסן די פרוכט פון דעם בוים? — פרעגט אים חוני המעגל. ענטפערט אים דער בוים־פלאַנצער — איך האָב געפונען אויף דער וועלט פאַרטיקע באָקסער־בוימער, אַזוי ווי מײַנע עלטערן האָבן געפלאַנצט פאַר מיר, אַזוי וועל איך פלאַנצן פאַר מײַנע קינדער. — לייגט זיך חוני המעגל אַוועק שלאָפן, אַ שטיין נעמט אים אַרום פון אַלע זײַטן, ווערט פאַרדעקט פון דער מענטשלעכער אויג, און שלאָפט אָפּ 70 יאָר. ווען ער כאַפּט זיך אויף, זעט ער ווי אַ מאַן רײַסט באָקסער פון דעם באָקסער בוים. פרעגט ער אים: — האָסטו געפלאַנצט דעם בוים? — נישט איך — ענטפערט דער מאַן — נאָר מײַנער אַ זיידע האָט געפלאַנצט דעם בוים. — פאַרשטייט חוני המעגל דאָס ער האָט אָפּגעשלאָפן 70 יאָר. ער לאָזט זיך גיין אין שטאָט אַרײַן. ער קומט אין שטאָט און פרעגט וואו איז דער זון פון חוני המעגל. ענטפערט מען אים אַז זײַן זון איז נישטאָ, ער האָט אַן אייניקל, דער אייניקל קען אים אָבער נישט. ער זאָגט — איך בין חוני המעגל — קיינער גלויבט אים נישט, און ער בעט בײַ גאָט דעם טויט אײדער אַזאַ עלנטן לעבן, און ער שטאַרבט עלנט (תענית כ"ג, ירושלמי תענית פרק ג', הלכה י', און זע יוחסין 63, סדר הדורות 126, לונץ, ירושלים 4־טער חלק 21).

אַ שרעקלעכע, טראַגישע, אומגליקלעכע פיגור זעען מיר, נישט נאָר אין דעם חוני המעגל פון דער אגדה, נאָר אין דעם ווירקלעכן חוני המעגל וועלכן מיר זעען דאָ בײַ אונז. ער אליין גלויבט, דאָס ער איז אַ פרומער איד, ער וויל אָבער באַזאָרגן נאָר זיך אַליין, ער זאָל האָבן אַ ריכטיקן פּלאַץ אין גן עדן, ער זאָל האָבן דעם שור הבר און דעם יין המשומר. פאַר די קינדער, פאַר דעם נײַעם דור, אַרט אים נישט. ער באַלאַנגט נישט צו קײַנע תלמוד תורה'ס און ישיבות; ווען ער דאַווענט אין שול, און קינדער לויפן אַרײַן, טרײַבט מען זיי אַרויס, די שקצים, די לוי־פּערס, זיי זאָלן אים נישט שטערן; ווען ער זעט ווי יענער פלאַנצט פאַרן צוקינפטיקן דור, פאַרשטייט ער נישט. ער שאַפט נאָרנישט פאַרן צוקונפט. נישט ער לעבט, נאָר ער שלאָפט אָפּ 70 יאָר, נאָכדעם כאַפּט ער זיך, ווי נאַריש ער האָט געלעבט. ער האָט

נישט קיין זון, דער זון איז פרעמד צו אים, זיינע קינדס קינדער פארשטייען נישט דעם „אלטן מאן", שלעפט ער זיך ארום אויף דער עלטער ווי א שאטן, ער בעט אויף זיך דעם טויט. און שולדיק איז ער אליין: ער האט נישט געפלאנצט פאר זיינע קינדער, ער האט אויסגעהאדעוועט קינדער אין קערפער, אבער נישט אין גייסט, ער האט זיי קיין גוטע אידישע ערציאונג נישט געגעבן, וואס ער האט געזייט, דאס שניידט ער, ער — דער עלנטער חוני המעגל פון אונזער צייט!

# פרשת שקלים.

ווען אידן האבן געלעבט אין ארץ ישראל, ווען דער בית המקדש האט עקסיסטירט, איז געווען איינגעפירט אז יעדער איד האט געדארפט געבן מחצית השקל, א האלבן שקל, א זילבערנע מטבע וועלכע האט זיך גערופן „שקל", און יעדער איד פון 20 יאר אלט און העכער האט געמוזט דעם האלבן שקל באצאלן. העשיר לא ירבה והדל לא ימעיט, דער רייכער האט ניט געקענט געבן מער און דער ארימאן האט ניט געטארט געבן וויניקער, דער גאנץ רייכער און דער גרייסער ארימאן זיינען געווען גלייכע יחסנים בנוגע צום האלבן שקל, וועלכער איז פארוועגדט געווארן פאר בדק הבית און קרבנות צבור, פאר די האלבע שקלים האט מען פאררוכט דעם בית המקדש, און מען האט געקויפט קהלשע קרבנות. און די תורה האט געוואלט אוועקשטעלן דעם ארימסטן אידן אויף דער זעלבער שטופע ווי דעם מולטי מיליאנער בנוגע דעם בית המקדש, אז דער מיליאנער זאל ניט קענען זאגן אז ער איז מער בעל דעה אין דעם בית המקדש ווי דער ארימסטער פון די ארימע. די וועלט זאגט, ווער עס גיט די מאה, דער האט די דעה, און דאס איז ריכטיק ווי גאלד, אט טאקע דערפאר האט די תורה געוואלט אז אין בית המקדש זאל דער ארימסטער פון די ארימע האבן די זעלבע דעה ווי דער רייכסטער פון די רייכע. אין בית המקדש דארפן אלע זיין גלייך, ווייל פאר גאט זיינען אלע די זעלבע מיוחסים. אט דער מחצות השקל האט געדעקט אלע אויסגאבן פון בדק הבית, קרבנות און כלים וועלכע מען דארף האבן אין בית המקדש, און עס פלעגט נאך

איבערבלייבן געלט אין קאסע (זע מלכים ב׳ קאפיטל י״ב פסוק י״א, דברי הימים ב׳ כ״ד ט-טו ; ירושלמי שקלים פרק ו׳, הלכ הי׳).

אין די צייטן פון דעם 2-טן בית המקדש איז דער מחצית השקל געוואָרן א שטענדיקע יערלעכע אינסטיטוציע, (שקלים פרק ו׳, ילקוט שמעוני פ׳ כי תשא) און ואָגאר די אידישע גייסטלעכע די כהנים, וועלכע זיינען געווען פריי פון צו צאָלן טעקסעס, האָבן געמוזט געבן דעם מחצית השקל, און דער כהן וועלכער האָט ניט נעגעבן דעם שקל איז ער געווען פאררעכנט אלס זינדיקער, אזוי זאָגט די גמרא: וכל כהן שאינו שוקל חוטא (מנחות כ״א, מ״ו) און ניט נאָר עלטערן און אלטע לייט נאָר אפילו א קליין קינד וועלכער איז ניט פארפליכטעט צו טאָן מצוות, אויב נאָר זיין פאָטער האָט פאר אים איין מאָל באצאָלט א מחצות השקל אזוי איז ער געווען מחויב צו צאָלן פאר אים דעם שקל יעדן יאָר ביז דאָס קינד איז א גרויסער ערוואקסענער מאן געוואָרן און איז געווען ביכולת צו צאָלן דעם מחיצית השקל פאר זיך אליין (שקלים, פ״א, ג׳). די צייט פון געבן דעם מחצות השקל איז געווען פון דעם 1-טן אדר ביז דעם 25-טן אדר, און אויב ער האָט ניט באצאָלט אין דער צייט, האָט מען פון אים א משכון גענומען (זע אין שקלים) און אויב ער האָט ניט באצאָלט א גאנצן יאָר, האָט ער געמוזט באצאָלן דעם קומענדיקן יאָר פאר ביידע יאָרן, און דערפאר איז געווען נייע און אלטע שקלים, וועל-כע האָבן זיך גערופן אין גמרא „תקלין הדתין ותקלין עתיקין״ (שקלים פרק י׳, ה׳, יומא נ״ה) און ווען א שטאָט האָט געשיקט אירע שקלים אין ירושלים און זיי זיינען פארלאָרן געגאנגען אָדער מען האָט זיי צוגע׳גנב׳עט אין וועג, האָט יענע שטאָט געדארפט געבן אנדערע שקלים, און אויב נאָכדעם האָט זיך אָפגעזוכט די פארלאָרענע שקלים געלט, איז די געפונענע געלט אויך באטראכט געוואָרן אלס הייליגע געלט „שקל הקדש״, און די געלט איז אוועקגעשיקט געוואָרן נאָך ירושלים (דאָרט, פרק כ׳, אין בבא מציעה נ״ז).

נאָכדעם ווען דער צווייטער בית המקדש איז חרוב געוואָרן, האָבן אידן ניט אופגעהערט צו געבן שקלים, איצט האָבן זיי גע-שיקט זייערע שקלים אופצוהאלטן די ישיבות פון יבנה און די אידישע געלערנטע פון יבנה און נאָכדעם ווען אספסינוס האָט

ארויסגעגעבן זיין גזירה אז אידן מוזן צאָלן א יערלעכן שקל פאר זיין גאָט „יופיטער", האָבן דאן אידן געצאָלט צוויי שקלים, איין שקל צו רוים פארן „יופיטער" און דעם צווייטן שקל, אז קיינער זאָל נים וויסן, צו אופצוהאלטן די תורה אין יבנה (יוסופוס, מל־חמות, ס"ז פ"ו) און אין ארץ ישראל ווען די נשיאות האָט נאָך עקסיסטירט ביי אידן, פלעגן ארויסגעשיקט ווערן משולחים „שלוחי ציון" אין בבל און אין אלע אנדערע לענדער צונויפקלייבן די שקלים וועלכע אידן פלעגן מנדב זיין אויף אופצוהאלטן די ישיבות אין ארץ ישראל (זע ירושלמי חגינה פרק א', הלכה ו', ביצה כ"ה) און דער מנהג איז פון מחצית השקל איז געבליבן אלס היליקער מנהג ביי אידן, און אלע פרומע אידן באצאָלן זייער יערלעכן מחצות השקל פורים אָוונט איידער מען לייענט די מגילה אין שול.

היינט צו טאָג קען ארץ ישראל נים געבוים ווערן אָן דעם אידישן שקל, אונזער תלמוד תורה'ס און ישיבות און אלע נויטיקע און וויכטיקע אנשטאלטן קען נים עקסיסטירן אָן געלט, אָן דעם שקל היהדות, העלפן בויען דאָס אידנטום, שטיצן די תורה, בויען ארץ ישראל, אָבער געבן צו געבן איז נים גלייך, אידן גיבן טאָ־קע, נים קיין קאלטן שקל נאָר מיט פייער, דער שקל מוז א פייער־דיקער זיין, אָבער נים אַלע וויסן ווי אזוי מען דארף געבן מיט הארץ און נשמה, זאָגט ר' מאיר, מטבע של אש הראה הקב"ה למשה ואמר לו שזה יתנו!!! גאָט ציינט משה'ן א מטבע פון פייער און זאָגט אָט אזוי זאָלן אידן שקלים געבן, עס זאָל זיין א מטבע של אש, און דאָס מיינט אפשר אונזערע חכמים זכרונם לברכה ווען זיי זאָגן אין גאָטס נאָמען „באש הצתיה ובאש עתיד אני לבנותה", מיט פייער האָב איך אָנגעצונדן ירושלים און פאר־ברענט דעם בית המקדש — דער פייער פון מחלקות, פארטיי־קאַמף, שנאת חנם — ובאש עתיד אני לבנותה! און מיט די פיי־ערדיקע שקלים וואָס אידן וועלן געבן אויף בויען ארץ ישראל. נים קיין קאלטע נאָר פייערדיקע שקלים וואָס צו יעדער שקל וועט דער איד געבן א טייל פון זיין נשמה, מיט יענעם עתיד אני לבנותה וועל איך צוריק אָפלעבן און צוריק אופבויען ארץ ישראל לעם ישראל על פי תורת ישראל!

---

# פרשת זכור

היינטיקן שבת לייענען מיר אין דער תורה די פרשה פון זכור את אשר עשה לך עמלק, געדיינק וואָס עמלק האָט דיר געטאָן ווען דו ביזט אַרויס פון מצרים, ווי שרעקלעך ער האָט דיך פאַרפאָלגט, און דערפאַר ווען גאָט וועט דיר לאָזן רוען און דו וועסט זיך פעסט באַזעצן אין דיין לאַנד, אין ארץ ישראל, זאָלסטו אָפּמעקן פון דער וועלט דעם אָנדענקען פון עמלק. סס אָפּגעמעקט ווערן זיין נאָמען און זיין אָנדענקען, און דערפאַר לייענען מיר יעדן יאָר די פרשה ווענן עמלק איידער פורים. כדי דערמאָנען זיך און אונזערע קינדער אויף אונזער שרעקלעכן געפערלעכן שונא עמלק וואָס פון אים איז אַרויסגעקומען המן הרשע וועלכער האָט געוואָלט אומברענגען פון דער וועלט אלע אידן.

און דער עמלק גייסט איז נאָך געבליבן ביז היינטיקן טאָג, און די מלחמה האָט ניט אופגעהערט, די מלחמה מיט עמלק טאָר ניט אופהערן, ווייל עמלק — זאָגט דער מדרש — האָט געוואָלט קעמפן מיט דער אידישער אמונה, מיט גאָט, נתגאה על הקדוש ברוך הוא בחרופיו וגדופיו (במדבר רבה, פרשה י״ג) און די תורה זאָגט ויזנב בך כל הנחשלים אחריך, די וואָס זיינען שטאַרק אין אמונה יענע קען עמלק׳ס גייסט ניט שאַדן, אָבער די נחשלים, די שוואַכזיניקע וועלכע האָבן ניט קיין פעסטע אייגענע מיינונגען, איבערצייגונגען, א וועלט אָנשויאונג, נאָר וועלכע קענען לייכט באאיינפלוסט ווערן פון אַגיטאַטאָרס און פראָפּאַגאַנדיסטן מכל המינים, אָט די „נחשלים" וועמעס צאָל איז אומגעהייער גרויס, אָט אַזוי נעמט צו עמלק פון אידישן גלויבן און פון אידישן פאָלק.

און דאָס איז דער טיפער געדאַנק פון אונזער חז״ל שהיה עמלק נכנס תחת כנפי ענן וגונב נפשות מישראל והורגן (מכילתא פ׳ ישרה, פסיקתאי) ווען דער איד געפינט זיך אונטער די פליגלען פון דעם ענן איז ער געראַטעוועט, דער וואָלקן באַגלייט דעם אידן זיין גאַנצן לעבן, און דוקא ביי טאָג, ווען אלעס איז פאַר אלעמען אַזוי ליכטיק איז ביים אידן דער וואָלקן זיין פירער און זיין וועגווייזער, אזוי זאָגט די תורה „ענן יומם", און אזוי דערציילט

אונז די אידישע געשיכטע, און דאָס ציינט אונז יערער טאָג די
ווירקלעכקייט פון לעבן, דער וואָלקן און דער איד זיינען איינג
פאַרקניפט און געבונדן צוזאַמען, און דאָרט אווו דער איד פאַר=
לאָזט דעם וואָלטן, פאַלאָזט ער דאָס אידישע פאָלק, די מחנה
ישראל און אויך די מחנא שבינה און גייט אוועק צו עמלק'ן.
עמלק — זאָגט דער מכילתא — פלעגט אריינקריכן אין וואָלקן,
אין דער אידישער געטאָ, וגונב נפשות מישראל, און פלעגט מיט
זיין אנטי־רעליגיע אגיטאַציע, מיט זיין גאָטלאָזיקייט, צו'גנבנ'ען
נפשות מישראל, ניט קיין געלט און ניט קיין אידזשע קערפערס,
נאָר נפשות מישראל. ער פלעגט צוגנב'נען אידישע נפשות, אי=
דישע נשמהלעך, אָלכע פלעגן זיך דערווייטערן פון גאָט און פון
אידן און פלעגן אריינגעשלעפט ווערן אין דעם עמלק לאַגער, ווייסט
איר אָבער וואָס איז געוואָרן פון יענע אומגליקלעכע עמלק נשמור־
מות? והורגן!! עמלק פלעגט יענע נשמות דערהרגענען, זיי פלעגן
ווערן טויטע נשמות.

און מיר געפינען אין מדרש אין מכילתא א וואונדערבארן
מאמר וועלכער עפנט אונזערע אויגן און ציינט אונז דייטלעך אז
די גאַנצע מלחמה מיט עמלק איז א מלחמה חווק הדת. און
עמלק איז דער סימבאָל פון דעם יעניקן וועלכער וויל חרוב מאַכן
די אידישע רעליגיע און דערפאר מוז מען אים און זיין טריפ'ען
גייסט אָפמעקן פון דער וועלט. ר' יהושע זאָגט, ווען עמלק איז
געקומען צונעמען די אידן פון זייער גאָט, האָט משה רבינו גע=
טענהט צו גאָט: רבונו של עולם, אָט דער רשע איז געקומען צו
מאַכן פאַרלירן דיינע קינדער פון דיר, דיינע קינדער וועלן בלייבן
אָן דיר, זיי וועלן ווערן גאָטלאָז, ווער וועט דאַן לערנען אין דער
ספר תורה וועלכע דו האָסט זיי געגעבן?! אָט הערט איצט דעם
לשון פון דער מכילתא, „כשבא עמלק להזיק את ישראל מתחת
כנפי אביהם שבשמים, אמר משה: רבונו של עולם! רשע זה בא לאבד
בניך מתחת כנפיך, ספר תורה שנתת להם מי יקרא בו"? (שם).

ווייל די גרעסטע געפאר ליגט אין דעם עמלק גיפט בנוגע
צו אונזערע יונגע קינדער, דער צוקונפטיקער אידישער דור, זאָר
זיי ווערט געעפנט „ראַדיקאַלע עמלק שולן" וואו מען מאַכט יום
כפור בעלער, און מען רייסט ארויס פון די צאַרטע יונגע גינרערשע
נשמהלעך דעם לעבעדיקן אידישן גאָט, מען גנבעט צו די „נפשות

מישראל" והורגן... א אידישער קינד וועלכעס ווערט ערצויגן אין נאָט אין הארצן, ווערט ער אופגעהארטעוועט און וואקסט אויס אין א הארץ מיט אַ קראַנקע צעריסענע און צעוויטאָגטע נשמה! און קען קיינמאָל ניט זיין אמת גליקלעך!!

און דערפאר זאָגט די תורה מלחמה לה' בעמלק, די מלחמה מיט עמלקן, איז א רעליגיעזע, אַ געטלעכע, און זי דארף אָנגעפירט ווערן מדור דור, פון דעם עלטערן דור צו דעם יונגן דור, ראָע איז אַ מלחמה פון דורות, פון אַלט און יונג, פון עלטערן און קינדער, די מלחמה דאַרף אָנגעפירט ווערן אין אונזערע תלמוד תורה'ס אין ישיבות, און געווינען די מלחמה קעגען נאָר די תיקונות של בית רבן, אונזערע קליינע יונגע קינדער וועלכע שטודירן און לערנען גאָטס תורה, און אונזער ערשטע ארבעט דאַרף זיין ווען מיר וועלן צוריק אופבויען ארץ ישראל די ארבעט פון א גוטע אידישע דערציאונג. ר' יוסי זאָגט טאַקע, שלש מצות נצטוון ישראל בכניסתן לארץ, לכעמוד להם מלך, ולהכרית זרעו של עמלק, ולבנות מהם בית הבחירה. אָלזאָ די הויפט ארבעט אין ארץ ישראל וועט דאַרפן זכן להכרית זרעו של עמלק. עמלקס קינדער טאָרן ניט אויף דער וועלט זיין! די אידישע ערציאונג וועט זיין די הויפטפראָבלעם! להכרית „זרעו" של עמלק!...

און ווען מיר זעען וואָס די אידישע קאָמוניסטן און באָלשעוויקעס טוען אין רוסלאנד, ווי זייער גאַנצער ביטערער קאַמף איז צו פאַרפטלגן די אידישע אמונה, דאַן פאַרשטייען מיר די וויכטיקייט פון דער מצוה להכרית זרעו של עמלק, אַט די אידישע באָלשעוויקעס זיינען די אמת'ע „זרעו של עמלק" וועלכע זיינען דער גרעסטער אומגליק פאר און אידנטום און אָרן שותפים מיט המן הרשע!... און דאָס זאָגט ר' לוי, כל זמן שזרעו של עמלק בעולם לג השם שלם ולא הכסא שלם, אבל זרען של עמלק השם שלם והכסא שלם (מ"ת תצא, ילקוט תהלים רמ"ג), גאָטס נאָמען און גאָטס פירן די וועלט וואָס דאָס איז דער סימבאָל פון „כסא" אין העברייאיש, וואָס עס מיינט, הנחה, פירערשאַפט, קען ניט זיין גאַנץ, סייד אַז עס אַלע אונטערגיין די עמלק קינדער, די זרעו של עמלק.

לאָמיר געבן אונזערע קינדער א גוטע אידישע ערציאונג און מיר וועלן דאַן ניט דארפן מורא האָבן פאר דעם עמלק גייסט און מיר וועלן זוכה זיין בנהמת ציון וירושלים, אמן!

# אסתר תענית

דעם טאָג פאַר פּורים, 13־טן אדר, פאַסט מען, און דער טאָג רופט זיך תענית אסתר, ווייל דאָס איז אַן אנדענקונג ווי אסתר המלכה צוזאַמען מיט אַלע אידן האָבן געפאַסט פון גאָט געבעטן, אַז המן הרשע זאָל ניט קענען דורכפירן זיין באַשלוס צו פארניכטן אלע אידן. אסתר האָט געהייסן פאַסטן 3 טעג נאָכאַנאַנד, אָבער מען האָט ניט געוואָלט מאַכן שווער דעם עולם מיט א 3 טאָגיקן תענית, האָט מען געהייסן פאַסטן נאָר איין טאָג, אָבער גאָר אין אָנהויב איז טאַקע געווען א מנהג צו פאַסטן 3 טעג, ניט נאָכאַנאַנד, נאָר מאָנטיק, דאָנערשטיק, און דער מאָנטיק וואָס נאָך פּורים, און אזוי האָבן זיך ניהג געווען די רבנים אין ארץ ישראל (לבוש, סימן תרפ״ו ב׳, מסכת סופרים פרק א׳, ד׳, מחזור וויטרי, זייט 717).

אידן אין דער צייט פון אסתר המלכה האָבן געזינדיקט דערמיט וואָס זיי האָבן געגעסן טרפות אויף דעם טיש פון אחשורוש, שנהגו לסעדתו של אותו רשע״. דער רשע אחשורוש וויל זיי מאַכן שוואַך, ער וויל זיי זאָלן עסן וואָס ער גיט, ער וויל זיי אָנקאָרמענען מיט טרפות, מיט מאכלות אסורות, און זיי קומען און עסן גאַנץ געשמאַק, און האָבן נאָך גרויס הנאה פון די טרפות, דערפאַר הייסט אסתר אז אלע אידן זאָלן פאַסטן דריי טעג, וצומו עלי שלשה ימים לילה ויום, ווען זיי וועלן ניט עסן דריי טעג נאָכאַנאַנד וועט דער גרויסער תענית מכפר זיין וואָס זיי האָבן הנאה געהאַט פון אחשורוש׳עס טיש, וואָס זיי האָבן טרפות געגעסן. אסתר האָט געוואוסט זיי וויכטיק, ווי נוצלעך, ווי נייטיק, ווי הייליק כשרות ביי אידן איז, און ווי שרעקלעך טרפות איז וועלכע איז מטמא דעם גוף און די נשמה.

און די אידן וועלכע זיינען געוואוינט געוואָרן צו צרות און רדיפות, האָבן געפונען שוץ און רו אונטער דער הערשאַפט פון אחשורוש, און מערקווירדיק, די וועלכע אידן וועלכע האָבן זיך געלאָזט ברענען על קדוש השם, וועלכע זיינען געווען אלעמאָל גרייט צו שפּרינגען אין פייער און צו שטאַרבן פאַר דער הייליקייט פון דער אידישער אמונה ווען מען האָט זיי געצוואונגען צו ווערן אויס אידן, ווען מען האָט אָבער א שמייכל געטאָן צו זיי, זיינען

מען האָט זיי פרייהייט געגעבן, און מען האָט זיי איינגעלאַרן צום קייזערלעכן טיש, האָבן זיי ניט געקענט ביישטיין דעם נסיון, און האָבן טרפות געגעסן, די אידן פון יענער צייט, פונקט ווי אסך מאָדערנע אידן פון היינטיקער צייט, האָבן געמיינט אז מען קען ניט זיין אַ גוטער בירגער אין לאַנד און אין דער וועלבער צייט א גוטער איד, וויל מען זיין א גוטער פאַטריאָטישער בירגער אין דעם לאַנד וואו מען וואוינט, מוז מען פארבויגן די אידישע טראַ־דיציע, די אידישע מנהגים, די אידישע שפראך, די אידישע קול־טור, און מען דארף זיך אינגאנצן אסימילירן, און דאַן וועלן אידן רואיק זיין און וועלן גליקלעך לעבן. מרדכי וועלכער איז געווען א מאָדערנער איד, אַ גרויסער שפראַכן קענער, שהיה יודע בשבעים לשון, איז אָבער אויך געווען אַ גרויסער וואַרימער איד, ער איז געווען איש יהודי, און ער האָט געגעבן אלע אידן א בריליאַנטע־נעם ביישפיל, אז מען דארף זיין געטריי מיט הארץ און נשמה צו די לאַנד אין וועלכע מיר לעבן, ווען אָבער מען וויל אונז אראָפפירן פון אונזער אמונה, דאַן מוזן מיר רעוואָלטירן, און מיר דארפן קעמפן פאַר אונזער אמונה ביז דעם לעצטן טראָפּן בלוט. און די אסימילירטע אידן פון יענער צייט האָבן אַ גוטע לעקציע געהאַט, כאָטש זיי האָבן זיך אסימילירט און האָבן טרפות געגעסן, דאָך זיינען זיי קיינמאָל ניט זיכער פון אַ המן פאגראָם, און זיי האָבן מיט פארגעניגן אָנגענומען דעם דריי טאָגיקן טענית פון אסתר תענית, אלס פאַרגעבונג אויף זייערע שווערע נארישע זינד פון אסימילירן זיך מיט גוים.

און ווען מיר פאַסטן אום אסתר תענית לאָמיר גוט גע־דיינקען און וואָרענען אונזערע קינדער וועלכע ווילן זיך אסימילירן אז אסימילאַציע איז דער שרעקלעכסטער אומגליק, דער גרעסטער סם המות פאַר דער נשמה, פאַר דער צוקונפט, פאַר דער עקסיס־טענץ פון אונזער פאָלק, און מיר האָבן אַ גוטן ביישפיל פון דער געשיכטע פון פורים צו וואָס אסימילאַציע פירט „להשמיד, להרוג ולאבד את כל היהודים.״

און אין דער צייט ווען מיר דאַרפן ווירקלעך זיין גוטע און געטרייע בירגער אין דעם לאַנד וואו מיר וואוינען, דארפן מיר אָבער היטן אונזער תורה, אונזערע מצוות, אונזערע דינים ומנהגים לערנען אונזער שפראַך, דאַן וועלן מיר זוכה זיין צו א גאולה שלמה. אמן! אמן!

# פורים.

חנוכה און פורים. — פאַרוואָס זאָגט מען נישט הלל אום פורים? — שקלאַפן און קעמפער. — א אידישע ערציאונג פון קעמפער. — די אייביקייט פון אידישן פאָלק. — וואָס המנ'ס מפּלה לערנט אונז. — שנאת עולם לעם עולם.

חנוכה און פורים! צוויי גוט באַקאַנטע וואוילע ימים טובים, און דאָך זעט דעם אונטערשייד, חנוכה זאָגט מען הלל, מען לויבט גאָט פאַר דעם גרויסן נס, דער זאָגן הלל מאַכט דעם יום טוב איינדרוקספול, עס מאַכט פילן די הייליקייט און די וויכטיקייט פון דעם יום טוב, און פורים, דאַכט זיך, א גאַנץ פיינער פרייליכער יום טוב, אָבער קיין הלל זאָגט מען נישט. פאַרוואָס איז דאָס אזוי? וואָס איז די אורזאַכע?!

און די גמרא ערקלערט אונז די אורזאַכע, ווייל „אכתי עבדי אחשורש אנן" (מגילה י"ד) מיר זיינען נאָך אלץ קנעכט בא אחשורש, און א טיפער קרעכץ ליגט באַהאַלטן אין אָט דעם ענט־פער פון דער גמרא. חנוכה ווערט געפייערט אויך דער גרויסער פאַסירונג פון העלדנטום, אויף די גרויסע גבורות און מסירת נפש וואָס די מכבייער, די אמתע גבורי ישראל האָבן געצייגט אויף דעם שלאַכט־פעלד, די גבורות פון יהודה המכבי, פון זיין פאָטער מתתיהו און פון זיינע איבעריקע ברידער, האָבן אויפגעשטורעמט די גאַנצע וועלט, און פייערן אידישע גבורה, גבורה פון צדיקים וקדושים, גבורה פון כהנים, גבורה פון גרויסע אידישע קעמפער, וועלכע זיינען געגאַנגען פאַרגיסן זייער בלוט צו באַפרייען די אי־דישע רעליגיע פון אירע פאַרפאָלגער, אָט אזא נצחון דאַרף גע־פייערט ווערן מיט מוט און נאַציאָנאַלער שטאָלץ, און — אידן זאָגן הלל!

פורים אָבער האָט פאַסירט א נס, עס האָט געהאַלטן דערביי דאָס אלע אידן פון קליין ביז גרויס „טף ונשים" זאָלן אויסגע־קוילעט ווערן ווי די שעפסן, ווי שרעקלעך, ווי נידעריק, וואָס פאַר א שרעקלעכע נאַציאָנאַלע שאַנדע, אסתר בעט רחמנות, און

דער האַלבּ־ווילדער אחשורוש, וועלכן די גמרא רופט „מלך טפש" האָט רחמנות געקראָגן אויף אידן, האָט זיי ערלויבּט צו געבּן אַ קלאַפּ פאַר אַ קלאַפּ, „לקהל ולעמוד על נפשם", וואָלט ער זיי נישט ערלויבּט, וואָלטן זיי נישט געגאַנגען קעמפן פאַר זייער לעבּן, פאַר זייער כבוד, פאַר זייער שטאָלץ, אָבּער אחשורוש דער „טפש" האָט זיי ערלייבּט צו קעמפן פאַר זייער לעבּן, האָבּן זיי געקעמפט און האָבּן בּאַזיגט די שונאים, מאַכן אַ יום טוב פון אחשורוש'ס רחמנות, איז נישט קיין גרויסער כבוד, דאָס וואָלט דאָך געהייסן אַ רחמנות יום טוב, וועלכער דערנידעריקט די מענטשלעכע ווירדע און בּרעכט אונטער דעם נאַציאָנאַלן שטאָלץ, ווייל „אכתי עבדי אחשורש אנן" מיר זיינען נאָך אַלץ — גייסטלעך — קנעכט פון פון אחשורש. דערפאַר שלאָגט המנ'ען וויפיל איר קענט. לייענט די מגילה, דאַנקט גאָט פאַר'ן נס, אָבּער קיין הלל זאָגט נישט, הלל פאַסט פאַר חנוכה אידן, נישט פאַר פורים אידן, פאַר יהודה המכבי אידן און נישט פאַר אחשורש.

וואָס לערנען מיר דערפון? דאָס מיר מוזן לערנען זיך און אונזערע קינדער צו קעמפן פאַר אונזער כבוד, כבוד האומה, אל תגעו במשיחי, אלו תינוקות של בית רבן — זאָגט די גמרא — מען דאַרף ערציען די יונגע אידישע קינדער אין אַזאַ פייערדיקן, הייליגן וועג פון אמונה און בטחון און ליבשאַפט צו גאָט, צו אידן און צו דער תורה, דאָס ווען נאָר עס האַנדלט זיך וועגן אידן און די תורה, זאָלן זיי זיין גרייט צו שפּרינגען אין פייער, צו פאַרגיסן דעם לעצטן טראָפּן בּלוט פאַר דעם כבוד און גליק פון אידישן פאָלק, יעדער אידישער קינד דאַרף קוקן אויף זיך, ווי אַ צוקינפט־טיקער משיח, וועלכער איז גרייט אויעקצוגעבּן זיין גאַנצן לעבּן פאַרן אידישן פאָלק „משיחי — אלו תינוקות של בית רבן", די קליינע קינדער דאַרפן זיך בּאַטראַכטן אלס צוקינפטיקע גואלי ישראל, וועמעס ציועק אין לעבּן איז, צו דינען דאָס פאָלק, און די תורה אלס די חלוצים, חלוצי הדת, האומה והתורה.

און וואָס פאַר אַ טייערע, בּריליאַנטענע פּסוקים מיר געפינען אין דער מגילה, וועלכע איז די געשיכטע פון פורים. ערשטנס, געפינען מיר אין דער מגילה, דאָס אידן דאַרפן, און טאָרן נישט זיין פאַרצווייפלט ווי שרעקלעך שלעכט זיי זאָל נישט גיין, און ווען אַ שטורעם פון שנאה, ווי אַ שרעקלעכע בּוואַליע פון אידן־האַס

פארפלייצט די גאנצע וועלט, און אָט-אָט-אָט ווערן זיי פארניכטעט, זאָלן זיי געדיינקען, אז אזוינע שלעכטע, אומגליקלעכע צייטן און אפשר נאָך ערגערע, האָבן זיי שוין אריבערגעלעבט, און זייערע שונאים זיינען שוין אויף דער וועלט נישטאָ, און אידן לעבן און טאנצן אויף די קברים פון זייערע שרעקלעכסטע און ביטערסטע שונאים.

אלע אידן וויינען, מען זיצט און מען וואַרט אייפן טויט, מען איז זיכער, אז אלע אידן וועלן געוויס, אָן שום ספק, אויסגעקוילעט ווערן, וואָס איז אָבער דער סוף? המן ווערט אויפגעהאנגען, פון די אידישע שונאים בלייבט נישט איבער קיין זכר, און די אידן — ליהודים היתה אורה שמחה ששון ויקר. אידן פרייען זיך, אידן זיינען גליקלעך!

מיר לערנען אָבער זייער פיל אלס יחידים, ווי אזוי מען טאָר נישט לעבן אונמאָראליש, און ווי מיר מוזן לעבן א ריינעם, הייליגן לעבן. גערעכטיקייט דארף זיין דער הויפט אינהאלט פון אונזער לעבן, די גערעכטיקייט, ווי אונזערע גרויסע, געטלעכע נביאים האָבן געפרעדיקט, ווי אונזערע חכמי התלמוד און אלע אידישע צדיקים וקדושים האָבן פארשטאנען דעם זין פון צדק ומשפט, און ווען מען לעבט א פאלשן, נישט קיין אָרנטלעכן לעבן, ווען מען וויל ארייכאפן וואָס באלאנגט צו יענעם, דערווערגט מען זיך מיט פרעמדע גוטס, און לא די וואָס מען בלייבט נישט בא פרעמדע, נישט כשרע געלט און גוטס, וואָס מען פארמאָגט אייגענע וועט אויך מיט דער צייט אונטערגיין, אזוי זאָגן אונז די אידישע געלערנטע, זכרונם לברכה „המן ובלעם, מה שבקשו לא נתנו להם, ומה שבידם ניטל מהם", המן און בלעם, וואָס זיי האָבן געזוכט האָבן זיי נישט געקראָגן, און וואָס זיי האָבן געהאט אייגענע האָט מען צוגענומען פון זיי (מדרש רבה, בראשית, פרשה כ"ט).

המן וואָלט געלעבט זיין גאנצן לעבן גליקלעך, די ערשטע האנט בא׳ם קעניג, וואָס דאָס מיינט זייער פיל אין די אלטע פארצייטיקע יאָרן, זייער רייך, א פאָטער פון פיל קינדער, זייער איינפלוסרייך אין לאנד, נו, האָט זיך אים פארוואָלט ווערן רייכער, שטאַרקער, צוגרייטן, אָרגאניזירן א שרעקלעכן פאָגראָם אויף אידן, און דאן ויען „ושללם לבוז", ווען מען וועט אָנפאנגען צו פאגראָמירן און ראבירן אידן, וועט זייער גאנצער רייכטום ארייגפאלן אין

זיינע הענט. וואָס עס איז געווען דער סוף, ווייס דאָך יעדערער פון אייך, אין יעדן פון אונז, רבותי, ליגט אין אַ ווינקל פון האַרצן אַ שטיקעלע המן, וועלכער וויל רייך ווערן אויף יענעמס חשבון, יענעמס אומגליק זאָל זיין מיין גליק, דער סוף אָבער וועט זיין אַ שרעקלעכער, געדיינקט נאָר גוט די ווערטער פון מדרש „מה שבקשו לא ניתן להם, ומה שבידם נטל מהם".

זאָל המן הרשע זיין פאַר אונז אַ גוטער ביישפּיל, נישט צו שרעקן זיך צופיל פאַר די המנ'ס פון אַלע צייטן, זיין מפּלה וועלן זיי אַלע פריער אָדער שפּעטער האָבן, אידן האָבן געלעבט און וועלן לעבן, אידן זיינען אַן עם עולם, אַן אייביקער פאָלק, וועלכער וועט קיינמאָל נישט אונטערגיין, און מיר טאָרן נישט מאַכן אַ לעבן פון פרעמדע, אָנגעראַבירטע האָב און גוטס, די וואָס טוען דאָס, זאָלן זיך דערמאָנען די מפּלה וואָס המן האָט געהאַט, דאַן וועלן זיי האָבן אַ חשבון הנפש, און וועלן ווערן קליגער, פרומער און אָרנטלעכער!

און נאָך עפּעס, רבותי, המן האָט געזינדיקט און זיינע קינ־דער האָט מען אויפגעהאַנגען. אייגנטלעך איז דאָך די קשיא פאַר־וואָס קומט זיי דאָס? וואָס זיינען זיי שולדיק, דאָס זייער פאָטער איז אַ המן?! נאָר דער אמת איז, אַז קינדער וועלכע ווערן ערצויגן בּאַ המן אין הויז, וואַקסן אויס אַזעלכע רשעים ווי המן אָדער נאָך פיל ערגער. און אונזערע הכמים וועלכע האָבן גוט געקענט די מענטשלעכע נשמה און וועלכע זיינען גרויסע פּסיכאָלאָגן גע־ווען, האָבן טאַקע פאַרשטאַנען, אַז, וואָס פאַר אַ פאָטער אַזוינע קינדער, און דער מדרש דערציילט אונז טאַקע: „רב כי הוה מטי להמן בפורים, אמר ארור המן וארורים בניו, לקיים מה שנאמר ושם רשעים ירקב (מדרש רבה פלמ"ט, מסכת סופרים פי"ד) רב ווען ס'פלעגט קומען צו דעם נאָמען ח מ ן אום פורים, פלעגט ער זאָגן, פאַרפלוכט זאָל ווערן המן, און פאַרפלוכט זאָלן ווערן זיינע קינדער, וועלכע זיינען געווען רשעים, און לערנען גוטעס קענען מיר פון יעדן, אפילו פון המן הרשע, ער האָט געוואָלט מען זאָל אויפהיינגען דעם אונשולדיקן מרדכי, האָט מען אים אויפגעהאַנגען. „בור כרה ויחפרהו ויפול" וכו', ווען מען גראָבט אַ גרוב פאַר יע־נעם, מוז מען צום סוף אליין אריינפאַלן אין יענער גרוב.

און אַן אויסערגעווייינלעכע וואונדערבּאַרע פּאָעטישע שילדע־רונג גיט אונז דער מדרש אסתר, דאָס, בשעת מען האָט געוואָלט

אויפהייגנגען דעם רשע המן, האָבן זיך אלע בוימער א לאָז געטאָן צום רבונו של עולם מיט דער בקשה, דאָס מען זאָל אויף זיי אויפהייגנגען המנ'ען. געזיגט האָט אָבער דער דאָרן־בוים. המן איז שטעכיק ווי א דאָרן, דער בוים איז א שטעכיקער, פּאַסט פאַר אים צו הייגנגען אויף א דאָרן־בוים, א גלייכער שרוך!!

און זייער א וואונדערבּאַרער מאמר געפינט זיך אין מדרש, וועלכער שטעלט פאָר דעם געדאַנק פון נצחיות ישראל, דאָס דער אידישער פאָלק וועט קיינמאָל נישט אונטערגיין. דער לשון פון דעם מאמר איז זייער סאַטיריש־בייסנד: „אמר הקב"ה להמן, רשע! שוטה שבעולם! אני אמרתי להשמידם כביכול, ולא יכולתי, שנאמר, ויאמר להשמידם לולא משה בחירו, ואתה אומרת להשמיד?!" (מ"ר אסתר). מען מוז קענען העברייאיש, און פאַרשטיין דעם מדרש־שפּראַך, אום צו פילן דעם בריליאַנטענעם געדאַנק, די בייסנדע סאַטירע פון דעם דאָזיקן מאמר: גאָט זאָגט צו המנ'ען: רשע! שוטה! איך, גאָט, האָב אמאָל געוואָלט פאַרניכטן די אידן און האָב נישט גע־קאָנט, מיינסטו דאָס דו וועסט קענען? שוטה! אידן וועלן קיינמאָל נישט אונטערגיין!!

און דאָס מיינט אפשר דער מדרש, דאָס אלע ימים טובים וועלן בטל ווערן, אָבער פורים וועט קיינמאָל נישט אונטערגיין, „כל המועדות יהיו בטלים וימי הפורים לא יבטלו לעולם (מדרש שוח"ט משלי ט', תשובת הרשב"א צ"ג), ווייל אייביק, אייביק וועט עקסיסטירן אויף דער וועלט אידן־האַס, דאָס איז אַן אייביקע שנאה צו א, אייביקן פאָלק, שנאת עולם לעם עולם, און אלעמאָל וועלן די המנ'ים קריגן זייער מפּלה, און אידן האָבן געלעבט און וועלן לעבן, דוד מלך ישראל — דער סימבאָל פון אידן — חי וקים!!!

# פורים.

## ב.

די אידישע פריי, אסתר המלכה, האָט געשפּילט די הויפּט ראָלע צו באַפרייען אידן, אין דער צייט פון אחשורש און המן, פון אַ זיכערן, שענדלעכן און שרעקלעכן טויט. זי האָט געבעטן אחשורש: תנתן לי נפשי בשאלתי, ועמי בבקשתי, און מיט רעכט באַמערקט הרב ריינעס ז"ל, אַז שאלה מיינט אין העברייאיש מיטל, נישט קיין צוועק, און בקשה מיינט דער צוועק אליין, דער תכלית, למשל, ווען אַ קינד בעט באַם פאָטער געלט אויף צו קויפן אַ שפּילצייג, איז די געלט באַ אים אַ מיטל, אַ שאלה, די שפּילצייג דאָס איז דער צוועק, דער תכלית. אסתר זאָגט, תנתן לי נפשי בשאלתי, איר אייגענער לעבן איז נישט דער עיקר, דאָס איז — נאָר אַ שאלה, אַ מיטל, ועמי בבקשתי, איר הויפּט בקשה, דער הויפּט צוועק און ציל און זין פון איר לעבן איז איר פאָלק, דאָס אידיש פאָלק.

און אָט אַזאַ גוטע אידישע טאָכטער ווערט נישט פלוצים, זי פאַלט נישט אַראָפּ פון הימל, זאָנדערן עס פאָדערט זיך שווערע און שטענדיקע ערציאונגס-אַרבעט, און דער גייסט פון אונזער מוטער שרה, די מוטער פון אידישן פאָלק, אירע מעלות און פרומקייט און גוטסקייט, האָבן שטענדיק געשוועבט פאַר אסתר'ס אויגן, שרה איז געווען איר שטענדיקער אידעאַל, איר גוטער ביישפּיל, וועמען זי האָט געוואָלט נאָכטאָן, און דערפאַר האָט זי געקענט קומען צו אַזאַ הויכער מדרגה, צו זיין די קעניגין פון 127 מדינות, און אָט דער געדאַנק ווערט אויסגעדריקט אין מדרש אסתר: ר' עקיבא האָט געהאַלטן אַ דרשה, און די תלמידים זיצן און כאַפּן אַ דרעמל, האָט ער זיי געוואָלט אויפוועקן, האָט ער געזאָגט: פאַרוואָס האָט אסתר זוכה געווען צו קיניגן איף 127 מדינות? ווייל גאָט האָט געזאָגט: זאָל קומען אסתר, וועלכע שטאַמט פון אונזער מוטער שרה, וועלכע האָט געלעבט 127 יאָר, און קיניגן איף 127 מדינות.

ר' עקיבא, ווי באַוואוסט, איז אַרומגעפאָרן פון שטאָט צו שטאָט, צו אָרגאַניזירן אַלע אידן אין איין נאַציאָנאַלן פאַרבאַנד,

צו קעמפן מיט רוים, וועלכע האָט געוואָלט פאַרניכטן דאָס אידיש פאָלק און די הײליקע אידישע תורה. ר׳ עקיבה האָט פלאַס־ פײערדיקע דרשות געהאַלטן, און וועלכע ער האָט געזוכט אויפצו־ וועקן דאָס פאָלק פון שלאָף; עס איז אָבער נישט קײן לײכטע ארבעט וועקן מענטשן פון שלאָף, און ר׳ עקיבא זעט, זײנע תלמידים, זײגע צוהערער דרעמלען... ער וויל זײ אָבער אויפוועקן, גיט ער זײ אַ בײשפיל פון דער אידישער געשיכטע, אָט איז אסתר, שפילט אן אויסערגעוויינלעכע פּאָליטישע ראָלע אין דער פּאָליטיק פון פּרס ומדי און אויך אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק פון יענער צײט, ווײל זי איז גוט ערצויגן געוואָרן, זי האָט פאַר זיך אַ גוטן בײשפיל פון באַגײסטערונג געהאַט. דער בילד פון שרה האָט אלעמאָל געשוועבט פאַר אירע אויגן, און האָט איר באַ־ גײסטערט צו גרויסע הײליקע פאָלקס־ארבעט, זײן גרייט צו פאַר־ גיסן איר לעצטן טראָפּן בלוט פאַרן גליק פון אידישן פאָלק, און אזוי דאַרפן מיר טאָן: מיר מוזן זײן אלס מופת, אלס לעבעדיקער בײשפיל פאַר אונזערע זין און טעכטער, זײ זאָלן זען אונזער מסירת נפש פאַר דער תורה און פאַרן גליק פון אונזער פאָלק, און זײ זאָלן נאָכטאָן אונזער בײשפיל. ווילן מיר האָבן אזוינע טעכ־ טער, ווי אסתר, מוזן מיר האָבן אזוינע מוטערס ווי שרה איז געווען, און אום צו האָבן אזוינע טעכטער ווי אסתר, מוזן מיר געבן אונזערע טעכטער אן אמת׳ע גוטע אידישע ערציאונג. אונ־ זערע טעכטער מוזן וויסן די העברײאישע שפּראַך, די אידישע געשיכטע, דעם אינהאַלט פון תנ״ך, די נויטיקע דינים ומנהגים, איבערהויפּט, וואָס אַ אידישע פרוי, אַ אידישע טאָכטער דאַרף וויסן.

און ווען נישט מרדכי, דער גדול ליהודים, וואָלט אסתר נישט געווען דאָס וואָס זי האָט זוכה געווען צו זײן. מרדכי האָט אריינגענומען אָט די עלנטע יתומה׳לע צו זיך אין הויז, און ער האָט איר געגעבן אַ גוטע אידישע ערציאונג, און ווען אסתר האָט זיך ערצויגן אין אַ ריכטיקער גוטער אידישער הויז, ווען מרדכי, דער איש יהודי, וועלכער האָט פאַראײניקט דאָס אידנטום און די מענטשהײט צוזאַמען, איז ער געווען איש און יהודי, מענטש און איד, ווען ער האָט ערצויגן די יתומה אסתר, איז פון איר גע־ וואָרן אסתר המלכה, וועלכע איז געווען גרייט צום שרעקלעכן טויט פאַר דער באַפרײאונג פון איר פאָלק. מרדכי׳ס ערציאונג

האָט אויפגעטאָן וואונדער, און דאָס האָט אפשר געמיינט דער מדרש, וועלכער זאָגט, אז אסתר, אין דער הויז פון מרדכי, האָט נישט געזויגן בײַ קיין אַם, נאָר מרדכי אליין האָט איר געזויגן, „חזר על כל המניקות, ולא מצא לאסתר מיניקה, והיה מניקה הוא", ער, מרדכי, וועלכער האָט געוואוסט וואָס עס מיינט אַ גוטע אידישע ערציאונג, ער האט ניט געקענט געפינען א פאסנדע ערציערין פאר אסתר, לא מצא לאסתר מניקה, און דערפאר ויהיה מניקה הוא, האָט ער אליין איר אָנגעזויגן מיט דעם גייסט פון דער תורה, מיט דעם פייער און הײַליקייט פון דעם קדושים גייסט, און זײַן ארבעט האָט געבראַכט די געווינטשטע גוטע רעזולטאַטן פון „עמי בבקשתי"!

און מרדכי האָט געוואוסט דעם סוד וואָס פיל, זייער פיל פון אונז ווייסן דאָס נישט, דאָס דער עקסיסטענץ פון אידישן פאָלק, זײַן גליק, זײַן צוקונפט, ווענדט זיך נאָר אָן אַ גוטער אי־דישער ערציאונג, און דערפאַר געפינען מיר אין מדרשים און ילקוטים דאָס מרדכי איז אַ אידישער לערער און ערציער געווען, שטענדיק ארומגערינגלט מיט תלמידים; ער איז שטענדיק מיט דער אידישער יוגנט געווען, און ווען המן האָט אים געפירט אויפן פערד, האָבן זיינע תלמידים אים באַגלייט מיט אַ פסוק, זמרו לה׳, זינגט צו גאָט! ווען המן איז אריין אין שול, האָט ער געטראָפן מרדכי׳ן ארומגערינגלט מיט תלמידים, וועלכע האָבן געלערנט וועגן דעם עומר, וואָס אידן פלעגן ברייננגען אין בית המקדש. מרדכי האָט זיי געלערנט דאָס פון אלעם וואָס מען האָט, מוז מען געבן צו גאָט, צום בית המקדש, און צום אידישן פאָלק. מען דאַרף געבן דעם „עומר" אין בית המקדש. און ווען דער אידישער הימל האָט זיך פאַרוואָלקנט, ווען די שרעקלעכע גזירה פון להרוג, להשמיד ולאבד את כל היהודים מנער ועד זקן טף ונשים ביום אחד ושללם לבוז, דאָס מען זאָל אויסקוילען אלע אידן, פון קליין ביז גרויס, מענער, פרויען און קינדער, אין איין טאָג, און מען זאָל צוראַבירן זייער האָב און גוטס; ווען די שרעקלעכע גזירה האָט פינסטער געמאַכט דעם אידישן לעבן, און אלע אידן זיינען געזעסן און געוואַרט אויפן טויט, אין יענער שרעקלעכער צייט, גיט זיך מרדכי אָפּ מיט די קליינע קינדער, וועלכע גייען פון תלמוד תורה, און בעט זיך בײַ זיי: „אמרו לי פסוקיכם, אָדער פסוק לי פסוקיך, זאָגט מיר, קינדערלעך, וועלכע פסוקים פון תנ״ך איר זייט בײַ־

האוונט, און ווען איין קינד זאָגט אים א פסוק אל תירא מפחד פתאום, האָט נישט קיין מורא, שרעק זיך נישט פאַר די שרעק וואָס קומט פלוצלונג, און דער צווייטער קינד זאָגט דעם פסוק עוצו עצה ותופר, אַלע עצות וועלכע אונזערע שונאים גיבן זיך זיי צו פאַרניכטן אונז, וועלן פאַרשטערט ווערן, און דער דריטער קינד זאָגט עד זקנה אני הוא וכו׳, דאָס גאָט וועט אידן העלפן אין אַלע צייטן, זאָגט דער מדרש „מיד צחק מרדכי״, ווי מרדכי האָט דערהערט אָט די פסוקים פון די קליינע אידישע קינדערלעך, האָט ער אָנגעפאַנגען לאַכן און קווענקלען. מרדכי איז גליקלעך. פרעגט המן בא מרדכי׳ן: „מה אמרו לך תינוקות הללו, וצחקת?! וואָס האָבן דיר אזוינס געזאָגט אָט די קליינע קינדער, וואָס דו לאַכסט און ביסט אזוי גליקלעך געוואָרן? ענטפערט מרדכי: „בשורות טובות בשרוני״, אָט די קינדערלעך האָבן מיר אָנגעזאָגט גוטע, פריילעכע בשורות. א פאָלק וואָס גיט אירע קינדער א גוטע אי־דישע ערציאונג, דאָס אידיש פאָלק, וועלכע ערציט אירע קינדער אין דעם תנ״ך־גייסט, ווען די קינדער ווייסן גוט דעם תנ״ך אין זאָגן גאַנצע פסוקים אויסווייניק — אזא פאָלק וועט קיינמאָל נישט אונטערגיין!!!

# פרשת פרה

די הכמי המשנה האָבן מסדר געווען צו לייענען די פרשה פון פרה אדומה נאָך פורים (מגילה פ״ג), דאָס מען זאָל נעמען א רויטע בהמה, וועלכע האָט קיין מום נים, און וועלכע האָט אויף זיך קיין יאָך נים געהאַט, און דער כהן זאָל איר קוי־לען און נאָכדעם פאַרברענען, און די אש פון דער פאַרברענטער בהמה זאָל באַהאַלטן ווערן אין א ריינעם פלאַץ, און ווען א מענטש ווערט טמא (אומריין), ווייל ער האָט זיך אָנגערירט אָן א טויטן, שפריצט מען אויף אים פון אָט די אַש און ער ווערט ראַן אינגאַנצן ריין (חוקת).

די מצוה איז אומפאַרשטענדלעך פאַר דעם געוויינלעכן אידן, זי איז פון די חוקים, און די גרעסטע אידישע דיינקער און פילאָ־זאָפן האָבן איינגעשטימט אַז די אומפאַרשטענדלעכע מצוה איז פול מיט סודות התורה, זי אַנטהאַלט טיפזיניקע געטלעכע פילאָזאָפישע

געדאַנקען. אָבער ניט אַלע זיינען פייאיק צו פאַרשטיין גאַנץ טיפע געטלעכע געדאַנקען. דערפאַר זאָגן אונז אונזערע הכמים ז"ל: גזירה היא מלפני ואין לך רשות להרהר אחריה", דאָס איז א גזירה פון גאָט, און טראַכט ניט!! (פתוקתא, פרשת פרה). ר' לוי אין מדרש גיט יאָ א טעם, אַז די פרה אדומה איז מכפּר אויף די זינד וואָס אידן האָבן געדינט צום גאָלדענעם קאַלב (זע סיטה מ"ו, זבחים קי"ג, רוקח סימן רמ"א).

מיר, פּראָסטע אידן, ניט קיין פילאָזאָפן, ניט קיין מקובלים, וועלן מיר זיך ניט אריינלאָזן אין טיפע פילאָזאָפישע וויסנשאַפטלעכע געדאַנקען, מיר וועלן זיך אָבער ערלויבן צו זאָגן אַז אין דעם אדומה, וועלכע איז מטהר די וואָס האָבן זיך טמא געמאַכט, ווייל זיי האָבן זיך אָנגערירט אָן אַ טויטן, ליגט באַהאַלטן אַ בריליאַנ־טענער געדאַנק:

עס געפינען זיך ליידער צופיל מאָדערנע, ראַדיקאַלע, און אַסימילירטע אידן, וועלכע האָבן אופגעהערט גלויבן אַז דאָס אידי־שע פאָלק, וועלכע איז איצט פּאָליטיש טויט, וועט צוריק אופגע־לעבט ווערן אלס שטאַרקע קולטורעלע, זעלבסטשטענדיקע פאָלק זיי גלויבן ניט אַז ארץ ישראל וועט צוריק אופגעלעבט ווערן אלס; אידישע לאַנד; זיי גלויבן גיט אַז אונזער הייליקע נאַציאָנאַלע העברייאישע שפּראַך וועט צוריק ווערן אלעבעדיקע נאַציאָנאַלע שפּראַך; זיי גלויבן ניט און ווילן ניט גלויבן אַז אונזער חושן משפט וועט ווערן א לעבעדיקער געזעץ־געבער אין דעם ווירקלעכן לעבן פון אידישן פאָלק אין זיין אייגענער לאַנד: זיי גלויבן ניט— אָט די אומגליקלעכע אידן — אַז די אידישע תורה וועט מוזן ווערן אין דער צוקונפט די תורת חיים, די תורה פון דעם אַל־טעגלעכן לעבן, ווייל ווען ניט, וועט די וועלט זינקען מאָראַליש און מענטשלעך אזוי נידעריק, אַז זי וועט פשוט ניט קענען עק־סיסטירן! און אָט די אַלע ניט־גלויבער, אָט די אַלע גאָטלאָזע, ראַדיקאַלע אומגליקלעכע אידן, זיינען נעבעך, טמא, זיי האָבן מטמא געווען זייער מחשבה, זייער נשמה, דורך דעם וואָס זיי רירן זיך אָן אין א טויטן, א טויטער איד, א טויטער אידנ־טום, א טויטע תורה, אלעס איז ביי זיי טויט, ווייל דער טויט געפינט זיך אין די טיפענישן פון זייער אייגענער נשמה, אלעס וואָס איז שיין און הייליק איז טויט פאַר זיי. דערפאַר, ווען מיר

לייענען פורים און איידער פורים די געשיכטע פון עמלק, פון המן, ווי עמלק האָט ניט געקענט פאַר'סמען, מטמא מאַכן די אידישע נשמה, ער האָט ניט געקענט פאַרניכטן די הייליקע אידישע אמונה, און המן האָט ניט געקענט פאַרניכטן און אויסקוילענען אלע אידן, ווען מען טראַכט זיך טיף אַריין אין דעם, מוז מען קומען צו דער איבערצייגונג, אז דאָס אידישע פאָלק איז אומשטערבלעך, דאָס אידישע פאָלק וועט לעבן אייביק, און די אידישע אמונה וועט לעבן אייביק, און קומענדיק צום באַשלוס אז דאָס אידנטום לעבט און וועט לעבן, ווי נאָר מען הויבט אָן גלויבן אין דעם, אַזוי איז מען שוין ניט מער טמא. אָט דער רעיון פון פרה אדומה, אַז די „פרה" אין דעם אידן, אלעס וואָס איז „בהמיות", ווערט פאַרברענט און געריינקט. נאָך דעם ווי מען טראַכט זיך אַריין און מען פאַרשטייט דעם סוד פון פרשת זכור— עמלק דער באַקעמפער פון דער אידישער רעליגיע — און פורים— דער המן, וועלכער זוכט פטור צו ווערן פון אלע אידן, און זיי ביידע קענען מיט אידן גאָרנישט מאַכן, און אידן און אידנטום וועלן אייביק לעבן — ווי נאָר מען פאַרשטייט דאָס, איז מען מער ניט טמא, און דאַן ניט ווילנדיק מוז מען אָנפאַנגען פילאָזאָפירן וועגן לעבן בכלל, און מען מוז קומען צו דער איבערצייגונג אז ניט דער קערפער פירט די וועלט, נאָר דער גייסט. דער קערפער שטאַרבט אַוועק, דער גייסט איז אומשטערבלעך. ניט עמלק און המן, די פאַרטרעטער פון קערפער, ברוטאַליטעט, אייזן, בלוט און שווערד, ניט זיי באַזיגן; זיי זיינען שוין לאַנג אויף דער וועלט ניטאָ, פון זיי איז קיין זכר ניט געבליבן, נאָר דאָס אידישע פאָלק, שוואַך קערפערלעך, און שטאַרק, זייער שטאַרק גייסטיק, ער לעבט און וועט לעבן, און דאַן פאַרשטייט מען דעם סוד פון לעבן, אז צופרידן שטעלן די נשמה באַצאָלט זיך אלעמאָל בעסער ווי צופרידן שטעלן דעם קערפער, און דאַן ווען דער מענטש קומט צו אַזאַ מדרגה, דאַן פאַרברענט די „פרה" די בהמה, וואָס ליגט באַהאַלטן אין דעם מענטשן, און ער יאָגט זיך ניט נאָך געלט, ער דינט ניט דעם עגל הזהב, און ווי דער מדרש און ילקוט דריקן זיך אויס, אַז די פרה אדומה איז מכפר אויף די זינד פון דעם עגל הזהב!! ווייל ווי נאָר מען קומט צו אַזאַ מדרגה, דאַן באַפרייט מען זיך פון אלע ליידנשאַפטן, און מען דינט מער ניט צום עגל הזהב.

און דער מדרש זאָגט אויך אַז אין דער פּרה אדומה ליגט דער געדאַנק פון דער אידישער גאולה, ווייל ער זאָגט פּרה — אלו ישראל, אדומה — אלו ישראל, תמימה אלו ישראל, שנאמר יונתי תמתי, אשר אין בה מום — אלו ישראל, שנאמר כולך יפה רעיתי ומום אין בך, אשר לא עלה עליה עול, זה דורו של ירמיה שלא קבלו עליהם עולו של הקדוש ברוך הוא, ונתתם אל אלעזר הכהן, זה ירמיה מן הכהנים, ועמיה הגלה לבבל, ושחט אותה לפניו, — את עיני צדקיה עור, ואת בניו שחטו לעיניו, ואסף איש טהור, זה הקב״ה דכתיב ה׳ איש מלחמה, וטהור עינים, את אפר הפרה — אלו גליותיהם של ישראל, והניח אל מחוץ למחנה במקום טהור — זה ירושלים שהיא טהורה (ילקוט, חקת).

אָט אַזוי קומט דער ילקוט און טייטשט אויס די גאַנצע פּרשה פון דער פּרה אדומה, אַז דאָס גייט אויף דאָס אידישע פאָלק, וועלכעס איז פאַרטריבן געוואָרן אין גלות, און גאָט וועט עס אויסלייזן פון גלות און וועט ברייננען די אידן צוריק אין ירושלים. אמן! ואמן!

# פּרשת החדש

היינטיקער שבת, איז שבת פּרשת החודש. מיר לייענען היינט אין דער תורה: החדש הזה לכם ראש חדשים, ראשון הוא לכם לחד־שי השנה, היינטיקער הדש, חדש ניסן, איז דער ערשטער, דער וויכטיקסטער, דער אָנפאַנג פון אַלע חדשים פון יאָר. אַלע חדשים פון יאָר רעכענען זיך פון היינטיקן חודש, ניסן, אייר, סיון, און אַזוי ווייטער.

אין דעם חודש האָט פּאַסירט דער גרעסטער וואונדער אין דער וועלט; אין דעם חודש האָט פּאַסירט דער אויסערגעוויינלע־כער נס פון יציאת מצרים, אידן זיינען אין דעם חודש ארויס פון מצרים, האָבן זיך באפרייט פון גלות, פון נידעריקער, זייער העסלעכער שקלאַפעריי, אלס פרייער זעלבסטשטענדיקער פאָלק זיינען זיי געגאַנגען נעמען די תורה אין זייער לאַנד, ארץ ישראל.

און דער ר״ן זכרונו לברכה באַמערקט אין זיינע דרשות, אַז וואַסער וועלכע זיינען געווען אמאָל געקאָכטע הייסע וואַסער

און האָבן זיך אָפּגעקילט איז לייכטער אָנצואווארימען זי, ווי גאַנץ קאַלטע וואַסער, וועלכע האָט קיינמאָל ניט געזאָדן, קיינמאָל וואַרים ניט געוועזן. אַ חודש אין וועלכן עס האָט שוין פּאַסירט אַ גרויסע היסטאָרישע פּאַסירונג, ווען אַ גאַנץ פֿאָלק האָט דאַן צעבראָכן די קייטן פון שקלאַפעריי, און האָט א גאולה געהאַט, אַזאַ חודש איז מער מסוגל, פּייאיק און פּאַסיק צו דער אידישער גאולה, ווי יעדער אַנדער הודש פון יאָר. און דאָס איז דער סוד פון דער גמרא, וואָס זאָגט: „בניסן נגאלו ובניסן עתידין להגאל״, אום חודש ניסן זיינען אידן אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים, און אין חדש ניסן וועט פּאַרקומען די אמת׳ע גרויסע אידישע גאולה, ווען משיח וועט קומען!

החדש הזה מכם! אידן דאַרפן מקדש זיין און דאַרפן מחדש זיין די לבנה! עס קומט סוף חודש, עס ווערט שרעקלעך פינצטער, מען מיינט שוין אויס לבנה, זי וועט זיך שוין קיינמאָל ניט אָפּלעבן, קיינמאָל ניט ליכטיקער ווערן, צום סוף אָבער ווערט באַנייט די לבנה. דאָס רופט זיך אין העבּרייאיש חדוש לבנה, מען גייט יעדן חודש מחדש זיין די לבנה, אָדער קידוש לבנה, ווייל אין ארץ ישראל פלעגט דער בית דין מקדש זיין דעם חודש דורך עדות, וועלכע האָבן געזען די באַנייאונג פון דער לבנה, און אין דער צייט פון די חכמי המשנה פלעגט מען מאַכן אויף חדוש לבנה א קורצע ברכה, אזוי ווי אויף דער באַנייאונג פון דער זון, „ברוך עושה בראשית״ (תוספתא, ברכות, פ״ז, גמרא נ״ט.)

דער ירושלמי זאָגט: ברכות י״ג ע״ד) הרואה את הלבנה בחדושה אומר „ברוך מחדש חדשים״, דער וואָס זעט ווי אזוי די לבנה ווערט ווידער באַנייט, דאַרף ער זאָגן: „געלויבט איז גאָט, וועלכער באַנייט די חדשים.״ היינט געפינען מיר אין אַלע אונזערע סדורים אַ געוויסע נוסחא, וועלכע פאַנגט זיך אָן אשר במאמרו ברא שחקים וכו׳, און מיר זאָגן דאַן אַ פּאָר ווערטער וועלכע ערקלערן אונז דעם טיפן געדאַנק און דעם סוד פון חדוש לבנה, מיר זאָגן: וללבנה אמר שתתחדש עטרת תפארת לעמוסי בטן, שהם עתידים להתחדש כמותה ולפאר ליוצרם על שם כבוד מלכותו, אזוי ווי די לבנה ווערט באַנייט, נאָך די פינצטערניש פון סוף חודש, ווערט ווידער ליכטיק, די לבנה ווערט ווידער געבאָרן, אַט אזוי וועט קומען דער ווידערגעבורט און די באַנייאונג פון דאָס

אידיש פאָלק (סנהדרין מ״ב, מסכת סופרים פ״ב, אלפתי ברכות סוף פ״ד, רמב״ם הלכות ברכות פ״י, סמ״ג עשין כ״ז, טור אורח חיים סימן תכ״ה).

און ווען מיר טראַכטן זיך אריין אַ ביסל טיפער אין דער קדוש לבנה, געפינען מיר אין די ברכות פון דער לבנה גאַנץ טיפע שיינע געדאַנקען, וועלכע באַשטעטיקן דעם באַוואוסטן כלל אַז ישראל נמשלו ללבנה — די אידן זיינען געגליכן צו דער לבנה. די לאַגע פון דער לבנה איז די אידישע לאַגע, די באַנייאונג פון דער לבנה איז די באַנייאונג און דער ווידערגעבורט פון דעם אידישן פאָלק.

בשעת מיר זיינען מחדש די לבנה, שפרינגען מיר אונטער אַנטקעגן די לבנה און מיר זאָגן: כשם אני רוקם כנגדך ואיני יכול לנגוע בך, כך לא יוכלו אויבי לנגוע בי לרעה, תפול עליהם אימתה ופחד, אַזוי ווי איך טאַנץ אַקעגן דיר און קען זיך נישט אָנרירן אָן דיר, אַט אַזוי זאָלן נישט קענען מיינע שונאים אָנרירן זיך אָן מיר, צו טאָן מיר שלעכטס. אויף זיי זאָל פאַלן אַ שרעק און אַ ציטערניש, און גלייך נאָכדעם זאָגט מען דוד מלך ישראל חי וקים, דוד, דער מלך פון אידן, לעבט און עקסיסטירט (רמ״א או״ח סימן תכ״ו, ב, ראש השנה כ״ה. כוזרו מאמר ב׳ ס״ד ומאמר ד׳ סימן כ״ט).

שרעקלעך איז דער אידישער לעבן. מאַנכעס מאָל איז זיין לעבן שרעקלעכער ווי דער שרעקלעכסטער טויט. אויף יעדן שריט און טריט האָט דער איד שונאים, וועלכע ווילן אים אומברייינגען פון דער וועלט מיט די שרעקלעכסטע אכזריות, שטייט דער איד און כאַפּט אַ טענצל אַקעגן דער לבנה, צו וועלכע דער איד איז געגליכן געוואָרן, און ער בעט גאָט אַזוי ווי ער טאַנצט אַקעגן דער לבנה און קען זיך נישט אָנרירן אָן איר, אַזוי זאָלן זיינע שונאים נישט קענען אָנרירן זיך אָן אים, צו טאָן אים שלעכטס, און דאַן רופט ער אויס מיט אַ הייליגער באַגייסטערונג: דוד מלך ישראל חי וקים״, דוד, דער סימבאָל פון אידישן פאָלק — ווי עס איז באַוואוסט — און ווען דוד זאָגט אַ קאַפּיטל תהילים, וואו ער רעדט פאַר זיך, ווייסן מיר אַז ער מיינט דאָס נישט זיך, נאָר דעם אידישן פאָלק, ער רעדט אין נאָמען פון אידישן פאָלק, פון די כנסת ישראל. און דער אלגעמיינער דור, דער 17 מיליאָניקער

דור, דאָס אידיש פאָלק, איז—חי וקים! לעבּט און עקסיסטירט אײ־ביק, וועט קײנמאָל נישט אונטערגײן, וועט בּאַנײט ווערן, אַזוי ווי די לבנה ווערט בּאַנײט.

דער וואָס פאַרשטײט נישט די אידישע נשמה, וועט זיך שטאַרק וואונדערן, ווען ער וועט זען אַז עס שטײט אַן אָרימער שנײדער אין אַ שרעקלעכן פראָסט, בּאַנאַכט, ווען אין הויז זײנען קײן קוילן נישטאָ, און ער ווײס נישט הײנט פון וואָס ער וועט לעבּן מאָרגן, און אָט דער אָרימער איד האָט קײן אַנדער דאגה נישט, נאָר ער בּעט גאָט און ער ווינטשט מיטן גאַנצן האַרצן למלא פּגימת הלבנה, די לבנה זאָל קײן פּגימה נישט האָבּן?!...

דער אמת אָבּער איז, אַז דער אָרימער פּראָסטער איד פילט אינס־טינקטיוו אַז די פּגימה פון דער לבנה איז זײן פּגימה, די פּגימת הלבנה איז גרויס, חלול שבת איז אַ שרעקלעכע גרויסע פּגימה בּאַ אידן, וואָס נמשלו ללבנה, שבת, כשרות, טהרת המשפחה, חנוך הבנים, וואו מען גיט זיך אַ קער, זעט מען פּגימות... און נישט נאָר אין כשרות, נישט נאָר אין שחיטה איז דאָ פּגימות, נישט נאָר מען טאָר אַ בהמה נישט קוילן מיט אַ חלף, סײדן ווען דער חלף איז חד וחלק, שאַרף און גלאַט (יורה דעה סימן י״ח, ד, סימן י״ח, הגהת הרמ״א, חולין י׳), נאָר דער גאַנצער אידישער לעבּן דאַרף זײן חד וחלק, שאַרף און — גלאַט, עס טאָר קײן פּגימות נישט זײן, עס טאָר זיך נישט פאַרטשעפּען!.. און ווען מיר זען אַז אויף דעם פעלד פון חנוך, פון כשרות, פון שבת, איז עפּעס נישט גלאַט, עס איז דאָ אַ פּגימה, מוז מען זיך ווענדן צו אַ מומחה ומובהק, ער זאָל אַראָפּנעמען די פּגימה, דאָס אידישע פאָלק, אַזוי ווי די לבנה, טאָר אויף זיך קײן פּגימה נישט האָבּן, און דערפאַר שטײט דער איד און בּעט „למלא פּגימת הלבנה!״...

און טאַקע דערפאַר זײנען די אידישע פרויען נישט מחדש די לבנה. זײ שעמען זיך פּשוט, ווײל די ערשטע אידישע פרוי, חוה, האָט געזינדיקט מיט דעם עץ הדעת, און זי, די ערשטע, האָט געמאַכט אַ פּגימה אין דער לבנה... (של״ה דף ע׳ דע״א).

מען גלויבּט, אַז דער וואָס איז מחדש די לבנה, מובטח לו, איז ער זיכער, שלא ימות בתוך החדש, אַז ער וועט נישט שטאַרבּן אין יענעם חודש. זען מיר דאָך אָבּער אמתע פרומע אידן, וועלכע

זיינען מחדש די לבנה און שטאַרבן דאָך?! דאַרף מען אָבער וויסן די אידישע געשיכטע און דאַן וועט מען פאַרשטיין דעם זין, דעם געדאַנק פון דעם גלויבן.

עס איז געווען אַמאָל אַ צייט, דאָס די רעגירונג, וואו אידן האָבן דאַן געלעבט, האָט ארויסגעגעבן אַ שרעקלעכע גזירה, דאָס אידן טאָרן נישט היטן ראש חדש און טאָרן נישט מחדש זיין די לבנה, ווייל אונזערע שונאים האָבן דאַן פאַרשטאַנען און געפילט דעם סוד פון ראש חודש, אַז דער איד שעפּט פון אָט דער מצוה, באַגייסטערונג און גלויבן, שטאַרקן און טיפן גלויבן, אין דער אייביקייט פון אידישן פאָלק, און טאַקע דערפאַר האָבן די שלעכטע רעגירונגען נישט דערלאָזן אונזערע עלטערן צו מחדש זיין די לבנה, אום ארויסצורייסן בא זיי פון הארצן יעדע ברעקל האָפענונג אויף דער גאולה. און מחדש זיין דאַן די לבנה איז געווען, פשוט, סכנת נפשות; זיינען אָבער געקומען די חכמי ישראל, די אידישע געלערנטע, און האָבן פאַרזיכערט אַלע אידן דאָס זיי וועט גאָרנישט שאַרן, די מצוה וועט אויף זיי מגין זיין, און וועט זיי ראַטעווען פון אַ זיכערן טויט, מובטח לו שלא ימות בתוך החדש, אז דער וואָס וועט מחדש זיין די לבנה וועט נישט שטאַרבן דורך דער רעגירונג, גאָט וועט העלפן! און יהושע האָט איינגענומען די שטאָט יריחו, אזוי וועלן מיר איינגעמען און באַקעמפן אונזערע שונאים, און ווען יהושע האָט יריחו איינגענומען, האָט ער מתקן געווען די תפלה פון עלינו לשבח לאדון הכל, און פני יהושע כפני לבנה — אזוי זאָגט אונז די גמרא — אז דער פנים פון יהושע איז ווי דער פנים פון דער לבנה: דערפאַר זאָגן מיר נאָך קדוש לבנה עלינו לשבח (זע כל בו סימן מ״ב, שבלי הלקט, סימן קס״ז, אורח חיים סימן תכ״ו).

החדש הזה לכם! דער חדש, די באַנייאונג פון דער לבנה איז אַ ביישפיל צו אייך. אזוי ווי די לבנה ווערט באַנייט, אזוי וועלן אידן באַנייט ווערן צוריק אויף זייער לאַנד, אין ארץ ישראל אמן! ואמן!

---

# שבת הגדול.

די באַדייטונג פון שבת הגדול. — די הײלינגע ערציִ־
אונגס־ארבעט פון אליהו הנביא. — די פאַרשטערטע
שבתים. — עלטערן און קינדער. — שבת'דיקע זמירות
מיט וואָכעדיקע טרערן. — אליהו און משיח. —
אליהו'ס כוס פסח צום סדר. — די נייטיקייט פון
שלום. — ווען קינדער שפּילן מיט מלאכים.

הײנטיקער שבת איז נישט אַ געוויינלעכער שבת ווי אַלע
שבתים פון אַ גאַנצן יאָר. דעם שבת רופן אלע אידן פון דער
וועלט דער גרויסער שבת, אָדער, ריכטיקער געזאָגט, שבת הגדול.
מיר ווייסן דאָך דעם אמת, דאָס יעדער שבת איז גרויס, יעדער
שבת איז הײליג, איז דאָך די פראַגע פאַרוואָס רופט מען עפּעס
שבת, שבת הגדול?!

א) ווײל דער חודש ניסן, אין וועלכן אידן זיינען ארויס
פון מצרים, איז דאן אויסגעפאַלן דאָנערשטיק. זיי האָבן גענומען
דעם קרבן פסח 10 טעג אין חודש ניסן, וועלכער איז דאַן אויס־
געפאַלן אום שבת, דער שבת וואָס פאַר פסח, אידן האָבן זיך
דערשראָקן און האָבן געזאָגט: הן נזבח את תועבת מצרים לעיניהם,
ולא יסקולונו?! (שמות ח' כ"ב). איז דען מעגלעך דאָס מיר וועלן
שעכטן זייער גאָט — דער גאָט פון די מצרים איז געווען אַ
אַ שעפּס — און זיי וועלן אונז נישט פאַרוואַרפן מיט שטיינער?!
האָט גאָט געזאָגט צו די אידן: איר וועט זען די וואונדער וואָס
איך וועל טאָן מיט אייך! ווען די מצרים האָבן דערזען ווי זייערע
פאַרהאַסטע אידן, וועלכע זיינען דאָך זייערע שקלאַפן, זיי שלעפּן
זייערע געטער און בינדן זיי צו צו די פיסלעך פון זייערע בעטלעך,
זיי זאָלן דאָרט וואַרטן ביז דעם 14־טן טאָג פון ניסן, און דאַן
וועט מען דאָס קוילן פאַר אַ קרבן פסח, זיינען זיי ווילד געוואָרן
פון כעס, האָבן געוואָלט אויסקוילן אַלע אידן, און געטלעכע וואונ־
דער! זיי זיינען מאַכטלאָז, קראַפטלאָז געוואָרן און זיי האָבן נישט
געהאַט די מעגלעכקייט צו טאָן שלעכטס די אידן, און די אידן
זיינען געבליבן גאַנץ, אומבאַשעדיקט, און אַט צוליב דעם גרויסן

נס, וואָס האָט פּאַסירט יענעם שבת פאַר פּסח, רופט זיך פון דעמאָלט אָן דער שבת וואָס פאַר פּסח, שבת הגדול. דער גרול מיינט דער גרויסער נס, וואָס האָט געטראָפן אידן יענעם שבת, און דערפאַר איז געבליבן אויף אייביק דער נאָמען פון דעם שבת — שבת הגדול! (סדור רש״י, סימן שנ״ב, הוצאות בא בער צד חקו, כל בו סימן מ״ז).

ב) אַן אנדער ערקלערונג איז דאָ, ווייל אין אָט דעם שבת פאַרבריינגט דער עולם כמעט דעם גאַנצן טאָג אין שול. אינדערפרי דער שבתדיקער דאַווענען און די פילע פיוטים, וועלכע מען זאָגט צו שחרית און צו מוסף, און וועלכע עס געפינען זיך די דינים פון פּסח, און באַטאָג גייט מען הערן די דרשה פון רב. דער רב וועלכער זאָגט נישט קיין דרשות אַ גאַנץ יאָר, האַלט אָבער אַ לאַנגע דרשה אום שבת הגדול. דערפאַר רופט מען דעם שבת דער גרויסער שבת, ווייל דורך די פיוטים און די דרשות פון יע־נעם טאָג ווערט ער גרויס און זייבטיק, ער ווערט אַ שבת הגדול! (שבלי הלקט סימן ר״ה).

ג) דער שבת פאַר פּסח איז דאַן אויסגעקומען 10 טעג אין ניסן. אין אָט יענעם שבת האָט מען זיי אָנגעזאָגט צו נעמען דעם קרבן פּסח, און זיי האָבן געטאַכט אַ גוטן אָנהויב. זיי האָבן יענעם שבת אָנגעפאַנגען טאָן מצוות, און אַ טאָג אין וועלכן עס ווערט אויפגעטאָן אַ גרויסע זאַך, אַזאַ טאָג רופט זיך אַ גרויסער טאָג, און דערפאַר רופט זיך דער שבת, שבת הגדול (אבודרהם).

ד) עס זיינען דאָ געוויסע שבתים אין יאָר וועלכע טראָגן אַ ספּעציעלן נאָמען, און דעם נאָמען האָט מען גענומען פון אַ געוויסן וואָרט, וועלכער געפינט זיך אין דער הפטרה, וועלכע מען לייענט יענעם שבת. למשל, שבת חזון — ווייל דאַן לייענט מען אין דער הפטרה חזון ישעיהו, רופט מען דעם שבת, שבת חזון, אָדער שבת שובה, ווייל דאַן לייענט מען אין דער הפטרה שובה ישראל, רופט זיך דער שבת, שבת שובה, און אָט אין דעם שבת וואָס קומט אויס פאַר פּסח לייענט מען אין דער הפטרה די ווערטער פון דעם אומשטערבלעכן נביא מלאכי: „הנה אנכי שולח לכם את אליהו הנביא לפני בוא יום ה׳ הגדול והנורא, דערפאַר רופט מען דעם שבת — שבת הגדול (ממה משה סימן תרפ״נ).
אין אַ טאָג וואָס אין אים לייענט מען וועגן דער גרויסער אַרבעט

פון אליהו הנביא, אז והשיב לב אבות על בנים ולב בנים אל אבותם, אז די הארץ פון די עלטערן און די הארץ פון די קינדער וועלן זיך פאראייניקן, אז דער יונגער אידישער דור וועט האבן אזא גוטע אידישע הארץ ווי דער אלטער דור האט געהאט, א הארץ וואס פילט דעם קרעכץ, דעם ווייטיק פון דעם אידישן פאלק, אזא טאג, ווען ער וועט קומען, און אזא שבת, וועלכער רעדט וועגן געבן אונזערע קינדער א גוטע אידישע ערציאונג, איז נישט קיין געוויינלעכער שבת, נאר — שבת הגדול.

דער שבת פלעגט אמאל, פארצייטן, פאראייניקן עלטערן מיט קינדער מער ווי יעדן טאג פון וואך, ווייל אויב אין דער וואכן האט ווען געקענט פאסירן דאס די עלטערן זאלן נישט עסן מיט די קינדער צוזאמען אין איין צייט — א זאך וואס האט זעלטן פאסירט — האט דאס קיינמאל נישט געקענט פאסירן שבת. שבת פלעגט די גאנצע פאמיליע עסן צוזאמען, זינגען זמרות צוזאמען, פייערן די קדושה פון שבת צוזאמען. אך ווי שיין, הייליג און געטלעך דאס איז געווען. דער שבת האט פאראייניקט די הערצער פון עלטערן און קינדער. ווען מיר לעבן אבער אין אזא אומגליקלעכער צייט, ווען דער חלול שבת בושעוועט ווי א שרעקלעכע מגפה, איצט טיילט דער שבת פאנאנדער די הארץ פון די עלטערן און די הארץ פון די קינדער ערגער ווי יעדן טאג פון וואך. שבת זיצט דער אלטער פרומער פאטער באם שבת'דיקן טיש, זינגט שבת'דיקע זמירות, און א זודיקער טרער פאלט אראפ פון די אלטע אויגן. דאס הייסט, געזונגען מיט טרערן, שבת'דיקע זמירות מיט וואכעדיקע טרערן, ווייל — זיין זון ארבעט אום שבת. די אלטע פרומע מוטער דערלאנגט צום טיש דעם שבת'דיקן טשאלנט און איר מוטער-הארץ ווערט צעריסן פון צער וואס איר טאכטער עסט אין „געשעפט" אדער אין „קאנטאר", און זי פילט שבת די עלנטקייט מער ווי אנדערע טעג, און אזא שבת קען זיך נישט רופן שבת הגדול. ווען אבער אליהו וועט קומען „והשיב לב אבות אל בנים, ולב בנים אל אבותם", ער וועט אומקערן די הארץ פון די עלטערן צו די קינדער, און די הארץ פון די קינדער צו די הארץ פון די עלטערן, עס וועלן נישט זיין קיין צוויי באזונדערע, פארשידענע הערצער, נאר עס וועט זיין לב אחד לאביהם שבשמים, איין הארץ צו גאט אין הימל, דאן וועלן היטן שבת די עלטערן

צוזאמען מיט די קינדער, און אזא שבת וועט זיין — א, ווי דער־
לעבט מען דאס — א שבת הגדול!...

מיר לייענען אין היינטיקער הפטרה: הנה אנכי שולח לכם
את אליהו הנביא. זאגט דער מדרש: „אין אליהו בא לא לרחק
ולא לקרב, אלא לעשות שלום בעולם, שנאמר הנה אנכי שולח
לכם את אליהו הנביא וכו׳, אמרו ישראל, בגאולה ראשונה כתיב
שלח משה עבדו, אהרון אשר בחר בו ישלח לי אף שנים כנגדם,
שלך אורך ואמתך, אמר הקב״ה הנני משלח, שנאמר: הנה אנכי
שולח לכם את אליהו הנביא, הרי אחד, וחשני, הן עבדי אתמך
בו בחירי רצתה נפשי בו.

אליהו — זאגט דער מדרש — האט זייער א וויכטיקע היי־
ליגע אויפגאבע: צו מאכן שלום אויף דער וועלט. שלום! ווי שיין
און הייליג עס קלינגט בא אידן דאס ווארט שלום. שלום צווישן
מאן און פרוי, שלום צווישן עלטערן און קינדער, שלום צווישן
ארטאדאקסישע אידן און רעפארמירטע אידן, צווישן יונגע און אלטע.
און אט דער אמתער שלום קען קומען נאר דורך א גוטער אי־
רישער ערציאונג, דאס איז דורך אליהו, ווייל אליהו איז דער
סימבאל פון אידישן חנוך, דער והשיב לב בנים אל אבותם, און
דערפאר זאגט דער מדרש אין ילקוט: „אם ישראל עושים תשובה
אין נגאלים, ואין עושים תשובה עד שיבא אליהו! א טיפער גע־
דאנק! עס קען נישט זיין די גאולה אן תשובה. דאס פאלק, אזוי
ווי ער איז איצט, וועט נישט קענען בויען און אפלעבן ארץ
ישראל, סיידן דאס פאלק וועט אנדערש ווערן, פרומער ווערן,
נאציאנאלער ווערן, פילן די נויטיקייט פון דער גאולה, און דאס
קען נישט זיין, סיידן דער יונגער דור וועט געניסן אן אמת׳ע
גוטע, אידישע ערציאונג, וועלכע וועט ברייגגען מיט הייליגן פייער
פון אויפלעבונג פון החזקת התורה והיהדות. דאס מיינט דער
מדרש: „אין עושים תשובה עד שיבא אליהו״, ווען אליהו וועט
פאראייניקן דעם יונגן דור מיט דעם אלטן דור, נישט אן אויבער־
פלעכלעכע פאראייניקונג, נאר א הארץ־פארבאנד, און דאס קומט
נאר דורך א גוטע אידישע ערציאונג, דאן וועלן אידן אנדערש
ווערן. קינדערפירן איבער די עלטערן, זיי זיינען „בנים משחיתים״,
זיי פארדארבן און מאכן קאליע די פרומע טאטעס און מאמעס,
און פרומע קינדער מאכן פרימער זייערע עלטערן, און דאן וועלן
וועלן די עלטערן תשובה טאן!...

פסח באַנאַכט מאַכט מען דעם סדר, די גאַנצע שיינע און הייליגע צערעמאָניע ווערט געמאַכט נאָר צוליב די קינדער, די יונגע קינדער זאָלן נישט איינשלאָפן פסח צום סדר, זיי זאָל אינ־טערעסירן דער פּסחדיקער סדר, זיי זאָלן קשיות פרעגן, זיי זאָלן תרוצים הערן, כדי דער הייליגער יום־טוב זאָל איינגעקריצט ווערן טיף, טיף אין זייערע יונגע הערצער, אין זייערע יונגע נשמהלעך, און דאַן ווען עלטערן מיט קינדער זיינען צוזאַמען, דאַן ווען דער פאָטער גיט זיך אָפּ מיט דער אידישער ערציאונג פון זיינע קינ־דער, דאַן, ווען דער פאָטער ווערט אַ מגיד, זאָגט פאַר די קינ־דער די הגדה, דערציילט זיי די אידישע געשיכטע פון אַמאָל. דאַן קומט אליהו הנביא, דאַן איז זיין צייט, די צייט פון והשיב לב אבות על בנים ולב בנים אל אבתום, און טאַקע דערפאַר גרייט מען צו אַ ספּעציעלן כוס פאַר אליהו הנביא. אליהו הנביא׳ס כוס איז זייער באַליבט בּאַ די קינדער, און מיט דעם עפענען די מיר פאַר אליהו הנביא עפנט מען אויף די יונגע אידישע הערץ, די יונגע אידישע הערץ, די יונגע קינדערשע פאַנטאַזיע, כאָטש 2 אָוונטן אין יאָר, די נעכט פון פסח, צו די סדרים, גיבּן מיר אונ־זערע קינדער אַ געלעגנהייט זיי זאָלן טראַכטן, פאַנטאַזירן און שפּילן זיך מיט מלאכים... און דער מלאך איז זייער מלאך, אליהו הנביא.

און אירן זאָגן צום רבונו של עולם — זאָגט דער מדרש — בּאַ די ערשטע גאולה האָסטו אונז געשיקט 2, משה און אהרן, איצט, בּאַ דער איצטיקער גאולה, שיק אונז ווידער צוויי, און דאָס זיינען: ליכט און אמת, שלך אורך ואמתך, אור ואמת! זאָגט גאָט: איך וועל שיקן! און זיי זיינען: אליהו און משיח, אליהו וועט פאַראייניקן דעם אלטן און דעם יונגן דור דורך פאַרשפּרייטן די ליכט פון דער תורה אין די נשמות פון אונזערע קינדער, דאָס וועט זיין די ליכטיקייט, דער אור תורה, און משיח וועט דאַן נאָכ־פאָלגן, משיח וועט דאַן אויסראַמען דעם שקר פון דער וועלט, ווייל דאָרטן וואו שקר איז קען קיין גאולה נישט זיין. משיח וועט פאַרשפּרייטן דעם אמת, חותמו של הקדוש ברוך הוא, אויף דער גאַנצער וועלט.

און מיר בעטן דיך איצט, רבונו של עולם, מלך אורך ואמתך, שיק דיין ליכטיקייט און דיין אמת, שיק אונז אליהו הנביא און

משיח דעם גואל צדק, און מיר וועלן דערהאַרן צו פּייערן אונזער יום טוב פּסח איבעראיאַר אין דער צייט אויף די שיינע, הייליגע בערג פון ציון וירושלים. ינודה לך שיר חדש על גאולתנו ועל פדות נפשינו, במהרה בימינו אמן! ואמן!

# פּסח.

די שלש רגלים. — דער גרויסער נס. — די אמתע פרייהייט. — דער נאַציאָנאַלער פרילינג. — דער קרבן פּסח. — געדאַנקען און מאָראַל פון קרבן פּסח. — דער איד אלס קרבן פּסח.

אין דעם ערשטן מאָנאַט פון יאָר, ניסן, 14 טעג אין מאָ־נאַט, פאַרנאַכט, פאַנגט זיך אָן דער יום טוב פּסח צו גאָט, און דער 15־טער טאָג אין אָט דעם מאָנאַט איז דער יום טוב פון מצות צו גאָט. עס איז דאַן הייליג, קיין ארבעט טאָר נישט גע־טאָן ווערן, און קרבנות דאַרפן געבראַכט ווערן די זיבן טעג (שם).

די דריי זייער וויכטיקע אידישע ימים טובים, פּסח, שבועות, סוכות, ווערן אָנגערופן אין העברייאיש אויך מיט דעם נאָמען „רגלים", ווייל ווען מיר האָבן געלעבט אין אונזער אייגענע הייליגע לאַנד, אין ארץ ישראל, פלעגן אינזערע עלטערן, אלס א זעלבסט־שטענדיקע, פרייע נאַציע, אויף איר אייגענעם באָדן, פאַרזאַמלען זיך יום טוב צייט אין דער הויפּט־שטאָט פון ארץ ישראל, וואו דער בית המקדש האָט זיך געפונען — אין ירושלים! די היי־ליגסטע שטאָט פון דער וועלט! און זיי פלעגן גיין אויף יום טוב אין ירושלים פון אלע עקן לאַנד, און גיין צופוס, אלע צוזאמען. ברגלים, מיינט אין העברייאיש צופוס. דערפאַר רופן זיך אָט די דריי אויבן־דערמאָנטע הייליגע נאַציאָנאַלע ימים טובים „שלש רגלים".

שוין באַלד 2 טויזנט יאָר ווי מיר האָבן פאַרלאָרן אונזער לאַנד, אונזער בית המקדש פאַרברענט, רואינירט, חרוב געוואָרן, און די קינדער פון ישראל זיינען צוזייט און צושפּרייט אויף דער גאַנצער וועלט, נע ונד, מיליאָנען זיינען אויסגעקוילעט געוואָרן, פאַרברענט און דערטרונקען געוואָרן, אידן זיינען געוואָרן אין גלות

— אַ פאָלק אָן אַ לאַנד, און ארץ ישראל איז געוואָרן — אַ לאַנד אָן אַ פאָלק, און איצט לעבן מיר דורך אַ היסטאָרישע הייליגע צייט, פאַר אונזערע אויגן ווערט געוויזן געטלעכע נסים, דער גרעסטער נס האָט פאַסירט, דאָס דער פאָלק אָן אַ לאַנד קערט זיך אום צוריק צו די לאַנד אָן אַ פאָלק. דער אידישער פאָלק לעבט אויף צוריק אויף דאָס אידישע לאַנד. און אין דער צייט ווען מיר בעסער פאַרשטיין ווי צו פייערן אונזער שיינעם הייליגן יום טוב פסח!

פסח איז דער יום טוב פון פרייהייט! די פרייהייט פון אַ גאַנצן פאָלק! צעבראָכן די קייטן! אויס שקלאַפעריי! נישט מער אוועקגעגעבן געזונט, מאַרך, צייט, ארבעט, הארץ און נשמה, פאַר פרעמדע פעלקער, פרעמדע לענדער, ארבעטן שטענדיק פאַר יענעם, רייך געמאַכט אַלעמען און אליין וואָס ווייטער אלס שלאַפער, אָרימער, און טיפער ערנידעריקט, וואו זיינען אונזערע קינדער? וואו איז די אידישע יוגנט? וואו זיינען אונזערע יונגע זין און יונגע טעכטער? זיי זיינען נישטאָ — מיר האָבן זיי איינגעקלאַפט אין די ציגל פון די גרויסע ריזיקע פיראַמידן, וועלכע מיר האָבן געבויט אין מצרים... מיר בויען פרעמדע לענדער, און אין די ציגל ליגט דער נייער אידישער דור... אין יעדער לאַנד, וואו עס האָט פאַסירט אַ רעוואָלוציע, וואו מען האָט פאַרגאָסן בלוט פאַר פרייהייט, וועט איר דאָרטן געפינען דעם אידישן יוגנט... זייער בלוט ווערט פאַרגאָסן איבעראַל, אונזער יוגנט קעמפט פאַר דער פרייהייט פון אַנדערע פעלקער, פאַר אַנדערע לענדער, נישט פאַר דער פרייהייט פון ארץ ישראל, נישט פאַר דער פרייהייט פון דעם אידישן פאָלק, ווייל אונזער יוגנט איז ווייט פון דער אידישער תורה, פון דעם אידישן גייסט, איז נישט באַקאַנט מיט דער גרויסער וואונדערבאַרער אידישער געשיכטע, און דערפאַר, ווי נאָר זיי זיינען ארויס פון מצרים, ווי נאָר זיי האָבן צעבראָכן די קייטן פון שקלאַפעריי, פירט זיי דער גרויסער געטלעכער משה רבינו גלייך קיין ארץ ישראל און צום באַרג סיני נעמען אַ תורה, און גאָט זאָגט משהן: בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלהים על ההר הזה, פון מצרים גלייך צום באַרג סיני, ווייל עס איז נויטיק פאַר אַ פאָלק צו זיין אַ פריי פאָלק, און אמת'ע פרייהייט, אינערלעכע פרייהייט קען מען ערייכן נאָר דורך די גרויסע טיפזיניקע, מאָראַלישע לערע פון דער געטלעכער „תורה", אין לך בן חורין אלא

מי שעוסק בתורה! פריי קען נאָר זיין דער יעניקער, וועלכער באַשעפטיקט זיך מיט דער מאָראַלישער לערע פון דער תורה.

און היינט באַנאַכט וועלן מיר אָנהויבן ציילן ספירה. פון פסח ביז שבועות וועלן מיר ציילן, מיר וועלן ציילן יעדן טאָג, וואַרטן און האָפן, אַך ווי דערלעבט מען שוין צו נעמען די תורה, וויייל ווי נאָר מיר וועלן די תורה האָבן, דאַן ויעלן מיר מוזן פאַר ארץ ישראל קעמפן, און אַ פאָלק פון תורה און לאַנד קען מער נישט זיין פאַרשקלאַפט! און פסח איז דער יום טוב פון פרייהייט, זמן חרותינו!

פסח פאַלט שטענדיק אויס אין פרילינג. די נאַטור, די שיינע געטלעכע נאַטור, האָט געשלאָפן אַ גאַנצן ווינטער, איצט, פסח צייט, אַלעס פאַנגט אָן אויפצולעבן, אַלעס בליט, אַלעס לעבט און זינגט, און דער גאַנצער אידישער פאָלק, וועלכער איז געשלאָפן און געווען טויט פאַר די לעצטע 2 טויזנט יאָר גלות, פאַנגט אָן אויפצולעבן, עס קומט דער פרילינג פון דעם אידישן פאָלק, די העברייאישע שפראַך, די נאַציאָנאַלע שפראַך פון אידן, פאַנגט אָן לעבעדיק ווערן. הונדערטער טויזנטער אידישע קינדערלעך אין ארץ ישראל און אויך אין גלות ריידן העברייאיש, אין די תלמוד תורה׳ס און העברייאישע שולן באַ אידן אין היינטיקן דור, ווערן אַלע אי-דישע למודים אונטעריכט נאָר אין העברייאיש, אפילו טאַגטעגלעכע אידישע צייטונגען האָבן געפונען פאַר נייטיק צו געבן יעדן טאָג אַ העברייאישע אָפּטיילונג, ארץ ישראל ווערט געבויט, דער כבוד פון דעם אידישן פאָלק ווערט באַניט, מען פאַנגט אָן מער צו פאַרשטיין דעם גרויסן מאָראַלישן ווערט פון אונזער תנ״ך, פון אונזער משנה, אגדה, תלמוד, מיר האָבן גאָט צו דאַנקען דערלעבט פרילינג, דער פרילינג פון דעם אידישן פאָלק, פון דער אידישער לאַנד, פון דער אידישע תורה, פון דער העברייאישער שפראַך, עס בליט, עס שפראָצט, עס וואַקסט אַ נייער לעבעדיקער פאָלק און אַ נייע לעבעדיקע לאַנד מיט אַ לעבעדיקער נאַציאָנאַלער שפראַך, הנצנים נראו בארץ!

רבותי! דער יום טוב פסח רופט צו פרייהייט! אינערלעכע פרייהייט! לאָמיר באַפרייען זיך און אונזערע קינדער פון פרעמדע, נישט-אידישע מנהגים, פון פרעמדן איינפלוס, פון נאָכטאַנצן אַנדע-רע, פון פרעמדע שפראַכן און פרעמדע ליטעראַטורן, לאָמיר פאַר-

שפּרייטן די גרויסע מאָראַלישע לערע פון אונזער תורה צווישן דעם אידישן יוגנט, דאַן וועלן מיר זיין אידן שטאָלצע, פרייע, גליקלעכע, און מיר וועלן פייערן דעם יום טוב פון פרייהייט אין דער לאַנד וועלכע וועט באַפרייען דער גאַנצן אירגטום פון די וואָכעדיקייט פון לעבן און וועט הייליג מאַכן דעם אידישן לעבן, דאָס איז — ארץ ישראל. אמן! ואמן!

# פּסח.

## ב.

### דער קרבן פסח אַמאָל און היינט.

פאַרצייטן, ווען מיר האָבן געלעבט אין ארץ ישראל, ווען מיר האָבן זוכה געווען צו זען אונזער בית המקדש, די שענסטע געביידע וואָס די וועלט האָט ווען געזען, פלעגט מען דעם 14-טן טאָג אין ניסן פאַרנאַכט קוילען אין בית המקדש אַ שעפּס אָדער אַ ציג, וועלכע איז אַ יאָר אַלט, און דאָס האָט זיך גערופן אַ קרבן פסח. עס פלעגט פאָרקומען דערביי אַ שיינע צערעמאָניע און פיל הייליגע באַגייסטערונג: אידן פלעגן זיך דאַן אָרגאַניזירן צו טאָן אָט די מצוה נישט אליין, נאָר אַ גאַנצע חברה צוזאַמען געמומען. עס שטייט אין דער תורה: ושחטו אותו כל קהל עדת ישראל בין הערבים, און נאָכדעם, אינאָוונט, ווען מען פלעגט אָפּ־עסן אַ זאַטע סעודה פלעגט מען פאַרבייסן מיט די פלייש פון קרבן פסח, ווען מען פלעגט אים קוילן אין דער עזרה פון בית המקדש, פלעגט מען דאַן לייענען הלל, מען פלעגט דאַן בלאָזן אין אַ מוזיקאַלישן אינסטרומען, וועלכער פלעגט זיך רופן אין די אַלטע צייטן אין העברייאיש מיט דעם נאָמען „חצוצרות", ער פלעגט געקוילעט ווערן אין דער עזרה באַ דריי כתות, און איז דוחה שבת. דער טעם און דער צוועק פון אָט דער מצוה איז געווען דאָס אידן זאָל שטענדיק געדיינקען די גרויסע נסים וואָס גאָט האָט מיט זיי געטאָן ווען זיי זיינען ארויס פון מצרים.

דער קרבן פסח האָט געדאַרפט געגעסן ווערן נאָר ווען ער איז געבראָטן, „אל תאכלו ממנו נא ובשל מבושל במים כי אם

צלי אש". און עס זיינען דאָ צוויי ערקלערונגען צו וואָס דער קרבן פסח האָט געמוזט זיין געבראָטן:

1) ווייל דאָס דערמאָנט אונז אונזערע עלטערן, ארויסגייענ־דיק פון מצרים, האָבן קיין צייט נישט געהאַט צו קאָכן די פלייש אין אַ טאָפּ, ווייל איילנדיקערהייט האָבן זיי געמוזט דאָס שנעל אָפּ־בראָטן אויפן פייער און עסן.

2) ווייל די פּאַרציימיקע קעניגן און פרינצן פלעגן עסן גע־בראָטענע פלייש, וואָס איז זייער אַ גוטער און געשמאַקער מאכל, וואָס נאָר גאַנץ רייכע האָבן דאָס געקענט אויספירן צו עסן. דער גאַנצער פאָלק האָט געמוזט עסן געקאָכטע פלייש אויף אָנצושטאָפּן דעם מאָגן, און נישט געבראָטנס, און ווען מיר עסן דעם קרבן פסח צו דערמאָנען זיך דאָס מיר האָבן זיך באַפרייט פון שקלאַ־פערייי און מיר זיינען אַ פרייער פאָלק, אַ ממלכת כהנים און אַ גוי קדוש, צייגן מיר מיט דעם וואָס מיר עסן דעם קרבן פסח געבראָטן, דאָס מיר זיינען פריי און שטאָלץ ווי קעניגן און פרינצן, און טאַקע דערפאַר האָט מען נישט געטאָרט איבערלאָזן פון דעם קרבן פסח אויף מאָרגן, אויף דעם 15־טן טאָג אין ניסן. אזוי זאָגט די תורה: „לא תותירו ממנו עד בקר", ווייל מלכים און פרינצן, וועלכע זיינען זייער רייך, לאָזן נישט איבער פון זייערע געקעכצן אויף מאָרגן, און מיר צייגן דאָך פסח, דאָס מיר זיינען פריי און גליקלעך, טאָר מען נישט איבערלאָזן פון קרבן פסח אויף מאָרגן, און ווען עס בלייבט איבער, מוז דאָס פאַרברענט ווערן. דאָס אַלעס איז צו צייגן אז מיר זיינען פריי און מיר האָבן זוכה געווען צו מלכות און גדולה.

עס זיינען דאָ פאַרשיידענע דינים וועגן קרבן פסח, זע (פסחים פרק ה', דף ס"ט, רמב"ם הלכות קרבן פסח פרק א', פרק י' ופרק ח', ספר המצות מצות עשה נ"ה, סמ"ג עשין רכ"ג, ברכות דף ט', מגילה דף כ"א, פסחים מ"א).

ווען מיר פאַרטיפן זיך אין דער מצוה פון קרבן פסח, גע־פינען מיר בריליאַנטענע געדאַנקען פון וועלכע מען קען זייער פיל לערנען, מיר לערנען דורך אַ וואונק, דורך אַ רמז, דאָס מען מוז אויפפּאַסן אויף כשרות, און מען דאַרף גוט וויסן די דינים פון ניקור, מען דאַרף ארויסנעמען פון אַ בהמה וועלכע מען קוילעט

צום עסן 51 אָרערן, אין מאַנכע געפינט זיך בלוט, אין מאַנכע געפינט זיך חלב, און אַ איד טאָר נישט עסן נישט קיין בלוט און נישט קיין חלב, און דאָס זאָגט אונז די תורה: אל תאכלנו ממנו נא, איר זאָלט נישט עסן נא. נא מיינט 51, די 51 אָרערן וועלכע מען טאָר נישט עסן צוליב בלוט און חלב.

מיר לערנען אויך זייער אַ וויכטיקע לערע: אז דאָס וואָס דו דאַרפסט טאָן היינט לאָז נישט איבער אויף מאָרגן. ווען מענטשן וואָלטן געהאַט אָט דעם וויכטיקסטן כלל אין לעבן, וואָלט די וועלט געשטאַנען פיל העכער ווי זי שטייט איצט, און דאָס לערנט אונז דער קרבן פסח: „לא תותירו ממנו עד בוקר", לאָזט נישט איבער אויף מאָרגן! טו די מצוה היינט, זאָג נישט מאָרגן וועל איך טאָן, טו היינט!

און אַ איד דאַרף האָבן אמונה און בטחון. דער וואָס האָט וואָס צו עסן היינט, און לאָזט איבער אויף מאָרגן, טאָמער וועט ער דאָס מאָרגן נישט האָבן — זאָגט אויף אים די גמרא — הרי זה מקטני אמנה, איז ער אַ קנאַפּער מאמין אין גאָט. דער וואָס האָט אמונה און בטחון אין גאָט לאָזט נישט אויף מאָרגן, לא תותירו ממנו עד בוקר!

דער קרבן פסח פלעגט געקוילעט און געגעסן ווערן פאַר־צייטן, ווען דער בית המקדש איז געווען בײַ אידן, מיט פרייד און געזאַנג, מיט הייליגע באַגייסטערונג. דאָס איז געווען אַמאָל, לאַנג, לאַנג צוריק, ווען מיר האָבן געלעבט אלס זעלבסטשטענדיקער פאָלק אין אונזער אייגענער לאַנד, אין ארץ ישראל. היינט האָבן מיר אויך אַ קרבן פסח, און דער קרבן פסח איז דער איד אליין, אין גלות.

פסח בײַנאַכט צום סדר, די מאַראַנען, די אנוסים אין שפּאַ־ניען. מען זיצט קיזערלעך אָנגעטאָן אין אַ פאַרבאָרגענעם הייל אונטערן הויז, און מען פּראַוועט דעם סדר. גאָלד און בריליאַנטן גלענצן איבעראַל, דער פאָטער פון הויז, אַ שפּאַנישער איד, אַ הויכער גייסטלעכער פאַר די שפּאַניער, אַ מיטגליד פאַר דער קיי־זערלעכער פאַמיליע און אין דער זעלבער צייט אַ באַהאַלטענער פרומער איד, וועלכער איז געצוואונגען צו באַהאַלטן זיין אידישקייט, ווייל מען וועט זיך דערוויסן אז ער איז אַ איד, וועט מען אים

און זיינע קינדער פאַרברענען לעבעדיקערהייט, ער זיצט און פּראַוועט דעם פּסח'דיקן סדר, רעדט צו זיין פאַמיליע איבער די גרויסקייט פון גאָט, איבער דאָס הייליקייט פון אידנטום, און פּלוצים — דעטעקטיוון און שפּאַנישע פּאָליציי אין דער באַגלייטונג פון די העכסטע באַאַמטע פון דער שפּאַנישער רעגירונג באַפאַלן זיין הויז, מען געפינט אים צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע באַם אידישן סדר, באַם אידישן פּסח'דיקן טיש, מען אַנדעקט דאָן דעם שרעקלעכן סוד, ער האָט גענאַרט די שפּאַנישע רעגירונג, די שפּאַנישע אינקוויזיטאָרן און מען פאַרברענט אים און זיינע קינדער לעבעדיקערהייט אויפן פייער.

ער איז א קרבן פּסח! און יעדער קינד זיינער איז אַ קרבן, אַ שרעקלעכער קרבן פאַרברענט געוואָרן על קדוש השם. דורך דעם הייליקן יום טוב פּסח האָט מען אים אַנדעקט' דאָס איז אַ שרעקלעכער גלות'דיקער קרבן פּסח.

* *
*

אַ שיין געגרייטער טיש לכבוד פּסח, אופן טיש איז כל טוב, עס בליצט גאָלד און זילבער, שיינע קליידער, גרויסאַרטיקע רייכע צימערן, אַלעס איז שיין און פיין, נאָר — דער עלטערער זון לויפט אַריין ווי אַ בליץ אין הויז: מאַמע! שנעל גיב עסן! איך האָב קיין צייט נישט!

מאַמע! לויפט אריין אין שטוב די טאָכטער! איך מוז גיין צו א ראַנדעוואו, עס איז שוין שפּעט, מאַקס און טשאַרלי וואַרטן אויף מיר, נו, שנעל! שנעל!

קינדערלעך! — בעט זיך בא זיי די אַלטע מוטער, — עס איז דאָך פּסח נאַכט. אַ הייליגע נאַכט, פּסח צום סדר, וויי איז מיר! ווי קענט איר איצט לויפן צו „ראַנדעוואו'ס" און צו טאַנצן ווען איר מוזט זיין מיט אונז. איר וועט מקצר ימים זיין דעם אַלטן פאָטער! פאַרגיסט נישט זיין בלוט! די קינדער ווילן נישט הערן דער מאַמעס „לעקציעס", אַנטלויפן אָן אַ סדר. און ווען די אַלטע זעצן זיך צום טיש און עס איז נישטאָ ווער עס זאָל פרעגן די 4 קשיות, קאַפּען אַראָפּ צוויי גרויסע בלוטיקע טרערן פון דעם אַלטן פאָטערס אויגן און ער מורמלט פון שטילן צער צו זיך אַליין. אַ גאַנץ יאָר פילט זיך נישט אזוי שטאַרק, אזוי טיף דער

ווייטיק פון האָבן קינדער יועלכע זיינען נישט קיין אידן, עס קומט יום טוב, פסח, פילט זיך דער ווייטיק טיפער, שמערצלעכער, ער איז א — קרבן פסח.

רבותי! לאָמיר געבן אונזערע קינדער א גוטע אידישע ערציאונג, לאָמיר צוגרייטן א נייעס דור, וועלכער זאָל וועלן און זאָל זיין פייאיג צו טראָגן הויך דעם דגל התורה אין אונזער היילינע לאַנד, אין ארץ ישראל, אמן! ואמן!

# פסח.

## ג.

## מען דאַרף בודק חמץ זיין.

בדיקת חמץ א גאַנצן יאָר. — דער חמץ וואָס איז אין אונז. -- דער תערובת חמץ. — בעלי בתים זוכן חמץ בא רבנים. — מכירת חמץ. — א צונג וואָס איז חמצדיק.

רבותי! מיר דאַרפן אלע בודק חמץ זיין, נישט נאָר ערב פסח, נאָר א גאַנצן יאָר, יעדן טאָג פון אונזער לעבן, און נישט נאָר דעם חמץ פון ברויט און דאָס גלייבן, נאָר דעם חמץ וועלכער געפינט זיך אין אונז, א זויערע הארץ טויג נישט, א חמצדיקע נשמה טויג נישט, חמצדיקע געפילן טויגן נישט, חמץ איז דער סימבאָל פון אלעס וואָס איז נישט כשר, נישט ריין, נישט היילינ, נישט פסחדיק, און מיר דאַרפן פריער בודק חמץ זיין, אויסגעפינען, וואו ליגט אין אונז דער הויפט חמץ, און דאַן פאַרברענען און מבטל זיין אים אינגאַנצן. עס דאַרף זיין סור מרע אפריער, און נאָכדעם עשה טוב, פונקט ווי א מענטש ווערט קראַנק, מוז דער דאָקטאָר פריער בודק חמץ זיין, אויסגעפינען די קראַנקייט, דעם דיאַגנאָז, דאָס איז די הויפט זאַך, און נאָכדעם, ווען דער דאָקטאר ווייס שוין וואו דער חמץ איז, דאַן פאַרברענט ער און ראַמט אים אויס פון מענטשלעכן קערפער. ווען דער מאָגן איז שלעכט, מעבט ער אים אויסרייניקן אלעס וואָס איז שלעכט פאַר אים, א מין סור מרע, און נאָכדעם שטאַרקט ער אים און

שטעלט אוועק דעם קראנקן א געוויסע צייט אונטער א שטרייגגע ריעטע צום עסן.

די זעלבע זאך מוז אויך פארקומען מיט א קראנקער אידי- שער נשמה. מען דארף אויסגעפינען דעם ווארצל פון דער קראנ- קייט, באזייטיקן די קראנקייט און נאכדעם שטארקן די נשמה, פריער בודק חמץ זיין, געפינען דעם איגערלעכן חמץ, דארף מען אים אויסראמען, פארברענען, גאכדעם. ווען די נשמה איז א ריינע, נישט קיין המצריקע, דאן, נאר דאן, קען מען איר געבן די פסחדיקע מאכלים, אמונה, ווי דער זוהר הקדוש רופט מצה „מיכלא דמהמנותא", דער אמונה מאכל, און אלעס וואס עס איז געזונט פאר דער אידישער נשמה.

דער כלל דארף זיין אז „כל מקום שמכניסין בו חמץ צריך בדיקה, וואו נאר מען ברייגגט אריין חמץ דארט דארף מען בודק זיין. אמאל טרעפט דאס דורך די אויג, אך, די מענטשלעכע אויג! וויפיל חמץ זי ברייגגט דאס אריין! די אויג זעט, די הארץ געלוסט, די הענט נעמען, דער קערפער האט הנאה און די נשמה, די געטלעכע נשמה, ווערט דורך דעם פאראומרייניקט, ווערט איגגאנצן טמא. די אויג איז א „מקום שמכניסין בו חמץ", אן ארט פאר חמץ, און מען דארף דארט בודק חמץ זיין און נוצן די מענטש- לעכע אויג צו זען נאר זאכן וועלכע זיינען הייליג און ריין.

די מענטשלעכע מחשבה, דער געדאנק! איז אויך א מקום שמכניסין בו חמץ. א געדאנק גיט אמאל א בליץ אין דעם מענטש- לעכן מוח און ברייגגט צו שלעכטע, טריפה מעשים. דערפאר זיי בודק חמץ און האלט דיין מחשבה ריין און הייליג, טראכט ער וועגן שמוציקע מעשים, איז ער שמוציק, דער געדאנק, דאס איז דער מענטש!

און דאס דארפן גוט געדיינקען אלע אידן, אז תערובות חמץ איז אויך אסור! ווייל די תורה זאגט דאך: כל מחמצת לא תאכלו, מען טאר קיין חמץ נישט עסן, אפילו ווען ער איז צעמישט במינו אדער שלא במינו (פסחים מ"ג מ"ד, רמב"ם הלכות חמץ פרק א' הלכה ד', ספר המצות לא תעשה קצ"ח, או"ח סימן תמ"ב, תמ"ג, סמ"ג לאוין ע"ט).

און מיר ווייסן דאך דעם תערובות חמץ אין דעם אידישן לעבן. א תלמוד תורה ארגאנזירט א באל מיט א טאנץ, וואו

אינגלעך און מיידלעך זאָלן טאַנצן ביז ווייסן טאָג אריין, דאָס איז תערובות חמץ, מען מישט אויס דעם חמץ מיט תורה, און דאָס איז ווירקלעך אַ גזפּאַר, אַ תלמוד תורה איז הייליג, און יעדער איר וואָס טראָגט אויף זיך דעם הייליגן נאָמען, איד, דאַרף באַלאַנגען און צאָלן יעדן מאָנאַט פון זיין לעבן אַ געוויסע באַדייטנדע סומע אלס מיטגליד צו דער תלמוד תורה. יעדער איד מוז באַלאַנגען צו אונזערע תלמוד תורה'ס און ישיבות, און דאַן וואָלט די פאַרוואלטונג פון אונזערע הייליגע ערציאונגס־אַנשטאַלטן נישט געווען געצוואונגען צו אַראַנזשירן קאָנצערטן, בעלער, טעאַטערס, און די אַלע אנדערע אומפּאַסיקע זאַכן פאַר אַ תלמוד תורה, וועלכע עס איז אַ תערובות חמץ!

אונזערע פרומע שולן ווילן טאָן אַ מצוה צו פאַראינטערעסירן וואָס מער אידן זאָלן קומען אין שול, דאָס איז ווירקלעך אַ מצוה. וואָס טוען זיי? זיי נעמען אריין אַ חזן אַן עם הארץ, נישט קיין שומר מצוה, מיט אַ גרויסן כאָר, און לאָזן נישט אריין קיין אידן אין שול הערן פון דעם חזן מיטן כאָר „ושמרו בני ישראל את השבת" נאָר ווען ער קויפט אַ בילעט, און לכתחילה דאַרף ער קויפן דעם בילעט פאַר שבת, אָבער בדיעבר — אזוי פּסקענען די גבאים פון שול, די גרויסע פוסקים — איז מותר צו קויפן דעם בילעט אפילו אום שבת, אָדער בא די גבאים גופא, אָדער אין אַ „קיאָסק" נישט ווייט פון שול. דאָס איז שוין, רבותי, אַ מצוה הבאה בעבירה, דאָס איז שוין תערובות חמץ, אַ חמץ פון חלול שבת צונויפגעמישט מיט אַ שול מצוה, דאָס איז אַ טרפה'נער חלול השם. אנטלויפט פון אזוינע מצוות ווי פון פייער, דאָס איז חמץ, דאָס פירט צו כרת, און כל מחמצת לא תאכלו!

און איך בעט אייך, רבותי, גערעינקט איין זאַך, איר דאַרפט בודק זיין אייער חמץ און נישט פרעמדן חמץ, אויף אייער חמץ זייט איר עובר אויף צוויי לאוין, לא יראה ולא ימצא, אָבער טשעפּעט נישט קיין פרעמדן חמץ, דער דין איז שלך אין אתה רואה, אבל אתה רואה של אחרים ושל גבוה (רמב"ם הלכות חמץ ומצה פרק ד' הלכה א').

פרעמדער חמץ, און געטלעכער חמץ, דעם חמץ פון הקדש מעגסטו זען, דער אומגליק אָבער איז פונקט פאַרקערט, דעם איי־גענעם חמץ זעט מען נישט, מען וויל נישט זען, דעם אייגענעם

חמץ איז מען גאָר נישט בודק, שלך אי אתה רואה, האָסט גענוג חמץ בּאַ דיר, בּאַ דײַן פרוי, בּאַ דײַנע קינדער... אין דײַן הויז... גאַנצע בּערג מיט חמץ האָסטו, און — דו זעסט אים גאָר נישט. און דו בּיסט דײַן חמץ נישט בודק ווי געהעריק איז, אָבּער דער־פאַר „אתה רואה של אחרים ושל גבוה", בּאַ אַנדערע דערזעסטו באַלד חמץ, בּאַ זיך נישט, „כל הנגעים אדם רואה חוץ מנגעי עצמו", און דו גייסט נישט בודק חמץ זײַן בּאַ זיך, בּאַ דײַנע קינדער, אין דײַן הויז, נאָר דו גייסט בודק חמץ זײַן אין פרעמדע הײַזער, בּאַ פרעמדע קינדער, בּאַ פרעמדע פאַמיליעס, דאָרטן זוכסטו חמץ, דו זוכסט שטאַרק, און, געווײַנלעך, אַז מען זוכט געפינט מען, איבּערהויפּט זײַנען די בעלי בתים פון די שולן גרויסע מבינים צו זוכן חמץ „של גבוה", זיי זוכן חמץ בּאַ הקדש, בּאַ כלי קדש, בּאַ רבנים, חזנים, שמשים, איבּערהויפּט בּאַ רבנים. זיי זאָגן „אם דומה הרב למלאך ה' צבאות, ווען דער רב איז גלײַך צו אַ מלאך, אַ מלאך האָט נישט וואָס צו עסן, האָט נישט קיין קינדער, האָט נישט פאַרוואָס צו צאָלן דירה געלט, אויב דער רב איז אויך אַזוי, דאַן — יבקשו תורה מפיהו, דאַן איז ער אַן אמתער רב, אַ צדיק אַ קדוש, אַ טהור, אַן אָרימאַן, האָט נישט וואָס צו עסן, נעבּעך, ואם לאוו, ווען אָבּער דער רב וויל לעבּן ווי אַלע לעבּעדיקע מענטשן ווילן, זאָלן און דאַרפן לעבּן, ווען מען דײַנקט נאָך אַז דער רב האָט חס ושלום געלט, דאַן, אוי ווײ, אל יבקשו תורה מפיהו, דאַן, אַז אָך און ווײ איז צום רב, די בעלי בתים זײַנען אים פּשוט מקנא און ווערן אים שונאים, און מען האַלט אין איין בודק חמץ זײַן בּאַ אונזערע כלי קודש, און יעדער בעל הבית פּרײַנגט זײַן פּעקל חמץ, ער רופט דאָס מכירת חמץ, און ער מעג אַלץ, ער קען און מעג זינדיקן, דער רב אָבּער, ער דאַרף זײַן זײַן כפרה. אַזוי איז ער זיכער, אַזוי מײַנט ער, דער חמץ איז נישט בּאַ אים, דער חמץ איז בּאַם רב, „אתה רואה של אחרים ושל גבוה".

רבותי! קריכט נישט צו פרעמדן חמץ, זוכט נישט קיין חמץ בּאַ אײַערע רבנים. ווען איר וועט בּאַ זיי געפינען המץ, איז דאָס אײַער שולד, איר, בעלי בתים, האָט זיי געמאַכט חמצ'ריק, זײַער חמץ איז דאָך אײַער חמץ, עס איז דאָך די זעלבּע זאַך ווי מיט דעם קהל'שן האַנטוך און קהל'שן טלית, מאַכן זיי די בעלי הבהים שמוציק, זיי מאַכן שמוציק דעם קהל'שן האַנטוך און דער קהל'שן

טלית און נאָכדעם שרייען זיי דאָס דער קהלישער טלית איז שמוציק. רבותינו זייט בעסער בודק אייער חמץ, איר וועט געפינען איבער געגוג, און דאַן, פוילט זיך נישט און זייט מבטל, מיט אַ אמת, מיטן גאַנצן האַרצן אייער חמץ און פאַרבערנט אים, דעם חמץ, פון הויז... פון שלאָף-צימער... אין דעם חמצדיקן צונג... אָ, וויפיל ציינגער זיינען דאָס חמצ׳דיק, לשון הרע... רכילות... נבול פה... שקרים... פאַרבערענט זאָל ווערן אַזאַ חמצ׳דיקער צונג! אַזאַ חמץ איז אַ שרעקלעכער חמץ. דער לשון הרע חמץ לאָזט נישט צו דעם שיינעם הייליקן פסח אין אונזער הויז... אין אונזער לעבן... פאַרברענט דעם חמץ!...

# פסח.

ד.

## די פסח׳דיקע שקלאַפן.

פסח איז דאָך אַ יום טוב פון פרייהייט, זאָגן מיר דאָך אין אונזערע תפלות זמן חירותינו, זיצן מיר דאָך צום סדר נישט ווי אַ גאַנצן יאָר, נאָר „אָנגעשפאַרט" ווי קעניגן, ווי פרינצן, „כולנו מסובין". מיר זאָגן דאָך הלל, מיר זינגען צו גאָט אויף אונזער פרייהייט, זינגען מיר דאָך אין דער הגדה „על גאולתנו ועל פדות נפשנו", זאָגן מיר דאָך „אשר גאלנו וגאל את אבותינו", גאָט האָט אונז אויסגעלייזט פון שקלאַפערייַ, און אייך אונזערע עלטערן, מיר זיינען מער נישט שקלאַפן, פרייע מענטשן זיינען מיר, און דערפאַר טאָר מען דאָך פסח נישט אַרבעטן. לייענען מיר דאָך אין דער תורה: „ביום הראשון מקרא קודש יהיה לכם כל מלאכת עבודה לא תעשו, איר זאָלט, פסח, קיין אַרבעט נישט טאָן, ווייל זייענדיק אַ גאַנצן יום טוב לייִדיק פון אַרבעט און געשעפט, האָבנדיק זייער פיל פרייע צייט, וועלן אַלע אידן האָבן די מעגלעכקייט צו קומען אין שול לערנען אָדער הערן אַ לעבעדיקן אידישן וואָרט פון די רבנים, מגידים, דרשנים און מטיפים. ווען מען וואָלט געמאָגט גיין אין געשעפט אָדער אַרבעטן, אפילו גאַנץ לייכטע אַרבעטן, וואָלט יעדערער געוועז פאַרנומען, ווער אין געשעפט און ווער אין זיין אַרבעט. איצט אָבער, ווען עס איז נישט ערלויבט צו טאָן קיינע

ארבעט, „כל מלאכת עבודה לא תעשו", איצט האָט מען גענוג צײַט צו זיצן בײַם סדר, זיצן בײַם פּסחדיקן טיש. קינדער פרעגן קשיות, עלטערן ענטפערן זײ תּרוצים, דער גאַנצער סדר איז דאָך געמאַכט געוואָרן נאָר צוליב די קינדער, זײ זאָלן האָבן, זײ זאָלן האָבן וואָס צו פרעגן, אום מיר זאָלן האָבן די נויטע געלעגנהייט צו ריידן מיט זײ וועגן אידישע פרײַהייט, וועגן גאָטס נסים, ווען קינדער זײַנען אזוי ווײַט פון אידישקייט, אז זײ אינטערעסירט קיין זאַך נישט, אז זײ פרעגן שוין קיין קשיות נישט. ווען קינדער זען נישט קיין סימן פון אידישקייט בײַם פאָטער אין הויז, ווען קינדער זען נישט קיין פּסח'דיקן סידור, ווען דער אידיש קינד ווערט אין דער בחינה פון „שאינו יודע לשאול", דאַן שטייען מיר חס ושלום פאַר דעם קבר פון אידנטום, דאַן זײַנען מיר די חברה קדישא, וועלכע באַגראָבט דעם הייליקן אידעאַל פון אידנטום, פאַר וועלכן אונזערע עלטערן האָבן זיך מוסר נפש געווען, זײַנען געגאַנגען צום טויט ווי מען גייט צו א קאָנצערט, האָבן פאַרגאָסן זייער לעצטן טראָפּן בלוט פאַר די הייליקייט פון אידנטום, און מיר, ווײ איז צו אונז, מיר זײַנען דאָס די קברנים, די שמשים, די חברה קדישא, וועלכע העלפט באַגראָבן און פאַרשיטן אונזערע הייליגטימער. און, רבותי, אז מיר האַלטן בײַ אזא שרעקלעכע לאַגע איז גענוג צוזען, אז אין מאַנכע אידישע הײַזער ווערט דער סדר נישט אָפּגעריכט, און ווען ער ווערט אָפּגעריכט איז נאָר פאַר זיך אליין, און נישט פאַר די יונגע קינדער. און הונדערטער טויזנטער אידן ארבעטן אום פּסח, הונדערטער טויזנטער שקלאַפן אין דעם יום-טוב פון פרײַהייט.

רבותי! דער ערשטער מנין איז געווען נעפּאַקט, זאָגט מען מיר, ווײַל — מענטשן דאַרפן דאָך גיין אין ביזנעס, צו דער ארבעט, דעם ערשטן טאָג פּסח, דאַרפן זײ אָפּדאַווענען פריער, כדי זײ זאָלן קענען קומען צו ביזנעס, צו דער ארבעט, אין דער ריכטיקער צײַט...

הונדערטער טויזנטער קינדער, אונזערע קשיות פרעגער, וואַלגערן זיך אין די גאַסן, ווײַל זייערע פאָטערס זײַנען אין ביזנעס און בײַ דער ארבעט, די קינדערלעך וועלן דאָך קיינמאָל נישט פילן די שײנקייט און הייליקייט פון אונזער פּסח. זייערע עלטערן

זײַנען פּסח פֿאַרשקלאַפֿט, זײַנען זיי אויך פֿאַרשקלאַפֿט, די גליקלעכע רײַכע אידישע קינדער מעגן מקנא זײַן די אָרעמע אידישע קינדער מיט יאָרן צוריק.

* * *

שטאָלץ ווי אַ מלאך זיצט דער פֿאַרצײַטיקער איד אויף זײַן הסבה בעט, מיט זײַן אשת חיל, וואָס איז פּליצים געוואָרן אַ מלכה, און אין די גרעסטע רעוואָלוציעס, ווען עס מאָרן זיך נישט געפֿינען קיין מלכים אויף דער וועלט, וועלן שטענדיק מלכים זײַן, ווײַל צו יעדן פּסח׳דיקן סדר איז דער איד אַ מלך, זײַן פֿרוי — אַ מלכה, זײַנע קינדער — פּרינצן און פּרינצעסינס, בני מלך, און דער מלך דערציילט דאָס זײַנע קינדער, די בני מלך, דעם וואונדער, די נסים ונפֿלאות, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט אונזערע עלטערן, ווי אזוי זיי האָבן זיך באַפֿרײַט פֿון שקלאַפֿערײַ.

פּסח צום סדר! ווי ליכטיק, ווי הייליג, ווי שיין עס איז בײַ יעדן אידן אין שטוב! בני חורין זיצן בײַם טיש, די פֿרײַע נאַציאָנאַלע אידישע נשמה פֿילט זיך אין אַלע ווינקעלעך פֿון שטוב, די שכינה אַליין איז געקומען צום סדר, הערן די הגדה. די מאַמע, די קינדערלעך — אַלע שטראַלן און לײַכטן פֿון פֿרייד, די מאַמע לכבוד פּסח האָט אָנגעטאָן איר טײַערסטע צירונג און האָט אויפֿן טיש אויסגעשטעלט דאָס גאַנצע ביסל גאָלד און זילבער. די אידישע הויז איז פּסח עקסטראַ כשר, די כלים זײַנען געכשר׳ט געוואָרן לכבוד פּסח, אַלע, איבערהויפּט די קינדערלעך וואַרטן אויף אַ ליבן גאַסט, אליהו הנביא דאַרף באַלד קומען!

דער פֿאָטער מיט די קינדער זײַנען באַגײַסטערט ווען זיי זאָגן די הגדה. ווי שיין זיי זינגען! דער אידישער פּסח קומט נישט אַליין, ער ברענגט מיט זיך דעם גאַנצן פֿרילינג. ווען נישט פּסח וואָלט, דוכט זיך, שטענדיק ווינטער געווען, שטענדיק ווינטער!...

* * *

קינדער בענקען נאָך ימים טובים, זײַנען פֿון דער נאַטור רעליגיעז געשטימט, די אידישע ימים טובים בכלל און דער רײַנער שיינער פֿרילינגס יום טוב, פֿרײַהייטס־יום טוב, פּסח, באַזונדערס, און ווען מיר זײַנען ווי טויזנטער יונגע אידישע קינדער קענען

נישט געניסן און ווייערע יונגע קינדער־יאָרן דעם פאַרגעניגן פון פסח, ווייל ווייערע פאָטערס זיינען באשעפטיקט פסח אין געשעפט אָדער ארבעטן פסח, דאן ווען מיר פאר זיך די שרעקלעכסטע טראַגעדיע אין דער וועלט, מיר זען פאר זיך שקלאַפן פון פרייהייט, פסח'דיקע שקלאַפן!...

עס איז די העכסטע צייט, רבותי, אויסצוזראַמען דעם חמץ־פטור ווערן פון שקלאַפעריי, אריינפירן די ליכטיקע שטראַלן פון אונזערע ימים טובים אין אונזערע הערצער, באַלייכטן מיט די קדושה שטראַלן פון אונזער פסח די יונגע נשמה'לעך פון אונזערע קינדער און דאן וועלן מיר זוכה זיין צו דער ריכטיקער גאולה, „בניסן נגאלו ובניסן עתידין להגאל”, אין ניסן — ואָנן אונזערע חכמים זכרונם לברכה — זיינען אידן אויסגעלייזט געוואָרן פון גלות מצרים, און אין ניסן וועלן אידן אויסגעלייזט ווערן פון דעם לעצטן גלות, און מיר וועלן זוכה זיין צו א גאולה שלמה במהרה בימינו, אמן! ואמן!

# פסח.

## דער יום טוב פון פרילינג און באַפרייאונג.

דריי סאָרטן ימים טובים גיבט בא אלע נאציאָנען: רעליגיעזע, נאַציאָנאַלע און נאַטירלעכע, אָבער איינער מיט דעם צווייטן האָבן קיין שייכות נישט, נישט אין באַדייטונג, ווי אויך נישט אין נאַ־ציאָנאַלע געפילן. נישט אזוי איז מיט אונזערע דריי הויפט יום טובים; פסח, שבועות און סוכות, וועלכע האָבן אין זיך אלע דריי באַדייטונגען. זיי זיינען רעליגיעזע, נאַציאָנאַלע און נאַטירלעכע, דעריבער זיינען זיי פּאָלקאָמע יום טובים פאר דעם גאַנצן אירנטום אָן אונטערשייד פון מיינונגען און רעליגיע. און דערפאַר האָבן די יום טובים אויסער רעליגיעזע נעמען, אויך נאַטירלעכע, ווי: „חג האביב”, „חג הקציר”, „חג האסיף”.

אונזערע יום טובים איבערצייגן אונז ווירקלעך, דאָס אונזער תורה איז „תורת חיים” — א לעבעדיקע תורה, גענומען פון לעבן און געגעבן פון א לעבעדיקן גאָט צו א לעבעדיקן פאָלק, וועלכער איז פול מיט לעבן. א צווייטער ליגט אין דעם וואָרט „אביב” פרי־

לינג, פֿאַרגעניגנר, װאַנפּט, שײנקײט, שטאַרקײט. דער װאָרט פֿרילינג, ער באַלעבט און דערמונטערט די גאַנצע נאַטור מיט זײַן פּראַכט און גלאַנץ. ער פֿאַרטרײַבט די פֿינסטערניש און באַלײַכטעט די גאַנצע װעלט, פֿאַרקלענערט די נאַכט און פֿאַרגרעסערט דעם טאָג װעלכער איז פֿול מיט לעבן, ליכט און פֿרײַהײט. און דער גאָט פֿון פֿרילינג האָט אַרײַנגעבראַכט זײַן געטלעכן פֿרילינגס גײַסט צו דעם פֿאָלק ישראל אין דעם מאָנאַט פֿון פֿרילינג, היום אתם יוצאים בחודש האביב — געדענקט דאָס איר זײַט קינדער פֿון דער נאַטור און צוזאַמען מיט איר װעט איר זיך באַפֿרײַען פֿון אײַער יאָך. דער פֿרילינג װעט באַפֿרײַען די מוטער־ערד פֿון אירע װינטערדיקע קאַלטע װעטערן און איר װעט זיך באַפֿרײַען פֿון אײַער שקלאַפֿערײַ אין מצרים, און דער באַפֿרײַאונגס יום טוב זאָל געקרײַנט װערן מיט דעם נאַטירלעכן נאָמען „חג האביב“.

מיר האָבן דאָס רעכט אויסצושרײַען פֿאַר דער גאַנצער װעלט, צו אַלע אַלטע און נײַע נאַציעס מיט זײער שפּראַך: פֿעלקער! קוקט און באַטראַכט די אַלטע לעבעדיקע פּיראַמידע ישראל, שױן מער װי דרײַ טױזנט יאָר, און טױזנטער שרעקלעכע װינטערן זײַנען איבער אים אַריבערגעגאַנגען זײַט ער האָט געענדיקט די אַרבעט בײַ די מצרימער פּיראַמידן. די לעבעדיקע פּיראַמידן שטײען נישט אויף אײן אָרט, זײ װאַנדערן צוזאַמען מיט זײערע פֿרילינגס ימים טובים און שרײַען אויס: „היום אתם יוצאים בחדש האביב!“.

שמור את חדש האביב! זײ האָבן געשפּאַלטן דעם ים סוף, זײ זײַנען געשטאַנען אויפֿן באַרג סיני, זײ זײַנען געקומען אין לאַנד כנען! זײ האָבן געזונגען און געשפּילט מיט זײער אָרקעסטער פֿרילינגס־לידער אין זײער געטלעכן משכן און פֿאַרקלונגען דעם גאַנצן ערד־קוגל מיט זײערע געטלעכע ניגונים, זײ האָבן אויפֿגעהאַנגען זײערע פֿידלען אויף די װערבן בײמער בײַ די טײַכן פֿון בבל; זײ האָבן זיך אומגעקערט צוריק נאָך יהודה. און אַזױ, װאַנדערט ער, דער אַלטער פֿרײַהײטס־קעמפֿער מיט זײַן פֿרײַהײטס־גײַסט און מיט זײַן אײביקן פֿרילינג פֿון לאַנד צו לאַנד.

לײַדער איז דער פֿרילינגס יום טוב אין די לעצטע יאָרן בײַ אַ גרויסן טײל אידן מערנישט װי אין װאָרט אָבער נישט אין טאַט, מיר קענען נישט פֿילן די גוטע מתנה פֿון פֿרילינג, װײַל מיר

האָבן נישט קיין לאַנר, קיין היים. דער חג האביב איז געבליבן בײַ אונז אין חג הפסח אָדער אין חג המצות — נאָר אין רעלי־גיעזן זין, אָבער מיט דער נאַטירלעכער באַדײַטונג פון פרילינגס יום טוב זײַנען מיר גאָרניט פאַרבונדן. אונזער פרילינג איז אויפן ים נישט אויף דער יבשה. דער פרילינג פאַרשטאַרקט די עמי־גראַציע. אנשטאָט דעם פרילינגע־געזאַנג פון די פויגעלעך, הערן מיר דעם געוויין און די געשרייען פון די פאַרוואָגלטע קלײנע קינ־דערלעך מיט זייערע עלטערן, וועלכע מען צווינגט אין פאַרשידענע מלוכות צו עמיגרירן. אנשטאָט די פרישע טראָפּנס פרילינגס־טוי זען מיר די ביטערע טראָפּנס טרערן אין די אויגן פון די היימ־לאָזע ברידער און שוועסטער. אנשטאָט דם הפסח מאַכט מען אין אנדערע לענדער אויף אונז אלילת דם. אָבער, לאָמיר נישט פאַר־לירן אונזער מוט, לאָמיר האָבן דאָס אינניכן ווילן מיר אָנפאַנגען צו טרינקען דעם כוס ישועות.

זינג אלטער, זינג דײַנע פרילינגס־לידער, דײַן הימלשן „שיר השירים", ווײַל דײַן גרויסער פרילינג קומט אָן און וועט דיר צוריק אומקערן אין דײַן פרילינגס־לאַנד וואו דײַנע לידער זײַנען פאַר־פאַסט און געזונגען געוואָרן צום ערשטן מאָל, דאַן וועסטו אויס־שרײַען צו אלע דײַנע פאַרוואָגלטע קינדער: „שמור את חדש האביב היום אתם יוצאים בחרש האביב"!

# ספירה און ל"ג בעומר.

די ווירקונג פון שבת אויף יערן טאָג פון וואָך. — פאַרוואָס ציילט מען ספירה? — פסח און שבועות. — פרײַהייט און תורה. — דער עומר אין בית המקדש און ספירה אין גלות.

אין אונזער הייליגער העברייאישער שפּראַך, אונזער נאַציאָ־נאַלע שפּראַך, ווען מען ציילט די טעג פון דער וואָך, דערמאָנט מען אין יעדן טאָג, דאָס וואָרט שבת, אנשטאָג זונטיק, מאָנטיק, דינשטיק א. א. וו. זאָגט מען אחד בשבת, בשני בשבת א. א. וו. דערמיט ווערט אויסגעדריקט דער געדאַנק אז די קדושה פון שבת, די שלמות פון שבת, ווערט פאַרווירקלעכט אין די טעג פון דער

וואָך, און דאָס מען לעבט יעדן טאָג אין דער וואָך מיט דער קדושה פון שבת, און דער הייליגער שבת באַקומט דורך דעם זיין פולע אָנערקענונג און אָפּשאַצונג.

און אַט אזוי דאַרף מען אָנפאַנגען דעם צווייטן טאָג פּסח ציילן די טעג, יום א׳, יום ב׳, יום ג׳ בעומר. פונקט ווי יעדע וואָך פון יאָר פאַנגט מען אָן ציילן 7 טעג פון זונטיק ביז שבת, און שבת ווערט געפייערט דאן אין זיין גאַנצער הייליקייט, אָט אזוי פאַנגט מען די צווייטע נאַכט פון פּסח נאָך מעריב, פאַנגט מען אָן צו ציילן ספירה, מען ציילט אָפּ 49 טעג. זיבן וואָכן. און צום ענדע, דעם 50־טן טאָג, פייערט מען דעם יום טוב שבועות (אורח חיים תפ״ט).

מען ציילט פון פּסח ביז שבועות יעדן טאָג, פונקט ווי א מענטש וועלכער דערוואַרט א געוויסן טאָג אין זיין צוקונפט, וואָס אין יענעם טאָג, האָפט ער, וועט פאַרווירקלעכט ווערן זיינער א לעבנס חלום, ביז יענעם טאָג וועט ער זיין גליקלעך, און ער קען זיך נישט דערוואַרטן יענעם טאָג, און ער ציילט די טעג, אָט אזוי ציילט דער איד פון פּסח ביז שבועות די טעג, ער ציילט און האָפט, אָט, אָט, וועל איך דערלעבן דעם שיינעם, דעם הייליגן יום טוב שבועות. די צייט פון קבלת התורה. און דערמיט צייגט דער איד, אז דער יום טוב פּסח, דער יום טוב פון פרייהייט, קען געפינען זיין ריכטיקע פולקומקייט נאָר אין שבועות, אין דער תורה, און פרייהייט אָן דער תורה איז א געפאַר, א גרויסע געפאַר!... ווייל דער איד איז ארויס פון מצרים, פון שקלאַפעריי צו פרייהייט, אום ער זאָל זיין דער עבד ה׳ גאָטס קנעכט, עבדי הם — ולא עבדים לעבדים! דער איד וועלכער איז א קנעכט צו גאָט קען נישט און טאָר נישט זיין פאַרשקלאַפט פון א מענטשן, ווייל ער איז דער קנעכט פון גאָט, און דער קנעכט פון זיין הייליגער תורה, וואָס די קנעכטשאַפט, אָט די שקלאַפעריי איז די העכסטע אינער־לעכע פרייהייט, און גאָר דעם ערשטן מאָל ווען גאָט האָט געשיקט משה רבינו אויסצולייזן די אידן פון מצרים, האָט ער אים ערקלערט, מען דאַרף זיי באַפרייען פון די מצריים, אום זיי זאָלן קענען גאָט דינען און לערנען זיין תורה, און דער פּסח איז צוליב שבועות, די פרייהייט צוליב דער תורה, ווייל די אמת׳ע פרייהייט איז אין דעם למוד התורה „אין לך בן חורין, אלא מי שעוסק בתורה!

דער אמת'ער פרייער איד איז דער, וועלכער באשעפטיקט זיך מיט תורה, און דערפאר ציילט מען ספירה, מען ציילט די טעג און מען ציילט די וואכן, ווען, ווען, ווען, ווען, וועלן מיר שוין דערלעבן צו מקבל זיין די תורה און צו פייערן דעם הייליגן יום טוב שבועות.

און עס איז א הייליגער פליכט אויף יעדן אידן צו ציילן ספירה, ווייל דער פסוק זאגט וספרתם לכם, זאגט אויף דעם די גמרא שתהא ספירה לכל אחד ואחד (מנחות ס"ה) דאס יעדער איינצעלנער איד דארף ספירה ציילן.

ספירה דארף מען ציילן שטייענדיקערהייט, דער גאנצער עולם דארף זיך אוועקשטעלן צו ספירה, צו אלע ברכות דארף מען זיך אוועקשטעלן, אזוי זאגט רב שמואל הכהן גאון, ווייל עס שטייט אין מלכים א' קאפיטל ח', ויברך את קהל ישראל, וכל קהל ישראל עומד. איז צו א ברכה שטעלט מען זיך, (מאה שערים הלכות חדש וספירת העומר זייט 108), און אזוי זאגט דער רא"ש צום סוף מסכת פסחים; בקמה תחל לספור, אל תקרי בקמת אלא בקומה.

אין ארץ ישראל ווען דער בית המקדש האט עקזיסטירט, פלעגט מען דאן ווען מיר פאנגען אן ציילן ספירה, ברייננען דעם „עומר", א געוויסע מאס פון גערשטן, און ווי די גמרא און מדרשים גיבן אונז איבער, פלעגט פארקומען אן אויסערגעוויינלעכע גרויסע הייליגע צערעמאניע באם ברייננען דעם עומר אין בית המקדש, און די תורה זאגט אונז „והבאתם את עומר ראשית קצורכם אל הכהן, והניף את העומר לפני ה' לרצונכם, ממחרת השבת יניפנו הכהן (אמור) אז די ערשטע תבואה וואס מען שנייט אפ פון פעלד דארף מען ברייננען א געוויסע מאס, אן עומר צום כהן, דער כהן הויבט דאס אויף פאר גאט, און דאן ברייננט מען גע-וויסע קרבנות צו פייערן דעם טאג פון ברייננען דעם עומר, און ביז מען ברייננט דעם עומר טאר מען נישט עסן קיין נייע תבואה, חדש, נאכדעם מעג טען עסן חדש. די ערשטע פון די נייע תבואה, דער עומר, דארף געבראכט ווערן אין בית המקדש צו גאט דורך דעם כהן. (ויקרא כ"ג—י"ד), און די גמרא זאגט: מפני מה אמרה תורה הביאו עומר בפסח? כדי שתתברך לכם תבואה שבשדות (ראש השנה ט"ז) פארוואס האט די תורה געהייסן דאס מען זאל ברייננען דעם עומר אום פסח? כדי דורך דעם עומר זאל גע-

בענטשט ווערן די תבואה אין די פעלדער. וועגן די איינצלהייטן איבער דעם עומר אין חדש זע (פסיקתא פ״ח, מנחות ס״ה, ס״ג, פ״ב, מגילה כ׳, שולחן ערוך יורה דעה סימן רצ״ג, כל בו סימן כ״ו, קדושין ל״ו, ל״ז, ירושלמי חלה פרק ב׳, תוספות קדושין ל״ח, יד אליהו סימן כ״ה, רמב״ם הלכות תמידין פ״ז, שלחן ערוך או״ח סימן ת״צ, ספר המאור לאלפסו, המנהיג פ״ג, ע״ב. תשובה הרשב״א ח״ו סימן מ״ר, תניא, סימן נ׳, מנהגי מהרי״ טירנא, ר״ן סוף פסחים, רוקח סימן תצ״ד).

דאן ווען מיר האבן געלעבט אין אונזער לאנד האבן מיר דעם עומר געבראכט. איצט אין גלות ציילן מיר דעם עומר, ספירת העומר, דאס איז אן אנדיינקונג צום חורבן בית המקדש. מיר דער־מאנען זיך אויף די אייגענע פעלדער און וועלדער וועלכע מיר האבן פארמאגט אין אונזער אייגענער לאנד, אויף אונזער בית המקדש וואס איז חרוב געווארן אין די גאנצע צייט פון ספירה פאלט אן אומעט, א נאציאנאלער טרויער, אויף יעדן אידן, פון פסח ביז שבועות, די שענסטע צייט פון יאר, פרילינג, אלעס לעבט און בליט, אלע פעלקער פרייען זיך דאן מיט דער נאטור, און מיר אידן, אל תשמח ישראל אל גיל כעמים, מיר, מיר טרויערן אויף דעם וואס מיר האבן געהאט און מיר האבן אלעס פארלארן!

און אין דער צייט פון ספירה, ווען מען ציילט יעדן טאג פון לעבן, דארף יעדער איד א חשבון הנפש האבן מיט זיך אליין וואס ער האט אויפגעטאן יעדן טאג פון זיין לעבן. די טעג לויפן אוועק, דער לעבן איז קורץ, מען קוקט זיך נאר נישט ארום, און — צדקה תציל ממות! דער קבר איז אפן! און — וואס האסטו אויפגעטאן, דו מענטש, אין דיין קורצן לעבן?!

דער מענטש איז דער חוני המעגל פון דער אגדה, וועל־כער פרעגט זיך: מי איכא איניש דניים ע׳ שנין? קען דען א מענטש אפשלאפן און פארשלאפן 70 יאר לעבן? עס איז דאך א רציחה! מען טאר נישט שלאפן! מען דארף עפעס שאפן, אויפטאן אין יעדער מינוט פון לעבן, און דאך שלאפט ער אפ 70 יאר און נאכדעם כאפט ער זיך, דאס זיינע אייגענע קינדער דערקענען אים נישט... ווילן אים נישט קענען, ווייל ער האט נישט געלעבט ריכ־טיק, נישט ער האט געלעבט די 70 יאר וואס א מענטש דארף

לעבן, ווי דער תהילים זאָגט: ימי שנותינו בהם שבעים שנה, נאָר — ער האָט געשלאָפן 70 יאָר!...

דער מענטשלעכער לעבן ווערט איינגעטיילט אין דריי טיילן: 1) די יונגע יאָרן, 2) די מיטעלע יאָרן, 3) די אלטע יאָרן, און מיר האָבן דריי תפלות, יעדע תפלה איז געמיינט צו וועקן אַ געוויסן טייל פון דעם מענטשלעכן לעבן, אברהם תקן תפלת שחרית, אברהם אבינו האָט מתקן געווען די תפלה פון שחרית.

שחרית! דאָס איז דער פרילינג פון אונזער לעבן, ווען מירן זיינען קינדער. מנחה — דאָס איז אונזערע מיטעלע יאָרן, דאָס האָט יצחק מתקן געווען, און יעקב האָט מתקן געווען מעריב. מעריב! ווען אונזער זון פארגייט, ווען מיר ווערן גראָ און אַלט, ווען מיר דארפן זאָגן דעם לעצטן זיי געזונט צו דער וועלט, אי וועלכער מיר האָבן געלעבט.

* *
*

אין דער צייט פון ספירה, ווען מיר הויבן דאָן אויף דעם כבוד התורה, און ווען מיר קומען גאַנץ נאָענט צו דעם יום טוב שבועות, זמן מתן תורתנו, די צייט ווען מיר האָבן אונזער תורה גענומען, אין יענער צייט זיינען געשטאָרבן די תלמידים פון רבי עקיבא, די 24 טויזנט תלמידים פון רבי עקיבא, זיינען אין ספירה צייט אוועק פון דער וועלט, דערפאַר ווייל זיי האָבן נישט אָפּגעגעבן כבוד איינער דעם אנדערן, און ווייל זיי האָבן מקנא געווען איינער דעם צווייטן, (יבמות ס"ב ע"ב, מ"ר ס"א). אן אומגליקלעכע צייט איז דאָס געווען, אַ צייט ווען די ריזן פון תורה ווערן חרוב, און די וואָס שטיצן די תורה, פאַלן אוועק, און רבי עקיבא איז געווען געצוואונגען צו אָרגאַניזירן נייע תלמידים און פונדאַמענטן צו באַפעסטיקן די תורה בא אידן.

און פון יענער צייט איז אוועק גאַנצע טויזנט יאָר, און אין ספירה צייט, צווישן פסח און שבועות, איבערהויפּט אין דייטשלאַנד, האָבן אידישע זין און טעכטער איבערצייגט אלעמען דאָס זיי ווייסן צו האַלטן טייער און הייליג די תורה, דער גייסט פון דער תורה, אין ספירה־צייט, די צייט ווען מען גרייט זיך צום יום טוב פון קבלת התורה, האָבן זיי ארויסגעוויזן אין דער ווירקלעכקייט פון זייער לעבן זייער ליבשאַפט צו גאָט מיט הארץ און נשמה, ווייל

דאָן, אין ספירה־צייט, האָבן הונדערטער טויזנטער אידן, יונגע און אַלטע, מענער און פרויען, האָבן מקדש השם געווען, זיי האָבן פאַרגאָסן זייער לעצטן טראָפּן בלוט, האָבן זיך מוסר נפש געווען פאַר דער אידישער הייליגער אמונה, ווייל די גאַנצע גרויסע, גליקלעכע, רייכע וועלט איז בא זיי גאָרנישט, אויב, אז צוליב דעם זאָלן זיי באַדאַרפן חס ושלום שמד'ן זיך. זיי האָבן אָבער דאָן, אין דער צייט פון די נוסעי הצלב, געלאָזן זיך קוילען על קדוש השם, און גאַנצע אידישע קהלות זיינען דאָן אויסגעקוילעט געוואָרן, אידישע בלוט האָט זיך דאָן געגאָסן ווי וואַסער, און די גאַנצע אידישע וועלט האָט ארומגענומען אַ שרעקלעכער טרויער, אַ נאַציאָנאַלע אבילות, דאָס איז באַקאַנט אין דער אידישער געשיכטע אלס גזירת תת״נו.

און דערפאַר איז די צייט פון ספירה אַ צייט פון טרויער בא אידן, מען טאָר קיין מוזיק נישט הערן, מען טאָר נישט חתונה האָבן, אידישע פרויען זיינען זיך נוהג נישט צו טאָן קיין ארבעט ווען די זון פאַרגייט, בעפאָר ספירה, די צייט ווען מען האָט מקבר געווען די תלמידים פון רבי עקיבא (שבלי הלקט סימן רל״ה, אבודרהם דף פ״ח) עס איז אבלות בא אידן אין דער צייט פון ספירת העומר, צו געדיינקען או אלע צרות נעמען זיך דערפון וואָס מען גיט נישט אָפּ קיין כבוד די תורה און די וועלכע שטודירן די תורה קען קיין גוטער סוף נישט זיין, ווי עס האָט פּאַסירט מיט די תלמידים פון רבי עקיבא, און דורך די אבלות פון ספירה דערמאָנען מיר אונזערע זין און טעכטער אז אין יענער צייט זיינען געשטאָרבן אונזערע עלטערן, דעם טויט פון גבורים, פון קדושים. זיי האָבן מיט זייער טויט, מיט זייערע הייליגע פאַרגאָסענע בלוט מקדש השם געווען, און זיי האָבן מיט זייער העלדישן און הייליגן טויט געוויזן אַ ביישפּיל צו די קומענדע דורות, צו אונזערע יונגע זין און טעכטער ווי מען דאַרף קעמפן און שטאַרבן אין קאַמף פאַר די קדושה פון אונזער תורה און אמונה. און אז די אידישע קדושים ווערן פאַראייביקט באַם פאָלק פון ישראל. יאָר איין יאָר אויס ווערט געטרויערט אין יעדער אידישער הויז פון פסח ביז שבועות אויף דעם טויט פון יענע הייליגע קדושים.

ל״ג בעומר איז אַ יום טוב, ווייל דאָן האָבן די תלמידים פון רבי עקיבא אויפגעהערט צו שטאַרבן, און ל״ג בעומר גייען

ארויס די תלמידים פון די חררים, תלמוד תורה'ס און ישיבות מיט פייל און בויגן, דער סימבאָל פון מלחמה, מלחמה מיט די רוימער, מלחמה מיט די וואָס פאַרברענען אונזער בית המקדש, אונזער הייליגטום, מלחמה מיט די וויאָס טרייבן אונז פון אונזער הייליגער לאַנד, פון ארץ ישראל, ווי ר' עקיבא האָט זיך מוסר נפש געווען ביז דעם לעצטן טראָפּן בלוט פאַר דער הייליגער פרייהייט פון זיין פאָלק, און אונזערע קינדער, די תלמידים פון די חררים, תלמוד תורה'ס און ישיבות דאַרפן זיי די נאָכפאָלגער פון רבי עקיבא אין זיין הייליגן קאַמף.

גיט אין אין די הענט פון אייערע קינדער פייל און בויגן אום ל"ג בעומר, כחצים ביד גבור כן בני הנעורים, אונזער יוגנט, דאָס זיינען אונזער פייל און בויגן, זיי זאָלן און דאַרפן זיין דורכגעדרונגען מיט דעם פייער פון אהבת התורה וקדושת הארץ, און זיי זאָלן אונזערע קעמפער זיין, דאַן וועלן מיר זוכה זיין צו באַזעצן זיך אין אונזער לאַנד, ריידן אונזער נאַציאָנאַלע שפּראַך, העברייאיש, שטודירן און פאַרשפּרייטן די ליכטיקייט פון אונזער תורה במהרה בימינו, אמן! ואמן!

# שלשה ימי הגבלה.

די פילאָזאָפיע פון הגבלה. — הגבלה און קדושה. — די השפעה פון דער תורה אויף דעם מענטשלעכן כאַראַקטער. — אַ מענטש דאַרף זיך קענען באַהערשן. — די מענטשלעכע אויג און דער מלאך המות. — נאָנטע אידן און ברעקלעך אידן. — פרקי אבות.

דריי טעג פאַר שבועות איז שלשת ימי הגבלה, דריי טעג פון הגבלה. הגבלה אין העברייאיש איז פון לשון גבול, אַ גרעניץ, שלשת ימי הגבלה מיינט, 3 טעג באַגרעניצונג, ווייל פאַר מתן תורה האָט גאָט געזאָגט צו משה רבינו: לך אל העם וקדשתם, גיי צום פאָלק! דאָס איז דער פליכט פון אונזערע גדולים: גיין צום פאָלק, נישט זיצן פאַרשפּאַרט אין די ד' אמות און טאָן גוטס פאַר דער אייגענער נשמה, און נישט אָרן פאַרן פאָלק, זאָנדערן לך אל העם! גיי צום פאָלק, וקדשתם! און דו זאָלסט זיי היילגן!

נישט נאָר יחידים דאַרפן קדושים זיין, נאָר גאַ אידן דאַרף דער גאַנצער פאָלק הייליג זיין. ויהיו נכונים ליום השלישי, כי ביום השלישי ירד ה׳ לעיני כל העם על הר סיני, און זיי זאָלן זיין פאַרבאַרייט, זיי זאָלן זיך גרייטן צום דריטן טאָג, ווייל, דעם דריטן טאָג וועט גאָט ברוך הוא אַראָפּנידעריקן פאַר די אויגן פון גאַנצן פאָלק אויפן באַרג סיני, והגבלת את העם סביב לאמר השמרו לכם עלות בהר ונגוע בקצהו, כל הנוגע בהר מות יומת, און דו זאָלסט באַגרעניצן דאָס פאָלק ארום, זאָלסט זיי זאָגן: היט זיך! זייט פאָרזיכטיק! ארויפגיין אויפן באַרג און אָנרירן זיין ברעג. דער וואָס וועט זיך אָנרירן אין דעם באַרג וועט גלייך שטאַרבן (שמות י״ט — י״ג).

אַ מענטש שטרעבט און דאַרף שטרעבן אין דער הויך, זיין גייסט פליט הויך, הויך, ווי אַן אָדלער, צום באַרג! צום באַרג! אַ תורה ווערט געגעבן פון באַרג! נישט פון טאָל! משה רבינו איז אויפן שפּיץ באַרג, אָבער ווען מען דאַרף זיך אַראָפּלאָזן צום פאָלק טוט ער דאָס, „וירד משה מן ההר אל העם! און משה — ווען מען דאַרף נאָר — גייט אַראָפּ פון באַרג, פון דער הויך, און לאָזט זיך אַראָפּ צום פאָלק... אָבער צו הויך דאַרף מען נישט קריכן... מען קען אַראָפּפאַלן און געהרגעט ווערן... דער באַרג דאַרף האָבן אַ גבול, אַ גרעניץ... קריך ביז דאַנען און נישט העכער... דער פאָלק דאַרף האָבן אַ גבול, און יעדער מענטש דאַרף זיך קענען איינצאַמען, באַגרעניצן, און נישט קריכן וואו מען דאַרף נישט!... והגבלת את העם! מען דאַרף קענען קאָנטראָלירן זיך, ברעכן די ליידנשאַפטן, איזהו גבור? הכובש את יצרו!... און מען קען זיך נישט באַגרעניצן, מען קען קיין ימי הגבלה נישט האָבן אָן דער תורה, ווייל נאָר די תורה הייליגט דעם מענטשן און איידלט אוים זיין כאַראַקטער. און ווען מען איז אָבער גלייכצייטיק נישט פייאיק צו נעמען די תורה, צו פאַרשטיין איר, צו גענימן דעם געטלעכן טעם פון דער תורה, אריינצודרינגען אין די סודות פון דער תורה וואו מען זאָל האָבן דו שלשת ימי הגבלה, וואו מען זאָל נישט איינצאַמען די חיה אין דעם מענטשן, וואו מען זאָל נישט באַגרעניצן די מענטשלעכע ליידנשאַפטן, כבוש התאוות, וואו מען זאָל נישט אויסאַרבעטן זיך אליין אלם העכערע מענטש, אדם עלאה, מען דאַרף באַזיצן גוטע מדות און קדושה אום זוכה צו זיין צו דער וויסנשאַפט פון דער תורה.

און ווען איינער קען גוט לערנען און האט שלעכטע מדות איז ער מחלל השם. עס איז דער גרעסטער חלול השם, זאגט די גמרא אין יומא, ווען די וועלט זאגט: פלוני שלמד תורה, כמה מכוערים מעשיו! ווען יענער האט געלערנט תורה און פירט זיך אויף נישט שיין, איז דאס א גוואלדיק גרויסער חלול השם! גוט אויפפירן זיך, מיינט, האבן דרך ארץ, און די גמרא זאגט: דרך ארץ קדמה לתורה כ"ו דורות, 26 דורות בעפאר מען האט אונז געגעבן די תורה האט מען אונז דרך ארץ געלערנט, ווייל בעפאר מיר גייען לערנען תורה מוז מען פריער דרך ארץ האבן, מען דארף וויסן ווי צו האלטן זיך, ווי צו באגרעניצן זיך, הגבלה בעפאר קבלת התורה. און דערפאר האט דער רמב"ם זכרונו לברכה געשריבן: הלכות דעות בעפאר הלכות תלמוד תורה, ווייל בעפאר דו גייסט צו דער תורה, האב פריער דרך ארץ, האב גוטע מדות.

הגבל את העם וקדשתו! בעפאר מען נעמט א תורה מוז מען האבן הגבלה און קדושה, באגרעניצן זיך און ווערן הייליג. די תורה זאגט והתקדשתם והייתם קדושים, כי קדש אני (ויקרא י"א מ"ד), איר זאלט הייליג זיין, ווייל איך נאט בין הייליג. מען דארף זיך אליין קענען, קאנטראלירן זיך, אונטערזוכן אלע מחשבות און געפילן, אונטערדריקן די נישט ריינע מחשבות, ווען מיר האבן אפגעלעבט א טאג פון אונזער לעבן, ווען מיר שליסן אפ דעם טאג, ווען מיר גייען באנאכט שלאפן, דארפן מיר נאכטראכטן וואס מיר האבן געטאן א גאנצן טאג, ווי אזוי מיר האבן געלעבט, און ווען מיר געפינען אויס, אז מיר האבן זיך נישט ריכטיק אויפ־געפירט, נישט געלעבט א הייליגן לעבן, ווייל די תאוה צו געלט, צו כבוד, גאוה, פירן אונז איבער, דאן, דו איד, נעם זיך אליין אין די הענט אריין; צאם איין די חיה אין דיר, באהערש זיך אליין, הגבלה!

השמרו לכם עלות בהר ונגוע בקצהו! היט זיך פון ארויפ־קריכן אויפן בארג און אנרירן זיך אין זיין ברעג! האלב געבילדעט, האלב געווילדעט, זאגט די וועלט. א גאנץ איינפאכער מענטש ווייס דאס ער איז אומוויסנד, און דערפאר האט ער דרך ארץ און רעספעקט פאר דעם יעניקן וועלכער איז באמת געבילדעט. דער יעניקער אבער וואס ווייס א ביסל, איז ער ערגער פון דעם וואס

ווייס גאָרניט, ווייל ער גאַרט זיך אָפּ און מיינט אז ער ווייס אלעם אין דער צייט ווען ער ווייס נישט, און גאַנץ אָפט זען מיר אידן קענען א פּיסעלע לערנען נאַרן זיך אָפּ און האלטן זיך פאַר גרויסע לומדים און פאַרלירן זייער רעספּעקט פאַר די אמתע לומדים. דאָס זיינען אידן וואָס קריכן אויפן באַרג סיני, אָבער זיי האָבן נאָר אָנגעריירט א בּרעג פונם באַרג, און זיי מיינען אז זיי זייגען אזוי ווייכטיק ווי משה רבינו! ווייל זיי האָבן זיך אויך געדראַפּעט אויפן באַרג סיני! אָט די „קריכער״ זיינען א געפאַר, און דערפאַר זאָגט מען זיי: אָ היט זיך פון קריכן אויפן באַרג און אָנרירן נאָר דעם בּרעג באַרג... כל הנוגע בהר מות יומת! דער וואָס איז נישט העכער פון אלעמען באמת, נאָר ער איז א נוגע בהר, ער רירט נאָר אָן דעם באַרג, די הויכקייט, און נישט מער, ער איז א געפאַר פאַר זיך און פאַר אנדערע, מות יומת! ער איז נישט ווערט וואָס ער לעבּט אויף דער וועלט. עס איז דאָ לוחות למדנים, ער ווייס ווען דער מולד איז, ער ווייס ווען מען בענטשט ראש חודש, און דאָס איז גענוג פאַר אים צו מיינען אז ער איז אזא למדן ווי דער רב, און רודפן דעם רב אויב ער, דער רב, גיט נישט אָפּ כבוד אים, ווע לכער ווייס די ראשי תיבות פון לוח!...

הגבלה! באַגרעניץ דיינע תאוות, אז דו זאָלסט גאָרנישט וועלן וואָס באַלאַנגט נישט צו דיר, און אזוי איז דער דין, אז דער וואָס געלוסט און וויל אין זיין הארצן יענעמס הויז, יענעמס פרוי, און אלעס וואָס באלאנגט צו יענעם, און ער טראַכט און זוכט פּלענער ווי אזוי ער זאָל דאָס האָבן פאַר זיך, האָט ער עובר געווען אויף די לא תעשה פון לא תתאוה, זאָלסט נישט געלוסטן יענעמס, וועלכע געפינט זיך אין דער תורה בּאַ די עשרת הדברות, „כל המלאוה ביתו או אשתו וכליו של חברו וכל כיוצא בוה, כיון שחשב בלבו איך יקנה דבר זה ומפתה בלבו ברבר, עבר לא תעשה של לא תתאוה, ואין תאוה אלא בלב בלבר (שלחן ערוך חושן משפט סימן שנ״ט א׳. ספר המצות להרמב״ם לת׳ סימן רס״ה ולא תעשה סימן רס״ו, מכילתא פ׳ סמ״ג לת׳ סימן קנ״ח).

און בעפאָר מען גייט מקבל זיין די תורה מוז מען פריער האָבן די שלשת ימי הגבלה, מען מוז באַגרעניצן און איינצאַמען זיך, און אויסאַרבעטן אין זיך גוטע מדות, מען זאָל ווערן א גאַנ־

צער מענטש, מיט אַ גאַנצער נשמה, און נאָכדעם קען מען גיין אין דער הייליגער וועג פון דער תורה, און דאָס זאָגט דער תהלים: אשרי תמימי דרך ההולכים בתורת ה׳ כדי צו גיין אין דער וועג פון גאָטס תורה מוז מען זיין פולשטענדיק גאַנץ, מען דאַרף זיין פון די תמימי דרך!...

און דערפאַר האָבן אונזערע הכמים מתקן געווען צו זאָגן פרקי אבות אין די שבתים פון פסח ביז שבועות, ווייל אין די פרקי אבות ליגט באַהאַלטן אַן אויסערגעוויינלעכער גרויסער אוצר פון בריליאַנטן און דימאַנטן, דאָס איז דער גרעסטער און דער בעסטער אוצר פון גוטע מענטשלעכע מדות, אַן אוצר פון דעות ומדות פון אונזערע הייליגע אידישע חכמים ז״ל. וואויל איז צו דעם, וואָס נישט נאָר ער „זאָגט״ פרק, נאָר וועלהער זוכט צו פאַרשטיין די טיפע געדאַנקען, און די שענסטע און בעסטע פערל פון עטיק און מאָראַל וואָס ליגט באַהאַלטן אין יעדן וואָרט פון פרקי אבות, און ווען מען האָט פון פסח ביז שבועות גוט דורכגעשטודירט און גוט פאַרשטאַנען אָט די פרקי אבות, דאַן באַזיצט מען פולשטענדיקע גוטע מדות און מען איז אַ גאַנצער מענטש, אַ אדם שלם, און אַ מענטש וועלכער איז אַ בעל מדות טובות, און האָט אריינגעזויגן אין אלע ווינקעלעך פון זיין נשמה אַן אוצר פון מאָראַל און עטיק, אַזאַ מענטש, אין נאָר אַזאַ, קען פאַרשטיין און פילן די הייליקייט און די וויכטיקייט פון אונזער הייליגער תורה.

נאָך די פרקי אבות פון פסח ביז שבועות, נאָך אַן אוצר פון מאָראַל, פון מצות ומוסר, קומט דער יום טוב שבועות, דער יום טוב פון דער הייליגער תורה, וועלכע הייליגט דעם מענטשלעכן לעבן, און נאָך די לערע פון די פרקי אבות קומען די שלשה ימי הגבלה, פון מוסר, פון מאָראַל, קומט הגבלה. נאָר דאַן קען מען באַגרעניצן די מענטשלעכע ליידנשאַפטן און ווערן באמת הייליג.

„והגבלת את העם וקדשתו״!...

# שבועות.

דער ציילן ספירה. — חג הקציר. — יום הבכורים.
— חג השבועות. — עצרת. — קבלת התורה. —
די צערעמאָניע פון די בכורים. — תקון שבועות. —
רות. — דוד המלך'ס יאָרצייט. — שבועותדיקע
בלינצעס. — מילכיקס אום שבועות.

גאָט צו דאנקען, געלויבט איז השם יתברך, מיר האָבן דער־לעבט צו פייערן דעם שיינעם היליגן יום טוב שבועות. שבועות מיינט אין העברייאיש, וואָכן, ווייל די תורה הייסט אונז ציילן 7 וואָכן פון פסח ביז שבועות, און נאָכדעם פייערן דעם יום טוב שבועות. ציילן אידן יעדן טאָג; וואַרטן און האָבן אָט, אָט, וועלן מיר דערלעבן דעם היליגן יום טוב שבועות.

דער יום טוב שבועות רופט זיך אויך אין דער תורה מיט דעם נאָמען חג הקציר, ווייל דאַן האָט מען געשניטן די תבואות פון די אידישע פעלדער, עס איז געווען די שיינע גליקלעכע שניט־צייט. עס רופט זיך אָט דער יום אויך יום הבכורים, ווייל אין יענער צייט פלעגן אונזערע עלטערן אין ארץ ישראל ברענגען די ערשטע פארטיקע פרוכט פון די ביימער און פון די פעלדער אין בית המקדש אריין צום כהן, און, עס מוז ווי די האַרץ וועגן מיר לייענען אין דער משנה וועגן די אויסערגעוויינלעכע שיינע און היליגע צערעמאָניע וואָס פלעגט שבועות צייט פאָרקומען אין ארץ ישראל בכלל און אין בית המקדש אין ירושלים בפרט ווען מען האָט געבראַכט די בכורים. מען פלעגט שלאָפן אין גאַס אונטער די שיינע בלויע הימלען פון ארץ ישראל. גאַנץ פרי פלעגן זיי אויפגעוועקט ווערן דורך דעם פייערדיקן אויפרוף: „קומט, לאָמיר גיין אין ציון, אין דער הויז פון אונזער גאָט" — „קומו ונעלה ציונה אל בית ה' אלהינו" — דער אָקס וועלכער איז געווען געווירמעט פאַרן קרבן שלמים פלעגן גיין פאָרויס, זיינע הערנער זיינען גע־וועזן דעקאָרירט מיט גאָלד, א קרוין פון איילבערט בוימער איז געווען פאַרפלאָכטן ארום זיין קאָפּ, מוזיק שפילט. ירושלים פלעגט שיקן א דעלעגאַציע צו עמפאַנגען די עולי רגל, די אידישער

פערמערס פון ארץ ישראל, די בכורים ברייגגער. דער בארגבאן קלאפט. זיי אלע מארשירן מיט קלאפנדע הערצער פול מיט פרייד און נאציאנאלן גליק צום הר הבית, דער כאר פון די לוי'אים אויפן בית המקדש זינגט צו גאט היילינע הארץ-רייסנדע זיסע אידישע מעלאדיעס. זיי זינגען „ארוממך ה' כי דליתנו ולא שמחת איבי לי". דער כהן קומט איבערנעמען די בכורים, אלע פילן זיך גליקלעך. עס איז שבועות בא אידן אין ארץ ישראל!

אין גמרא האט דער יום טוב א גאנץ אנדער נאמען, נישט חג הקציר, נישט שבועות, נישט חג הבכורים, נאר עצרת, און ווי דער אבן עזרה דערקלערט מיינט דאס אפהאלטונג, מען ווערט אפגעהאלטן און ליידיק פון אלע וועלט-אינטערעסן, מען טוט דאן קיין ארבעט נישט. מען רוט! אין דער צייט ווען דער בית המקדש האט עקזיסטירט, פלעגט מען שבועות ברייגגען אין בית המקדש א נייע מתנה צו גאט, א מתנה חדשה; די שתי הלחם און אנ-דערע קרבנות (זע ויקרא כ"ג, י"ו, במדבר כ"ח, כ"ו). שבועות איז אויך דער יום מתן תורתנו, דער טאג ווען אידן האבן די תורה גענומען, די תורה, וועלכער איז דער גרעסטער ספר וואס די מענטשהייט פארמאגט. די תורה, וועלכע איז דער פונדאמענט פון ציוויליזאציע, מאראל, מענטשלעכקייט.

נעכטן באנאכט האבן מיר כמעט נישט געשלאפן, מיר האבן תקון שבועות געזאגט, וועלכער איז א קצור פון תנ"ך, גמרא און זוהר און אזהריות און פיוטים פון די תרי"ג מצוות, ווייל ווי אזוי קען א איד שלאפן ווען ער ערווארט דעם גרויסן היילינן טאג פון קבלת התורה. אונזערע עלטערן האבן דאן ווען זיי האבן געדארפט די תורה נעמען אפשר נישט געשלאפן פון גרויסע היילינע בא-גייסטערונג און ערווארטונג. מיר טוען אויך אזוי. מיר זיינען אויף, און מיר לערנען דעם אינהאלט פון אונזער תורה אין דעם תקון שבועות.

מיר לייענען שבועות מגילת רות. אט יענע וואונדערבארע שיינע נאטור-שילדערונג, ווייל דא ווערט אנטפלעקט אין דעם פולן גלאנץ די היילקייט און שטארקייט פון אונזער תורה, די מוטער פון אידנטום, וועלכע האט צוגעצויגן די נישט אידישע פרינצעסין רות זי זאל אוועקלאזן איר גאט און איר פאלק און זי זאל אנ-נעמען דעם אידישן גלויבן. אין נאך א טעם איז, ווייל דוד המלך,

וועלכער האָט געשטאַמט פון רות, איז געשטאָרבן שבועות (שערי תשובה לאורח חיים, סימן תצ״ד) און דער מנהג איז דאָס די חברה תהלים זאָגט דאַן תהלים פאַר זיין נשמה. אין ירושלים איז אַ מנהג צו גיין דעם צווייטן טאָג שבועות, צו דעם יאָרצייט פון דוד המלך, אויף זיין קבר און מען זאָגט תהלים בײַ זיין קבר (דבר יום ביומו, סימן כ״ן ע״ב).

עס איז אַ מנהג בײַ אידן דאָס די פרויען מאַכן שבועותדיקע בלינצעס און קרעפּלעך וועלכע האָבן דריי זייטן, צו דערמאָנען אונז וואָס די גמרא זאָגט, געלויבט איז גאָט וועלכער האָט אונז גע־געבן אַ געדריטלטע תורה (תורה, נביאים, כתובים) צו אידן וועלכע זיינען אַ געדריטלטער פאָלק (כהנים, לוים, ישראלים) דורך אַ געדריטלטן גואל, דאָס איז משה רבינו, וועלכער איז געקומען אויף דער וועלט דער דריטער, נאָך מרים און אהרן, אום שבועות, וועלכער איז דער דריטער טאָג נאָך די שלשה ימי הגבלה, אין דעם דריטן מאָנאַט, סיון (שבת פ״ח, רש״י שם, מנהגי ישורון, דף ס״ז).

עס איז אַ מנהג בײַ אידן אויפקצושטעלן בוימער אין שול און אין הויז, כדי צו דערמאָנען אונז וואָס די גמרא זאָגט, אז שבועות איז דער יום הדין פאַר די פירות פון די בוימער, און מיר זאָלן בעטן גאָט פאַר זיי (מגן אברהם סימן תצ״ד, חק יעקב סימן ז׳) און עס איז אַ מנהג צו פאַרשפּרייטן גראָז אין שול און מען באַפּוצט די הויז מיט גראָז. דאָס איז אַן אָנדיינקונג פון יענע גליקלעכע צייט, ווען אונזערע עלטערן האָבן די תורה גענומען, זיי האָבן זיך דאַן געפונען ארום באַרג סיני, וואו בוימער און גראָז, גרינע לאָנקעס מיט אַ ים פון גרינע גראָז האָט באַפּוצט און באַ־שיינט דעם גאַנצן געגנד ארום אום ארום, (לבוש, שם) און דער של״ה הקדוש ברענגט דעם מנהג דאָס שבועות טיילט דער שמש אין שול צו יעדן מאַן און פרוי שמעקעדיקע גראָזן, ווען דער חזן זינגט האל כת עצומות (של ה׳ מסכת שבועות דף ק״פ ע״ב).

עס איז אַ מנהג צו עסן מילכיקס אום שבועות, ווייל ווען אונזערע עלטערן האָבן גענומען די תורה און זיינען נאָך קבלת התורה געקומען אהיים עסן, האָבן זיי נישט געהאַט וואָס צו עסן נאָר מילכיקע מאכלים, ווייל אום צו עסן פלייש, דאַרף נעמען פיל

צייט צו קוילען די בהמה אָדער די עוף. נאָכדעם, נאָך שחיטה קומט נקור, ארויסנעמען די אָדערן וועלכע מען טאָר נישט עסן, נאָכער מליחה, זאַלצן דאָס פלייש, נאָכדעם קאָכן אין כשרע געשיר. האָבן זיי דערפאַר געמוזט מילכיקס עסן, און מיר טוען דאָס אייך אלס אָנדיינקונג צו יענע גליקלעכע און היילינע צייט (משנה ברורה, בשם גדול אחד) דער כל בו זאָגט מען, איז זיך נוהג צו עסן שבועות מילך און האָניק, ווייל די תורה וועלכע מיר האָבן גענומען שבועות איז געגליכן צו מילך און האָניק (שם ס״י ק״ו) און זע (מנחות ס״ה, פסיקתא פ״ל סי׳ קצ״ג, תניא סימן נ״ר, מנהגי מהר״י טירנא, מטה משה חלק ה׳ סימן תר״צ, דרשות אבן שועב עה״ת דף נ״ט, לבושי מכלול סימן ג׳, לקוטי צבי, סדר היום, זוהר אמור צ״ח, מנהגי מהר״יל הלכות שבועות, משנה ברורה סימן תצ״ד ס׳ י׳, לקוטי הלוי צד 18, רמ״א סימן תצ״ד, ספר מטעמים 59, 60, כל בו סימן נ״ב, רוקח סימן רצ״ו). א זיסן און גליקלעכן לעבן וועלן מיר און אונזערע קינדער האָבן ווען מיר וועלן לעבן נאָך דאָס גייסט פון דער תורה, וואו די הויכע אידעאַלן פון דער תורה וועלן בא אונז פאַרווירקלעכט ווערן אין דעם אלטעגלעכן לעבן, אז „והערב נא ה׳ אלהינו את דברי תורתך בפינו ובפיות כל עמך ישראל". די ווערטער פון דער תורה זאָלן זיס זיין בא אונז, דאן וועלן מיר פאַרשפרייטן די ליכט פון דער תורה, דעם מאור שבתורה, און דער אינהאַלט פון דער תורה וועט ווערן דעם אינהאַלט פון לעבן, דאן וועלן מיר זוכה זיין צו לערנען תורת ישראל בארץ ישראל. אמן! ואמן!

---

# שבועות.

די וויכטיקייט פון תורה אין דעם אידישן לעבן. — דער איד און דער מלאך. — דער יום הבכורים. — אַ דור דעה און אַ דור חסר דעה. — נעשה און נשמע. — די תורה פון מענטש צו מענטש, און די תורה פון מענטש צו גאָט. — די פילאָזאָפיע פון אידנטום. — מצוות אָן אַ טעם, און אַ טעם אָן מצוות. — דינים און מנהגים אין תלמוד תורה. — אַ אידישקייט אָן אידישקייט. — אחדות.

היינט, שבועות, דער יום טוב פון דער תורה, לערנט אונז, דאָס דורך דעם למוד התורה ווערט דער איד דערהויבן צו זייער אַ הויכע מאָראַלישע מדרגה, און אָן דער תורה איז מען ווילד, אומוויסנד און פאַרגרעבט, און דאָס ווען אידן זיינען געגאַנגען פון מצרים נאָך ארץ ישראל און נעמען די תורה, וועלכע זאָל זיי מאַכן פאַר אַ היילינגן קולטורעלן פאָלק, האָט גאָט געשפּאָלטן דעם ים פאַר זיי, אין דער קריעת ים סוף לערנט אונז, אז, מען וויל אלעס וויסן, פאַרשטיין, מוז מען תורה לערנען. די תורה דאָס איז דער ים, אַ ים פון וויסנשאַפט, מען דאַרף נאָר קענען „שפּאַלטן" דעם ים, אריינדרינגען אין זיינע טיפעניש, און די סודות התורה, און וויסנשאַפט איז געגליכן צום ים, דער פסוק זאָגט: ומלאה הארץ דעה כמים לים מכסים, די וועלט וועט אמאָל פול ווערן מיט וויסנשאַפט ווי די וואַסער דעקט צו דעם ים, און דער ים איז פול מיט וואַסער, און דער איד וועלכער שטודירט די געהיימניסן פון דער תורה, איז אַ ים שפּאַלטער, בּאַ אים איז קריעת הים, ער שפּאַלט דעם ים פון תורה און וויסנשאַפט. און דורך דער וויסנשאַפט פון דער תורה ווערט דער איד פיל העכער ווי אַ מלאך, און דערמיט ערקלערט דער עוללות אפרים אַ פסוק אין דער תורה, די תורה דערציילט אונז, ויסע מלאך האלהים ההולך לפני מחנה ישראל וילך מאחריהם, בעפאָר קבלת התורה איז דער מלאך געשטאַנען העכער פון דעם אידן. ער איז געגאַנגען אויפן פראָנט, לפני מחנה ישראל, דער מלאך איז געוועזן דער פירער,

דער וועג ווייזער, נאָכדעם אָבער, דורך דעם כח פון דער תורה איז געוואָרן פונקט פאַרקערט, דער איד איז געוואָרן העכער ווי דער מלאך, דער איד ווערט דער פירער, ער גייט אין פראָנט און דער מלאך בלייבט פון הינטן, ויסע מאחריהם!

די גמרא דערציילט אונז כשבקש הקב"ה לתן תורה לישראל אמרו מלאכי השרת לפני הקדוש ברוך הוא מה לילוד אשה בינינו? ווען גאָט האָט געוואָלט געבן די תורה צו אידן, האָבן די מלאכים געזאָגט צו גאָט, ווי קומט אַ מענטש וועלכער ווערט געבאָרן פון אַ פרוי, ווי קומט ער צווישן אונז מלאכים? ווער איז דער מענטש, דער ילוד אשה, און ווער זיינען די מלאכים? אַ מלאך שטייט העכער פון מענטש! אמר לו הקדוש ברוך הוא למשה החזר להם תשובה, זאָגט גאָט צו משה רבינו, גיב זיי אַן ענטפער, און משה טענה'ט צו די מלאכים. אין דער תורה שטייט, זאָלסט זעקס טעג ארבעטן און שבת זאָלסטו רוען, איר, מלאכים, ארבעט דען אַ גאַנצע וואָך? דאַרפט איר היטן שבת! איז פאַר אייך דער כבד את אביך ואת אמך, האָלט ערלעך דיין פאָטער און מוטער, האָט איר, מלאכים, פאָטערס און מוטערס? איז פאַר אייך א לא תגנוב, אַ לא תרצח? די תורה איז דאָך פאַר מענטשן געגעבן געוואָרן, נישט פאַר מלאכים. לא ניתנה התורה למלאכי השרת, און וויבאַלד אַז אידן האָבן גענומען די תורה שטייען זיי פיל העכער פון די מלאכים, אַ מענטש מיט דער תורה שטייט פיל העכער פון אַ מלאך אָן דער תורה!

און מערקווירדיק! היינטיקער היילינער יום טוב שבועות, וועלכער איז באַקאַנט צו אלע אידן פון דער גאַנצער וועלט מיט דעם נאָמען שבועות ווערט אָבער דערמאָנט אין דער תורה מיט דעם נאָמען יום הבכורים, און נישט חג השבועות, ווייל בכורים מיינט, די ערשטע פאַרטיקע פרוכט, און דער נאַטור פון מענטשן איז צו האָבן אַ גרויסן אפעטיט צו וועלן עסן די בכורים, די ערשט פאַרטיק געוואָרענע פרוכט, ווי דער נביא שטעלט דאָס פאָר, כבכורה בטרם קיץ אשר יראה הרואה אותה בעודה בכפו יבלענה, די ערשטע פאַרטיקע פרי ויען ער דערזעט זי איז ווען זי איז נאָך אין זיין האַנט, כאַפּט ער און שלינגט איר איין! אָט אזוי דאַרף זיין די תורה בא אידן. די תורה דאַרף געלערנט ווערן, געשטו-דירט ווערן, יעדער אות פון דער תורה פאָדערט שטרייגנע אויפ-

מערקזאַמקייט, און דאָן איז די אַלטע הייליגע תורה שטענדיק ניי, שטענדיק מאָדערנע, ווערט קיינמאָל נישט אַלט, ווייל זי איז בכורים'דיק, אַלע טאָג ווערט באַשאַפן אַ נייער חדוש, אַ נייער פשט'ל, די תורה וועלכע מען לערנט, מען שטודירט טיף און גרינטלעך, שאַפט יעדן טאָג נייער געראַנקען און דערפאַר רופט זיך אין דער תורה דער טאָג פון שבועות יום הבכורים... ווייל די תורה איז ליב בא אונז, הייליג און טייער, אַלט און ניי, מאָדערנע, ערשט געוואָרענע חדושים, פּונקט ווי די בכורים. עס איז דערפאַר זעלבסט פאַרשטענדלעך, אז אויב מען ערציט די קינדער פון דעם נייעם דור מיט אַ ביסל „עברי זאָגעכץ", און זיי ווייסן נישט דעם טעם פון דער תורה, זיי פילן נישט די גייסטיקע אוצרות וואָס ליגן באַהאַלטן אין יעדן פסוק פון דער תורה, און אָט די קינדער וועלן אויסוואַקסן אָן דער וויסנשאַפט פון דער תורה, אָן די ליבשאַפט צו דער תורה, וועט דאָס נישט זיין אַ דור דעה, נאָר עס וועט זיין אַ דור חסר דעה.

אַ אידישער מלך — זאָגט די גמרא — האָט געדאַרפט שרייבן צוויי ספרי תורה, איין תורה פאַר זיך אַליין, וועלכע זאָל ליגן באַהאַלטן אין די קיזערלעכע אוצרות, „אחת שמונחת בבית גנזיו" און איין תורה וועלכע זאָל זיין מיט אים ווען ער גייט צום פאָלק, אין קאָכעדיקן אַלטעגלעכן לעבן, „שיוצאת ושנכנסת עמו". יעדער איד דאַרף אין דעם הינזיכט אַ מלך זיין, כל ישראל בני מלכים הם", יעדער איד דאַרף צוויי תורות האָבן: אַ תורה פון נעשה, פוןווירקלעכע טאַטן, פון מעשים, פון מצות מעשיות, וואָס „יוצאת ושנכנסת עמו", ווען ער גייט אַרבעטן אין קאָנטאָר, אין זיין געשעפט, אויף יעדן שריט און טריט אין לעבן זאָל ער די תורה מיט זיך מיטנעמען, ער זאָל לעבן אין דעם גייסט פון דער תורה, ער זאָל אַרבעטן און האַנדלען לויט דעם שלחן ערוך, ואחת שמונחת בבית גנזיו. און די צווייטע תורה, אָדער, ריכטיקער געזאָגט, די צווייטע טייל פון דער תורה, איז אַ חובות הלבבות תורה, שמונחת בבית גנזיו, אַ תורה וועלכע רייניקט די האַרץ, לייטערט די נשמה, הויבט אויף דעם אידישן גייסט, מאַכט ציטערן דעם מענטשן און מאַכט אים הייליג, דאָס איז אַ „נשמע" תורה. אָבער נשמע אָן נעשה איז גאָרנישט ווערט, מען דאַרף לייגן תפלין, און דאָן נאָך דער נעשה קומט דער „נשמע", פאַרשטיין די מצוה פון תפילין, מען דאַרף אַריינשטעלן אַ מזוזה אויף די טירן, דאָס

איז נעשה, נאָכדעם דאַרף מען שטודירן די מצוה פון מזוזה לויט די תורה שבכתב און די תורה שבעל פה, קבלה, חסידות, דרוש, מוסר, אידישע פילאָזאָפיע (זע דעם „ספר המזוזה" להרב שמריהו ליב הורוויץ) און דאָס איז נשמע. דער נשמע מאַכט אז דער נעשה זאָל זיין מיט האַרץ און נשמה, נעשה אָן נשמע, איז אַ שטיק אייז, נשמע אָן נעשה, איז ווינט און רויך, ביידע זאַכן צו־זאַמען אָבער נעשה ונשמע האַלט אויף אַ פאָלק אָן אַ לאַנד. אָן אַ רעגירונג, באַלד צוויי טויזנט יאָר, נישט אומויסט איז די וועלט פאַרציטערט געוואָרן ווען אידן האָבן באַ קבלת התורה אַ געשריי געטאָן: נעשה ונשמע!

און יעדער איד, פונקט ווי דער מלך ישראל, באַדאַרף האָבן צוויי תורות וועלכע זיינען איין תורה. א) די תורה פון מענטש צו מענטש, בין אדם לחבירו, ווי צדקה, גמילת חסדים, כבוד אב ואם, הכנסת אורחים, הכנסת כלה, הבאת שלום בין אדם לחבירו און פיל אנדערע אווינע מצות, און ב) די תורה פון מענטש צו גאָט, בין אדם למקום, און מען דאַרף זיין פאָלקאָם אין ביידע טיילן פון דער תורה, אי די תורה פון מענטש צו גאָט, און די תורה פון מענטש צו מענטש, אי בין אדם למקום, אי בין אדם לחבירו, אום צו זיין אַ גאַנצע פאָלשטענדיקער איד, ווייל אַ גאַנצער איד מיינט מענטש און איד צוזאַמען גענומען! און דער מדרש תהלים זאָגט אין אדם נקרא צדיק אלא אם כן הוא טוב, אמר רבי טביומי: צדיק והוא טוב למה הוא דומה? לפעמון של זהב ומקישו של מרגליות. אַ מענטש קען זיך נושט רופן צדיק, דאָס מיינט אינ־גאַנצן פרום, געטלעך, סיידן ער איז אויסער פרום אויך גוט, דאַן איז ער גאָלד און פערל!

נעשה ונשמע! מען דאַרף טאָן מצוות און מען דאַרף וויסן דעם טעם פון דער מצוה, דעם שכל, די פילאָזאָפיע פון אידנטום, זאָגט דער מדרש „משל למטרונה שהכניסה למלך שני הדסים, אבדה אחד מהן והתחילה מצרה עליו, אמר לה המלך שמרי זה האחד והרי הוא כאילו שומרת את שניהם, כך ישראל כשעמדו על הר סיני ואמרו כל אשר דבר ה' נעשה ונשמע, אבדו את נעשה, כי עשו עגל מסכה, אמר להם הקדוש ברוך הוא, שמרו את נשמע והרי הוא כאילו שמרתם את שניהם".

ויען מען טוט אָן אַ טעם, אָן אַ שכל, קען מען אמאָל טאָן וואָס מען טאָר נישט טאָן, אידן האָבן געטאָן אָן פאַרשטיין וואָס

מען טוט, וואָס איז געווען דער סוף? האָבן זיי אַן עגל הזהב געמאַכט, אַן עבודה זרה געשאַפן, געבוקט זיך צו אייגענע האַנט־אַרבעט, וישתחוו למעשה ידיהם, ווייל אז מען וויל נישט וויסן פון גאָטהייט, נאָר טאָן אַלעס וואָס גאָט הייסט, נישט ווילנדיק וויסן פון גאָט אַליין, קען אַן עגל הזהב בײַ זיי אַ גאָט ווערן... פרום אָן שכל קען אַמאָל צו נאַרישע עבודה זרה פירן, דער שכל פון פרומקייט איז — די תורה! פרומקייט אָן תורה איז אָפּטמאָל אַן עבודה זרה פרומקייט... „רעליגיע" אָן תורה, עם הארצ'ישע פרומ־קייט איז עגל הזהב פרומקייט... אונזערע חכמים האָבן שוין לאַנג געזאָגט „ולא עם הארץ חסיד! אַן עם הארץ קען קיין חסיד נישט זיין! אידן האָבן אַן עגל געמאַכט, אַן עבודה זרה געשאַפן, זאָגט דער מדרש, האָט גאָט געזאָגט צו די אידן, איר האָט פאַרלאָרן דעם „נעשה" היט איצט דעם "נשמע", וועט איר האָבן בײדע זאַכן, אי נעשה אי נשמע" איז, דאַרטן וואו מען פאַרשטייט די נשמה פון אידנטום, דעם גײַסט פון אידישקייט, דאָס איז — די תורה הקדושה, דאַרטן מוז מען אויך מיט דער צייט קומען צו נעשה. דער מאור התורה, די ליכטיקייט פון דער תורה וועט באַלײכטן די וועג פון נעשה... און מען וועט אָנפאַנגען טאָן, מען וועט אָפּ־היטן די מצוות המעשיות, תלמוד גדול — זאָגט די גמרא — דער לערנען איז גרויס, פאַרפאָס? שמביא לידי מעשה, ווײל דער תלמוד ברײנגט צו מעשה, ווען מען לערנט פיל און גרינטלעך וועגן שבת, ראַן היט מען שבת, לערנט מען נישט וועגן שבת, היט מען נישט ריכטיק שבת.

און פאַראַנטוואָרטלעך פאַר גאָט, פאַר דער תורה, פאַר דער אידישער צוקונפט, פאַר די אידישע געשיכטע וועלן זיין די יעניקע עלטערן, גבאים און דירעקטאָרן פון תלמוד תורה'ס און ישיבות, די לערער און די בעלי־בתים וועלכע לערנען נישט מיט אונזערע יונגע קינדער די אידישע דינים ומנהגים, זיי טענה'ן וואָס טויג אונז לערנען מיט זיי, למשל, וועגן שבת, אז זײערע עלטערן זײנען אַליין מחלל שבת, און אויף דערויף ענטפערן מיר, ווײל אונזערע קינדער זען נישט קיין ריכטיקן שבת, ווײל זיי זען נישט ציצית ותפילין, טאַקע דערפאַר דאַרף מען זיי לערנען וועגן דעם און וועגן אַלע אידישע דינים ומנהגים אין דער תלמוד תורה און ישיבה. פאַרצייטן, אין דער אַלטער וועלט, ווען אײנער האָט נישט געלערנט קיין תורה איז ער דאָך אויסגעוואַקסן אַ פרומער איד

וועלכער האָט אָפּגעהיט די מצוות פון דער תורה, פאַרוואָס? ווייל ער האָט נישט געלערנט פון דער גמרא, פון שולחן ערוך, אז מען דאַרף היטן שבת, אָבער ער האָט דאָס געלערנט הלכה למעשה, פון זיין פאָטער און מוטער, פון זיינע שכנים, פון זיינע פריינט, פון דער גאַנצער סביבה, היינט אָבער ווען די גאַנצע סביבה ארום דעם אידישן קינד איז נישט קיין סביבה פון אָפּהיטן אידישע דינים ומנהגים, היינט אָבער ווען די אידישע הויז איז נישט קיין אידישע הויז, און ווען מיר וועלן אים נישט לערנען אין תלמוד תורה קיין דינים ומנהגים! קענט איר דאַן זיין זיכער אַז דאָס וועט אויסוואַקסן אַזא מאָדנער משוגה'דיקער איד, וועלכער וועט לאַנג נישט קענען לעבן און עקזיסטירן אין דער וועלט מיט אַזא מאָדנע משונה'דוקע אידישקייט, אַ אידישקייט אָן אידישקייט, אָן שבת, אָן יום טוב, אָן תפלין, אָן ציצית, אָן כשרות, ווען אָבער מען וועט לערנען מיט די קינדער וועגן שבת, נישט ריידן, נישט האַלטן קיין לעקציעס, נאָר לערנען וועגן שבת, וועגן די דינים ומנהגים פון שבת, די דינין פון תפלין, און אלע אנדערע דינים ומנהגים אריינקריכן טיף טיף אין דער קינדערשע נשמהלע, און עס וועט אזוי לאַנג ליגן באַהאַלטן אין דער טיפעניש פון דעם קינד'ס האַרץ און נשמה די אידישע דינים ומנהגים, ביז זיי וועלן זיך צעוואַקסן, אַנטוויקלען, און וועלן ווירקלעך שאַפן וואונדער, אז דאָס קינד וועט היטן דאָס וואָס זיינע עלטערן האָבן נישט געהיט, דער קינד וועט פרום מאַכן זיינע עלטערן, אזוינע ביישפילן האָבן מיר געזען פיל, זייער פיל, אז נישט די עלטערן לערנען די קינדער, נאָר די קינדער לערנען, און זייער פיל זיינען זיי משפיע אויף זייערע עלטערן. היט דעם נשמע — זאָגט גאָט — דער נשמע וועט אייך ברייני־גען צום נעשה.

און דער וואָס איז גוט באַקאַנט אין דער אידישער געשיכטע, ווייס, אז עס איז געווען ציטן ווען אידישע פריידיינקער האָבן נישט געהאַלטן פון נעשה, נאָר פון נשמע, מען דאַרף — האָבן זיי גע־זאָגט — לערנען און שטודירן די ווייסנשאַפט פון דער תורה, די טעמים פון אלע מצוות, ווייל דאָס איז אַ שטודיום, אַ שכל זאַך, אַ ווייסנשאַפט, אָבער נעשה, טאָן מצוות, דאָס איז פאַר נאַראָנים, קלוגע מענטשן טוען נישט! געווען ווידער אזעלכע וואָס האָבן גע־זאָגט מען דאַרף נישט קיין „נשמע" מען טאָר נישט ריינקען, מען טאָר נישט קלערן, מען טאָר קיין קשיות נישט פרעגן, מען דאַרף

נישט קיין מאַרך, מען דאַרף נאָר האָבן הענט, טו וואָס מען הייסט דיר און זיי נישט קיין חכם, טו — און אַלעס! דער אמת׳ער איד ווייס אָבער דעם אמת, אַז אום צו זיין אַ גאַנצער איד מוז זיין בּיידע זאַכן, אי נעשה, אי נשמע, דער עיקר איז — נעשה, צו נעשה מוז אָבער „נשמע" זיין, מען דאַרף וויסן, מען דאַרף וויסן, מען דאַרף פאַרשטיין, וואָס מיר טוען און פאַרוואָס מיר טוען. דער „נשמע" מאַכט שטאַרקער און פּיערדיקער דעם „נעשה", און דערמיט ערקלערט דער נפוצות יהודה אַ וואונדערבּאַרן מאמר אין דער גמרא.

די גמרא דערציילט אונז אין מסכת סוטה פ״א אויף דעם פסוק ולא ידע איש את קבורתו אז „וכבר שלחה מלכות אצל גסטרא של בית פעיר הראוני היכן משה קבור? עמדו סלמעלה נרמה להם מלמטה, עמדו למטה — נרמח להם למעלה, נחלקו לשתי כתות, אותן העומדין למעלה נרמה להם למטה, אותן העומרים למטה נרמה להם למעלה, לקיים מה שנאמר ולא ידע איש את קבירתו.

די רעגירונג וויל אויסגעפינען וואו איז דער קבר פון משה רבינו, שטייען זיי פון אויבן דוכט זיך זיי אז משה איז אונטן... שטהען זיי פון אונטן דוכט זיך זיי אז משה איז אין דער הויך. ער איז פון אויבן. ווערן זיי צעטיילט אויף צוויי פאַרשידענע כתות. איז די וועלכע שטייען פון אויבן ציינט זיך זיי אז משה איז פון אונטן, די אָבער וואָס שטייען פון אונטן דיינקען זיי אז משה איז פון אויבן, ולא ידע איש את קבורתו, און קיינער ווייס נישט וואו משה איז!

מענטשן ווייסן נישט, פאַרשטייען נישט וואָס איז בעסער, נשמע אָדער נעשה? ווען מען שטאַרבט אָפּ, ווען מען ליגט אין קבר, וואָס באַצאָלט זיך דאָן בּעסער, די פילאָזאָפיע פון אידישקייט אָדער אידישקייט אָן פילאָזאָפיע, מעשה אָדער עיון, מען וויל וויסן היכן משה קבור?! וואו ליגט אם בעסטן דער קבר, דער אָפּרו, דער גליק, פון משה דעם תורה־געבּער, צי למעלה, אין דער הויך, אין „נשמע", אין טיפע פילאָזאָפישע געדאַנקען, וועלכע טראָגן דיך אוועק הויך, הויך, אין די הויכע הימלען אריין, דאָס מיינט עיון, נשמע, אָדער למטה. אונטן אין דער פּראַקטישער וועלט פון טאָן, אן עולם המעשה, איז די יעניקע וועלכע שטייען הויך, זייער

הויך, זען דעם אמת או משה איז למטה, אונטן אויף דער פראַק־
טישער וועלט. אידן בויען שולן, תלמוד תורה׳ס, ישיבות, היטן
שבת, לייגן תפלין, אָן פילאָזאָפיע, זיי טוען, זיי שאַפן, און דאָרט
איז משה!.. די אָבער וועלכע שטייען פון אונטן ווייסן און פאַר־
שטייען גאַנץ גוט אז משה איז למעלה, הויך, זייער הויך, אין די
סודות פון דער תורה, אין די טיפע געדאַנקען פון דער תורה,
דאָרט איז משה... נחלקו לשתי כתות, האָבן זיך אידן צעשפּאָלטן
אויף צוויי באַזונדערע כתות, צוויי קלאַסן אידן, פון עומדים למעלה
אידן, ווי די אידן פון אלכסנדריה זיינען געווען, וועלכע האָבן גע־
זוכט דעם טעם פון דער מצוה, און נישט די מצוה אליין, און
עומדים למטה, אידן וועלכע ווילן אַ טרוקענע מצוה אָן תורה און
אָן שכל, און אָן אַ טעם. די אידישע געשיכטע אָבער לערנט אונז
אז די עומדים למעלה אידן, אידן וואָס ווילן טעמים אָן מצוות
האָבן לאַנג נישט געקענט שטיין אויבן... זיי זיינען אַרונטערגעפאַלן...
האָבן צעבראָכן די קעפּ און פאַרלאָרן דעם מארך... די עומדים
למטה אידן האָבן זיך לאַנג נישט געקאָנט האַלטן. פון שטיין די
גאַנצע צייט אונטן, נישט אַ פלי טאָן אַביסל העכער, איז די האַרץ
זייערע פאַרשטיינערט געוואָרן... מצוות אָן האַרץ און אָן נשמה...
און ביידע האָבן געמוזט מודה זיין אז דאָרטן וואו זיי זוכן איז
משה נישטאָ... ווייל משה איז אי למעלה אי למטה... ער איז אַ
איש אלהים, אי איש, אי אלהים, אי שכל און מעשה, נעשה און
נשמע, ווייל נאָר נעשה און נשמע מאַכן דעם אידן אַ גאַנצן
ריכטיקן איד!

און דאָס זאָגט שמעון הצדיק: על שלשה דברים העולם
עומד, אויף דריי זאַכן שטייט די אידישע וועלט: על התורה, דאָס
איז עיון, דאָס איז נשמע, ועל העבודה, דאָס איז נעשה, ועל
גמילת חסדים, דאָס איז — גוטע מדות, וועלכע מען דאַרף נויטיק
האָבן צו דער תורה, וועלכע איז אַ תורת חיים, אַ תורה פון
לעבן פאַר לעבעדיקע אידן. און דער לעבן פאָדערט גוטע מדות
און קדושה, די קדושת החיים, די הייליקייט פון לעבן!

ווען גאָט האָט אידן די תורה געגעבן האָט ער נישט גע־
זאָרגט אנכי ה׳ אלהיכם, מיט אַ לשון רבים, איך בין אייער גאָט,
זאָנדערן ער האָט געזאָגט אנכי ה׳ אלהיך, מיט אַ לשון יחיד,
איך בין דיין גאָט! ווייל אלע אידן זיינען דאַן געווען פאַראייניקט,

אלע אידן ווי איין איד. דער פסוק זאָגט: ויענו כל העם יחדיו ויאמרו כל אשר דבר ה' נעשה, און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געענטפערט צוזאַמען, אלע צוזאַמען, אלע צוזאַמען האָבן גע־וואָלט דעם נעשה, אלע צוזאַמען האָבן געוואָלט די תורה, און דערפאַר, אין דעם זכות פון אחדות האָבן זיי זוכה געווען צו קבלת התורה.

לאָמיר זיך פאַראייניקן אלע צוזאַמען, פונקט ווי אונזערע עלטערן האָבן זיך פאַראייניקט בּאַ קבלת התורה, און דאַן וועלן מיר זוכה זיין דאָס מיר און אונזערע קינדער וועלן זוכה זיין צו לערנען און היטן די תורה אין דער לאַנד פון אונזער תורה, אין ארץ ישראל, במהרה בימינו, אמן! ואמן!

# שבעה עשר בתמוז.

וואָס מיר לערנען פון שבעה עשר בתמוז. — די היסטאָריע פון שבעה עשר בתמוז. — די תאוה פון געלט און דער גלות.

דעם 17־טן טאָג אין תמוז פאַסטן מיר, ווייל אין אָט דעם טאָג האָבן די בּאַבּילאָנער דורכגעבּראָכן די וואַנט פון דער פעסטונג, אריינגעריסן זיך אין ירושלים און אָנגעפאַנגען אַ שרעקלעכע שחיטה (ירמיהו ל"ט, ב', כ"ב, ו'), מיט שרעקלעכע גרויזאַמקייט, מיט אויסערגעוויינלעכע רציחה האָבן זיי געטויט מענער, פרויען און קליינע קינדער, אַלע אוצרות און טייערע כלים פון בית המקדש האָט דער שונא צוגענומען, דעם אידישן קעניג צדקיהו מיט זיינע זין האָט מען געפאַנגען, און דער קעניג פון בבל האָט געהייסן טויטן די זין פון צדקיהו פאַר זייער פאָטער אין די אויגן, און צדקיהו'ן האָט מען אויסגעשטאָכן די אויגן, געשמידט אין קייטן און אוועקגעפירט קיין בבל.

דעם 17־טן טאָג אין תמוז האָט אין דעם אידישן לעבּן פּאַסירט אויסערגעוויינלעכע שרעקלעכע פּאַסירונגען: די לוחות זיינען צעבּראָכן געוואָרן, דער קרבן תמיד אין בית המקדש איז בטל געוואָרן, אפוסטמוס האָט פאַרבּרענט אונזער תורה, ער האָט אויך

אין היכל אריינגעשטעלט אַ צלם, און אין די צייטן פון צווייטן בית המקדש איז צעשפּאָלטן געוואָרן די הייליגע שטאָט ירושלים דורך טיטוס הרשע (תענית כ״ו, כ״ח, שו״ע, או״ח סימן תקמ״ט).

ווען דער גרויסער געטלעכער נביא ירמיה שטראָפט די אידן זאָגט ער זיי:
קיין פאָלק פאַרבּייט נישט זיין גאָט ווי איר אידן טוט, דאָס האָט געמאַכט, ווייל דו האָסט אויסגעלאָזן דיין גאָט, דו האָסט דעם עגל געדינט, אין דער זעלבער צייט ווען גאָט האָט דיך געפירט אין וועג.

אַלע אידישע זינד נעמען זיך — זאָגן ספרים — פון די זינד פון דעם עגל הזהב, דערפון נעמען זיך אויך די שרעקלעכע גרויסע זינד און ליידנשאַפט פון יאָגן זיך נאָך געלט, געלט מאַכן! געלט האָבן! געלט פאַרדינען! דאָס איז דער וואונטש און דער פאַרלאַנג פון יעדן און פון אַלעמען, און פיל געלט פאַרדינט מען באיסור און נישט בהיתר, כשר'ע געלט איז זייער ווייניק, טרפה געלט איז פיל, זייער פיל, און דער יעניגער וועלכער גיט אוועק זיין צייט, זיין מאַרך, זיין נשמה צו האָבן פיל, זייער פיל געלט, מוז ווערן טריף.

און ווען משה רבינו שטראָפט אידן אין דעם ספר דברים רעכנט ער זיי אויס אַ גאַנצן פּעקל פון זינד, וואָס זיי האָבן באַגאַנגען: „בין פארן ובין תופל ולבן וחצרות ודי זהב (דברים א'). באַמערקט אויף דעם ר' מנחם רבא אין זיין באַוואוסטן ספר „בית מועד״, אַז פארן מיינט תאות המשגל, ליידנשאַפט צו פרויען, תופל — מיינט צופיל עסן און טרינקען, לבן — מיינט פוצן זיך צופיל, חצרות — מיינט בויען פאַר זיך פּרעכטיגע פּאַלאַצן מיט גרויס לוקסוס, ודי זהב — מיינט די שרעקלעכע תאוה, די גרויסע ליידנשאַפט צו געלט. און אָט פון דער ליידנשאַפט, פון דער געלט־תאוה נעמען זיך אַלע צרות בּאַ אידן, דער שבת ויום טוב ווערט פאַרשוועכט, די תורה ווערט נישט געלערנט, דער כבוד פון אַ תלמיד חכם ווערט געפאַלן, די שולן פאַלן אָפּט מאָל אריין אין שלעכטע הענט, און מען מאַכט „געשעפטן״ מיט אַלעס וואָס בּאַ אונז דאַרף זיין ליב, הייליג און טייער. אַלע צרות נעמען

זיך פון דינען צו געלט, פון מאכן דאס געלט פאר א גאט, פון דינען דעם עגל הזהב. און דערפאר איז דער גרויסער חורבן פון אידן און אידישקייט.

און דערפאר איז דעם 17-טן טאג אין תמוז פארגעקומען שבירת הלוחות, ווען אידן ברעכן זייערע לוחות, ווען מען היט נישט דעם שבת, דעם לא תרצח, דעם לא תנאף, דעם כבד את אביך, דאן קומט דער שונא און ברעכט אינזערע היי-ליגע לוחות.

דער איד קען קיין איד נישט זיין, ווען ער איז נישט פאיג צו ברענגען קרבנות פאר אידישקייט. דער איד אליין איז א שטענ-דיקער קרבן פאר די לעצטע צוויי טויזנט יאר, ער איז — א עולת תמיד, זאת העולה על מוקדה על המזבח כל הלילה, די גאנצע צוויי טויזנט יאריקע גלות נאכט, איז דער איד א קרבן פאר גאט, פאר דער תורה, און פאר זיין הייליגער אמונה. ווען אבער ער ווערט נישט פייאיג צו ברענגען קרבנות פאר אידישקייט, דאן „בטל התמיד", ווערט בטל דער בית המקדש קרבן, דער קרבן תמיד, און דער איד בלייבט אליין, עלנט, איינזאם, א איד אן א הייליגטום...

ווען אידן היטן די תורה, דאן היט די תורה דעם אידן; ער זאל חס ושלום נישט אונטערגיין. ווען אבער אידן פארשטייען נישט דעם גליק וואס די תורה גיט זיי, דאן פארשטייט דאס זייער שונא און דער שונא קומט „וישרף את התורה" און ער פארברענט די תורה! ווייל ער ווייס און פארשטייט זייער גוט, אז ווען ער פארברענט די תורה האט ער דערמיט פארברענט דעם גאנצן אי-דישן פאלק, ווייל אן דער תורה קענען אידן נישט עקזיסטירן!

און ווען אידן ווייסן נישט, און ווילן נישט וויסן די נייטיקייט פון זיין פאראייניקט אלע צוזאמען פאר דער אידישער לאנד, און ווען דער שונא קומט זיי צו פארניכטן, איז אנשטאט צו פאראייניקן זיך נאך שטארקער ווי פריער אום מיט פאראייניקטע קרעפטן צו שטירצן דעם שונא, ווערן זיי אבער, ווי צו להכעיס, צוטיילט, צופיצלט, צוגרעקלט, צוווארפן אין פארשיידענע קלאסן, פארטייען, ריכטונגען, ווען דער אידישער פאלק ווערט צושפאלטן, דאן — הבקעה העיר, ווערט די הייליגע שטאט צושפאלטן, און דער שרעק-לעכער חורבן קומט!

ווען נישט קיין פאַסיגע פּערזאָנען ווערן די בעלי בתים, די טאָן-געבער, די פירער אין אונזערע שולן און בתי מדרשים, ווען נישט קיין גאַנץ ריינע הענט רירן אָן אונזער היכל, דאַן קומט דער שונא און שטעלט אריין אַ צלם אין היכל!..

לאָמיר רבותי, היינט, שבעה עשר בתמוז, פאַריכטן, וואָס מיר האָבן צובראָכן, די לוחות, די צובראָכענע לוחות, דאַרפן מיר גאַנץ מאַכן און הייליג מאַכן, די טיפע היליגע פילאָזאָפישע געדאַנקען און מאָראַל וואָס געפינען זיך אין די לוחות זאָלן מיר פאַרשפּרייטן צווישן אונזערע קינדער, דער נייער אידישער יונגער דור, דער קרבן תמיד איז היינט נישטאָ אין בית המקדש, לאָמיר אָבער פאַרטיפן זיך אין דיפע הייליגע געדאַנקען פון אונזער תורה וועלן מיר דאַן ווידער פעאיג זיין צו ברייגגען קרבנות פאַר אידישקייט, ווען נאָר דאָס וועט זיך פאָדערן פון אונז. און אַנשטאָט דעם קרבן תמיד אין בית המקדש, וועלן מיר אויסבעסערן אונזערע תפלות וועלכע פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון די קרבנות, דאָס אונזערע תפלות זאָלן זיין פאַרשטענדלעך און הייליג פאַר אונז.

מען האָט צושפּאָלטן ירושלים, איז אונזער פליכט היינט צו העלפן בויען און אויפלעבן, שטאַרק מאַכן און רייך מאַכן ארץ ישראל בכלל און ירושלים בפרט.

דער שינא האָט פאַרברענט די תורה — איז אונזער היי־ליגער פליכט היינט אופצולעבן, צו שטאַרקן, צו פאַרשפּרייטן די תורה, צו בויען וואָס מער און וואָס בעסער תלמוד תורה'ס און ישיבות.

דער שונא האָט אריינגעשטעלט אַ צלם אין היכל, איז אונ־זער פליכט נישט נאָר צו פאַרטרייבן דעם צלם פון אונזער היכל, נאָר אויך צו פאַרטרייבן אלעמען און אלעס וואָס זיינען נישט פּאַסיג פאַר אַ היכל הקדוש און דאַן וועלן מיר זוכה זיין צו אַ ביאת הגואל, אמן! ואמן!

---

# שבת חזון.

ווען אונזערע רבנים קלאָגן. — וואָס עס קומט פאַר שבת חזון. — אַ בריליאַנטענער געדאַנק אין זוהר. — אידישע טרערן און גוי'שע טרערן. — טרערן וועלכע פירן אין ארץ ישראל.

דער שבת וואָס פאַר תשעה באב רופט זיך שבת חזון, ווייל יענעם שבת לייענט מען אין דער הפטרה חזון ישעיהו. און עס איז אַ מנהג בא אידן אז מען רופט אויף שבת חזון צו מפטיר דעם רב פון שטאָט. פאַרוואָס עפעס דעם רב? ווייל — שהוא יודע לקונן (מג"א סימן רפ"ב, י"ד) ווייל דער רב וויים ווי צו קלאָגן. אן אָרטאָדאָקסישער רב בא אידן וויים זייער גוט ווי מען קלאָגט... ער איז געוויינט צו צרות און צו קלאָג, ווייל דער רב פילט דעם גלות מער פון אלעמען, נישט נאָר דעם גלות פון קערפער, נאָר אויך די „שכינתא בגלותא", דער גלות פון דער אידישער נשמה, פון דער אידישער תורה, פון דעם אידישן גייסט, וועלכער מאַטערט זיך אין גלות׳ ווי דער זוהר הקדוש דריקט זיך אוים „בכל אתר דישראל גלו תמן שכינתא גלתה עמהון" (זוהר שמות ב׳ ע"ב) און אזוי שבת טאָר מען נישט טרויערן, מען טאָר נישט זיין אומעטיק, מען טאָר נישט פראַווען קיין אבלות, נישט ווי אַלע שבתים איז שבת חזון, אין דעם שבת בייט מען נישט איבער אפילו די שבת׳דיקע קליידער, נאָר אַ נייעם שבת׳דיקן פרוכת הייננט מען אויף אויף דעם ארון קודש שבת אין שול, אָבער נישט מער ווי דאָס, א נייעם שיינעם בגד טאָר מען נישט אָנטאָן אפילו אויף שבת, ווייל עס איז אן אומעטיקער שבת, דער שבת חזון, אַ שבת אין וועלכן מען קלערט וועגן חורבן, און דער חורבן מוז אומעטיק מאַכן יעדן ריכטיקן אידן!

איצט איז פאַר תשעה באב, דער רעכטער טרויער, די צייט ווען אַ איד גיסט אַ טרער אויף דעם חורבן, און זאָלן מיר דעם טרער נישט גרינג שעצן, עס איז שוין די העכסטע צייט אז מיר זאָלן פאַרשטיין ווי אונזערע טרערן האָבן אונז געשטאַרקט אין גלות, האָבן אונז געהאָלפן אריבערצוטראָגן אונזערע צרות און יסורים,

און אונזערע טרערן וועלן אונז ברענגען צוריק אין ארץ ישראל, און אָט יענע טרערן וועלן זײַן די טרערן פון דער גאולה!

די אידישע גאולה — זאָגט דער זוהר — קען קומען נאָר דורך אידישע טרערן. די טרערן פון עשו הרשע האָבן געפירט אידן אין גלות, און ווען עשו'ס טרערן וועלן זיך ענדיקן, וועלן דאַן קומען די אידישע טרערן און וועלן זיי פירן צוריק אין ארץ ישראל, צו דער גאולה!

אידישע טרערן און גוי'שע טרערן! ווען וויינט דער גוי און ווען וויינט דער איד, להבדיל. עשו וויינט ווען יעקב נעמט צו די ברכות, און קען זיך נישט באַרואיקן, לויפט אים נאָך און יאָגט אים שוין באַלד צוויי טויזנט יאָר, מיט דער טענה: „דו האָסט מיך אָפּגענאַרט! אַ איד איז אַ שווינדלער!" — ס'טײַטש, עשו, דיר האָט מען דאָך געגעבן ברכות געגעבן, דו האָסט דאָך די גאַנצע וועלט, איך, יעקב, עס נאָר דײַנע שיריים, וואָס עס פאַלט אראָפּ פון דיר עשו, פון דײַן רײַכן טיש, כאַפּ איך צו, שטיקלעך, ברעקלעך, וידו אוחזות בעקב עשו, וואָס באַ עשו'ן איז דאָס אין פּיאַטע, אַ טפל, נישט קיין עיקר, דערפון האָט געמוזט לעבן דער איד אין די פינסטערע גלות־לענדער פאַר די לעצטע צוויי טויזנט יאָר! וידו אוחזות בעקב עשו!...

עשו האָט זיך צוקאָכט, יעקב האָט זײַן ברכה אויסגענאַרט, און ער האָט אַ טרער געלאָזן, ער האָט זיך פונאַנדערגעוויינט, און ווען עשו גיט אַ טרער מיינט דאָס טײַכן מענטשלעכע בלוט, פון יענער טרער וואָס עשו האָט געגעבן, קענען מיר זיך נישט אויס־צאָלן, זײַנע טרערן האָבן אונז אין גלות געפירט, אָבער נישט אײַביק וועלן געדויערן זײַנע טרערן, צו אַלעס נעמט אַן ענדע, און ווען דער איד וועט אָנהויבן פילן באמת וואָס דער חורבן מיינט פאַר אים, וואָס גלות מיינט פאַר אים און פאַר זײַנע קינדער, דאַן וועט די טרער פירן אין ארץ ישראל. עשו'ס טרער האָט געפירט אין גלות, און דעם אידנס טרער וועט פירן צו דער גאולה, ווען נאָר עס וועט קומען די ברענענדע, שטאַרקע, אמת'ע אידישע נאַ־ציאָנאַלע טרער!...

דער יחיד, דער אײַנצעלנער איד, פילט נישט אזוי שטאַרק די טראַגעדיע פון דעם חורבן, ווײַל דאָס באַלאַנגט דאָך נישט צו אים אליין, זאָנדערן דער צער, די אבלות, באַלאַנגט דאָך צום כלל

ישראל, און דאַן זאָגט דער איר אַ ווערטל: „וואָס עס וועט זיין מיט כל ישראל וועט זיין מיט ר׳ ישראל״, מען זאָגט דאָס נאָך שאַרפער אין העברייאיש „צרת רבים חצי נחמה״, די צרה פון אַ סך איז אַ האַלבע נחמה״, און דערפאַר דערציילט מען דאָס דער גרויסער אלכסנדר מוקדון האָט פאר זיין טויט געבעטן זיין מוטער אז נאָך זיין טויט זאָל זי מאַכן אַ גרויסאַרטיגע סעודה און איינלאַדן נאָר די יעניגע וועלכע זיינען בזמת גליקלעך, וועמען עס פעלט אין לעבן אבסאָלוט קיין זאַך נישט. ווי ערשטוינט איז אָבער געוואָרן די מוטער פון אלכסנדר מוקדון ווען קיין מענטש אין דער וועלט איז נישט געקומען צו דער סעודה, דאַן האָט זי פאַרשטאַנען וואָס איר זון האָט געמיינט מיט זיין בקשה, דאָס האָט ער געוואָלט טרייסטן זיין געטרייע מוטער, אז זי זאָל נישט זאָרגן וואָס איר זון איז געשטאָרבן, ווייל קיין אמת׳ע. גליקלעכע זיינען אויף דער וועלט נישטאָ. יעדערער האָט עפעס אַ צרה, און צרת רבים חצי נחמה.

ווען אָבער יעדער יחיד וועט פאַרשטיין אז דער חורבן איז זיין חורבן, ווייל לעבנדיק אין אַ פרעמדע נישט אידישע וועלט, קענען זיינע קינדער נישט זיין ריכטיק אידישע קינדער ווי ער וואָלט וועלן, און — זיין הויז, די אידישע הויז איז חרוב, זיין שבת איז חרוב, אלעס וואָס איז הייליג און טייער ווערט חרוב אין אַ פרעמדע נישט אידישע גלות סביבה, אין גלות פסיכאָלאָגיע, דאַן וועט יעדער יחיד נישט זאָגן צרת רבים חצי נהמה, נאָר יעדער יחיד וועט טרויערן אויף דעם חורבן, און דורך זיין טרויער וועט ער העלפן בויען ארץ ישראל, וואָס דאָס מיינט אַ טרער וואָס פירט צו דער גאולה, דאַן וועלן פון די אלע יחידים ווערן אַ פאָלק, וואָס טרויערט אויפן חורבן, און אָט דאָס פאָלק וועט אויפשטיין און בויען, און וועט דאַן זוכה זיין צו אַ גאולה שלמה, אמן! ואמן!

# תשעה באב

ארץ ישראל און גלות. — דער חורבן אמאָל און היינט. — דער גייסטיקער הונגער. — די טויטע מו־טערס און קינדער. — ווען אַ פאָלק איז בלינד. — תורה און די גאולה.

שוין צוויי טויזנט יאָר ווי מיר זיצן ווי אבלים אויף דער ערד און מיר גיסן מיט טרערן אויף דעם חורבן פון בית המקדש, פון ארץ ישראל, פון דעם אידישן פאָלק, מיר ווייסן, מיר פאַר־שטייען, מיר פילן אז אָן ארץ ישראל, אָן דעם בית המקדש, דער גייסטלעכער הייליגער אידישער צענטער, קענען מיר נישט לעבן אַ ריכטיקן, אַ גאַנצן אידישן לעבן, שווער, עס איז זייער שווער צו היטן אין גלות אונזער תורה, אונזער שבת, אונזערע ימים טובים, אונזערע דינים ומנהגים, שווער צו ערציען אונזערע קינדער אמת אידיש ווי מיר וואָלטן געוואָלט, ווייל דער גלות שאַפט אַ נישט אידישע, גלות סביבה, און אין אַזאַ שרעקלעכער אסימילאַטאָרישער סביבה איז שווער צו ערציען אידישע קינדער, איז שווער, זייער שווער צו זיין אַ ריכטיקער איד, און אַט אזוי פאַסירט דאָס מיר און אונזערע קינדער ווערן אלץ מער פרעמד, מיר ווערן דערווייטערט פון אלעס וואָס בּאַ אונז האָט געדאַרפט זיין הייליג און טייער, פאַר וואָס אונזערע עלטערן האָבן פאַרגאָסן זייער לעצטן טראָפּן בּלוט.

און דער חורבן פון אמאָל איז דער חורבן פון היינט, וואָס עס האָט אַמאָל פאַסירט, פאַסירט איצט, דער מדרש גיט אונז איבער אַ שרעקלעך טראַגישן בּילד פונם חורבן, אַ בּילד וואָס מאַכט פרידן די בּלוט אין די אָדערן, און וועלכער שטעלט די האָר קאַפּויער, וועלכער מאַכט אַ שטורעם אין דער אידישער האַרץ, וועלכער רעגט אויף די אידישע נשמה.

אַט דאָס איז וואָס דער מדרש דערציילט אונז „ותבא העיר במצור ויחזק הרעב בעיר, והיו בנות ציון מתחברות בשוקים והיו רואות אלו את אלו, זאת אומרת לחברתה: למה יצאת לשוק? שלא יצאת לשוק מימיך, והיא עונה ואומרת לה: מכסה אני ממך? קשה

היא מכת הרעב, איני יכולה לסבול! והן אוחזות זו בזו, וחוזרות ומבקשות בתוך העיר ואינן מוצאות: והן מגפפות את העומדים ומתות עליהם בראש כל פנה, ובניהן, יונקי חלבן, היו מהלכין על ידיהם ועל רגליהם, כל אחד ואחד מכיר את אמו, והוא עולה ונוטל את דדה ונותנו בפיו, שמא ימשך לו חלב, והוא אינו מושך, ונפשו מטרפת, והוא מת אל חיק אמו (פסיקתא רבה כ״ו).

אין ירושלים ברעכט אוים אַ שרעקלעכער הונגער, מענטשן פאַלן ווי פליגן. די טעכטער פון ציון גייען אַרום אין די גאַסן פון ארץ ישראל זוכן אַ ברעקל ברויט צו שטילן דעם שרעקלעכן הונגער, נישטאָ, מען קען קיין זאַך נישט געפינען, זיי פאַלן אַוועק טויטע פון הונגער אין יעדער ווינקל פון גאַס, און זייערע קליינע יונגע זויג קינדער, פויזן, קריכן אויף אַלע פיר, זיי קריכן צו דער טויטער מוטער, נעמען די מוטערס ברוסט אין מויל אריין, זיי זוכן די מוטערס מילך, צו שטילן זייער הונגער, און דאָס קליין קינד גייט אוים פון הונגער אין דער מוטערס שויס.

און די זעלבע געשיכטע פאַסירט אויך היינט, מיר זען ווי צענדליקער טויזנטער אידישע קינדער גייען נעבעך אוים פון הונ־ גער, נישט קיין ברויט־הונגער, נאָר נשמה־הונגער, תורה־הונגער. זיי זיינען מאַראַליש, אידיש — טויט! עס איז נישט די קינדערס שולד, וואָס זיינען זיי נעבעך שולדיק, אז זייערע מוטערס האָבן נישט מיט וואָס צו זויגן זיי, צו ערציען זיי אלס אידן? ווייל די מוטערס אליין ווייסן אבסאָלוט גאָרנישט פון אידן און אידישקייט. זיי ווייסן נישט, די מוטערס פון דעם נייעם אידישן דור, די גע־ שיכטע פון דעם אידישן פאָלק, זיי ווייסן נישט די אידישע נאַצי־ אָנאַלע שפּראַך העברייאיש, ווייסן נישט קיין אידישע דינים ומנהגים, ווייסן נישט די אידישע, די העברייאישע ליטעראַטור, ווייסן נישט און ווילן נישט ווייסן וואָס עס קומט פאָר מיט אידן און אידנטום אויף דער גאַנצער וועלט, און בּאַ אַט אַזוינע מוטערס קענען דאָך נישט ערצויגן ווערן ריכטיקע אידישע קינדער.

און ווען מיר פרעגן זיך אליין, ווי איז דאָס מעגלעך אז אַ גאַנצער פאָלק זאָל קענען לעבן רואיק, גלייכגילטיק, אין דער צייט ווען דאָס קען חס ושלום בלייבן אינגאַנצן קינדערלאָז? אָן מוטערס און אָן קינדער?!... קומט אן אגדה אין מדרש און דער ציילט אונז אַ קליינע פּאַסירונג, און ווען מיר לייענען דאָס דורך, און מיר

פארטראכטן זיך אין דעם באהאלטענעם זין, אין דעם געדאנק פון דער אגדה, ווערט אונז אלעס קלאר און פארשטענדלעך.

דער אידישער קעניג צדקיהו אנטלויפט פון שונא דורך א הייל וואס האט זיך געצויגן גלייך פון זיין הויז ביז ערבות יריחו, האט נאט צוגעשיקט א הירש, וועלכער איז געלאפן איבער דעם דאך פון הייל. די כשדים האבן זיך גענומען יאגן נאכן הירש, און ווען זיי זיינען צוגעלאפן צו דער טיר פון הייל, האבן גענומען ארויס־קריכן פון הייל צדקיהו און זיינע קינדער, די כשדים האבן זיי באלד דערזען, און האבן זיי גלייך ארעסטירט. און נבוזראדן האט זיי אוועקגעשיקט צום קעניג נבוכדנאצר, ער זאל טאן מיט זיי אלעס וואס ער וויל.

בעט זיך צדקיהו באם קעניג נבוכדנאצר, האב רחמנות, טו מיר א טובה, הרג'ע מיך אפריער, אום איך זאל נישט דארפן זען מיט מיינע אויגן די פארגאסענע בלוט פון מיינע קינדער, בעטן זיך אבער די קינדער פון צדקיהו, הרג'ע אונז אפריער, ווייל מיר ווילן נישט, מיר קענען נישט, מיר טארן נישט זען די פארגאסענע בלוט פון אונזער פאטער, און נבוכדנאצר האט געפאלגט די קינ־דער, ער האט זיי געקוילעט פאר זייער פאטער אין די אויגן, נאכדעם האט ער בא צדקיהו ארויסגענומען די אויגן, און האט זיי אריינגעווארפן אין אויוון, און האט אים בלינדערהייט אוועקגע־פירט אין בבל. (מדרש מובא ברש"י).

צדקיהו דאס איז דער סימבאל פון אידישן פאלק, צדקיהו — דאס איז דער 15 מיליאניקער צדקיהו, זיינע קינדער ווערן גע־קוילעט שוין צוויי טויזנט יאר, עס גיסט זיך זייער בלוט ווי ווא־סער, און אזוי אנהאלטן קען מען נישט, טאר מען נישט, איין גאט ווייס וואס דער סוף וועט זיין, און אין די פרייע לענדער וואו מען קוילעט נישט זיינע קינדער, נעמט מען צו בא זיי די אידישע נשמה, דעם אידישן גייסט, די אידישע תורה, און וואס טוט צדקיהו? צדקיהו שווייגט! אז עס איז גאר שלעכט, ווען עס האלט באם טויט, בא א פאגראם, קריכט ער זיך באהאלטן אין קעלער, אין הייל, ער מיט די קינדער, און דער וואס ווייס פון די גע־שיכטע פון פאגראמען, יענער ווייס דאך, ווי אזוי מען פלעגט אויסגעפינען די "באהאלטענע" אידן, און וואס פאר א שרעקלעכן סוף זיי האבן געהאט, ווי קען מען אבער דולדן אזא שרעקלעכע

נישט נאָרמאַלע לאַגע, פאַרוואָס שווייגט דער איד? פאַרוואָס שווייגט צדקיהו? איז דער תירוץ, חטא את עיניו... ער האָט קיין אויגן נישט... ער איז בלינד... ער זעט נישט וואָס מיט אים קומט פאָר... ער זעט נישט און פאַרשטייט נישט זיין צוקונפט... וואָלט ער נישט בלינד געווען, וואָלט ער געלעבט אין דער גרויסער וועלט מיט אָפענע אויגן, דאַן וואָלט ער געוואוסט ווי קלוג און ריכטיק עס זיינען די ווערטער פון ירמיה הנביא „אמר ירמיה לישראל ער שאתם אומרים שירים ומזמורים לפני העבודה זרה, צהלי קולך בדברי תורה, צהלי קולך בבתי כנסיות (פתיחתא דמ״ר איכה א׳, פסיקתא ד׳ כ׳ פי״ג; ילקוט ישעיה רמז רפ״ד).

אנשטאָט וואָס די אידן אין גלות גיבן אוועק זיך און זייערע קינדער די עבודה זרה, פרעמדע דינסט, מען דינט פרעמדע פעל־קער, פרעמדע לענדער, פרעמדע שפּראַכן, פרעמדע קולטורן, בע־סער אוועקגעבן אונזער צייט, מאַרך, פעאיקייטן, געלט און אלעס וואָס מיר פאַרמאָגן אויסצובילדן אונזער ליטעראַטור, אונזער קולטור, ווי שטאַרק, ווי גליקלעך, ווי זעלבסטשטענדיק מיר וואָלטן דאַן געווען!

רבותי! היינט, תשעה באב, ווען מיר זיצן און קלאָגן אויף דעם חורבן פון אונזער לאַנד, מוזן מיר אַ חשבון הנפש האָבן, און וויסן די אורזאַך פאַרוואָס די לאַנד איז חרוב געוואָרן, און דאָס איז זייער אַ וויכטיקע פראַגע. און דעם ריכטיקן ענטפער אויף דער גרויסער פראַגע „על מה אבדה הארץ?! פאַרוואָס איז ארץ ישראל פאַרלאָרן געוואָרן פון אונז? האָבן נישט געקענט געבן נישט די חכמים, נישט די נביאים, נישט די מלאכים, נאָר דער רבונו של עולם אליין. גאָט זאָגט: ווייסטו פאַרוואָס ארץ ישראל איז הרוב געוואָרן פאַר אידן? „על עזבם את תורתי אשר נתתי לפניהם״ (נדרים פ״ח), ווייל אידן האָבן אוועקגעלאָזן גאָט׳ס תורה. און איצט, רבותי, ווען מיר ווייסן שוין די ריכטיקע, די אמת׳ע אורזאַכע פון דעם חורבן, ווייל אידן האָבן די תורה אוועקגעלאָזן, איצט מוזן מיר שטאַרקן די תורה, לערנען און גרינטלעך שטודירן די תורה. מיר און אונזערע יונגע קינדער אין גלות, און מיר דאַרפן שטיצן די אנשטאַלטן וואו עס ווערט געלערנט גאָטס תורה, און דאַן בזכות התורה וועלן מיר זוכה זיין צו אַ גאולה שלמה במהרה בימינו, אמן! ואמן!

# שבת נחמו.

דער מוסר השכל פון שבת נחמו. — די נביאים און די אידן. — די פאעזיע פון מדרש. — די אידישע אמונה און אונזער יוגנט. — די ביבל קריטיקער און די גאטלאזע אידן. — רעליגיע און וויסנשאפט.

היינטיקער שבת רופט זיך שבת נחמו, ווייל מיר לייענען אין דער הפטרה היינטיקן שבת די ווערטער פון ישעיה נחמו נחמו עמי, טרייסט, טרייסט מיין פאלק זאגט אייער גאט.

מען דארף וויסן ווי צו פירן א פאלק, ווי צו לערנען א פאלק און ווי צו זיין דער וועגווייזער פון פאלק, און אויך ווי צו זיין דער פאלקס-רעדנער, נישט אלע קענען דאס, נאר די גע-ציילטע, די יחידי סגולה. עס איז אויך זייער שווער צו זיין א נביא בא אידן. גאט שיקט זיי דעם באוואוסטן נביא עמוס, און דאס פאלק רעספעקטירט אים נישט, ווייל — ער איז נישט קיין גוטער רעדנער, האט ער צו זיי געשיקט דעם נביא מיכה, האבן זיי אים געגעבן פעטש. פרעגט גאט את מי אשלח, ומי ילך לנו? וועמען זאל איך איצט שיקן ריידן צו די אידן און וועקן זיי צו תשובה? ווער וועט איצט גיין, ווער? ענטפערט ישעיה הנביא הנני, שלחני! גאט, איך בין פארטיק, שיק מיך! זאגט אים גאט: ישעיה, מיינע קינדער, די אידן, פאלגן נישט, זיי גיבן צרות זייער פירער, ווילסטו א נביא זיין בא אידן, דאן מוזטו נעמען אויף זיך צו ליידן צרות, צו קרוגן קלעפ, און צו האבן בזיונות, ווילסטו דאס? קענסטו דאס נעמען אויף זיך?! און ישעיה ענטפערט מיט פייערדיקע באגייסטע-רונג: איך נעם דאס אן! דאן זאגט גאט: ישעיה! דו וועסט ווערן דער אונשטערבלעכער נביא, ווייל דו האסט ליב דיין פאלק, זוכסט זייערע מעלות און נישט זייערע חסרונות, און דערפאר וועסטו שטיין העכער פון אלע נביאים און דיר וועט באשערט זיין צו פראקלאמירן די אידישע נחמה, דו וועסט זאגן צום פאלק, אין מיין נאמען, טרייסט, טרייסט, מיין פאלק, זאגט גאט: נחמו, נחמו עמי, אמר אלהיכם!

אט דאס איז דער לשון פון מדרש „ואשמע את קול ה אומר וכו׳ שלחתי את עמוס היו קורין אותו פסילום (קטיע לישני),

אמרו הניח הקב״ה את עולמו ולא השרה שכינתו אלא על הרין פסילוסאי על הדין קטיע לישנא?! שלחתי את מיכה והיו מכין אותו על הלחי ומד״א (מיכה ד׳) בשבט יכו על הלחי... מעתה את מי אשלח, ומי ילך לנו?! ואומר: הנני, שלחני! אמר לו הקב״ה: ישעיהו! בני טרחנים הם, סרבנים הם, מקבל אתה עליך ללקות בשבילם? אמר לו: על מנת כן! (ישעיה ג׳) גוי נתתי למכים, איני כדאי שאלך בשליחותך אצל בניך!... א״ל הקב״ה, ישעיה! אהבת צרק, לצדק את בני, ותשנא רשע, שנאת מלחייבם, על כן משחך אלהים אלהיך שמן ששון מהבירין, מהו מחבריך? „א״ל הקב״ה, כל הנביאים מתנבאים נביא מפי נביא וכו׳״ אבל אתה מתנבא מפי הגבורה, ולא עוד אלא שכל הנביאים מתנבאים נבואות פשוטות, אבל אתה מתנבא נבואות כפולות נחמו, נחמו עמי (ילקוט ישעיה, תמ״ג).

ווען ישעיה רופט אידן גוי חוטא עם כבד עון, קומט א מלאך און ברענט זיינע ליפן. ווען ישעיה זאָגט צו גאָט אז ער איז נישט ווערט צו גיין ריידן צו אידן, ער איז צו קליין צו האָבן אזא גרויסע זכיה ריידן פאַר אידן, קריגט ער דערפאַר חן אין גאָטס אויגן, און ווערט דער גרעסטער נביא בא אידן, און דערפאַר, אין דעם איינציקן שבת בא אידן וואו מען לייענט בא אידן אין די שולן א פּראָקלאַמאַציע פון נחמה, ציטירט מען די ווערטער פון דעם נביא ישעיה און דער גאַנצער שבת רופט זיך אויף די ערשטע ווערטער פון זיין מייסטער בּריליאַנטער רעדע פון נחמו, נחמו עמי!...

דער ילקוט זאָגט אז גאָט בעט אידן זיי זאָלן אים, כביכול, טרייסטן, נחמו, נחמו, טרייסט מיך, טרייסט מיך. ווער זאָל מיך טרייסטן? עמי! מיין פאָלק ישראל זאָל מיך טרייסטן. פאַרוואָס? ווייל משל למה״ד למי שנשבו בניו בחייו, למי מנחמים, לא לאביהם? כך (ירמיה י׳) בני יצאוני ואינם (ילקוט, שם), ווען בא איינעם — זאגט דער ילקוט — האָט מען אויעקגענומען זיינע קינדער, וועמען טרייסט מען דאַן? דעם אומגליקלעכן פאָטער, וועלכער איז געבליבן אָן קינדער. אזוי איז בא מיר. מיינע קינדער זיינען אוועק פון מיר, זיינען געבליבן גאָטלאָז, אידן אָן אמונה, אָן גאָט, זיינען עלנטע, אומגליקלעכע, זוכן עפּעס, בּיינקען נאָך עפּעס און ווייסן נישט וואָס... די האַרץ איז פוסט... די נשמה איז ליידיק,

און דער לעבן האָט דאָן קיין אינהאַלט נישט, איז גראָב, ברוטאַליש, האָט קיין ווערט נישט, אָדער מען איז אינגאַנצן אומ־וויסנד, אָדער מען לייענט ביכער און זשורנאַלן וועלכע זיינען פול מיט כפירה, וואָס לייענענדיק זיי ווערט מען אינגאַנצן גאָטלאָז, און אין דער צייט וואָס אין אונזער תורה ליגן באַהאַלטן אמת׳ע בריליאַנטן, גייט מען זוכן אין אנדערע ביכער בריליאַנטן וועלכע בריען, פאַרסאַמען און פאַרברענען די אידישע נשמה. אויף זיי פּאַסט זיך זייער גוט דער משל פון מדרש: אַ תלמיד איז גע־גאַנגען מיט זיין רבי׳ן, האָט ער דערזען עס ליגט אַ ברענענדער קויל, האָט ער געמיינט אז דאָס איז אַ דימאַנט וואָס לייכט, האָט ער דאָס גענומען אין האַנט און האָט די האַנט פאַרברענט. אין אַ צייט אַרום איז ער ווידער געגאַנגען מיט זיין רבי, האָט ער דערזען עס ליגט אַ דימאַנט, האָט ער געמיינט אז דאָס איז אַ קויל, האָט ער מורא געהאַט טשעפּענען איר. זאָגט צו אים זיין רבי: נעם! הויב אויף, דאָס איז אַ ריכטיקער דימאַנט (דברים רבה פ״א סימן ח׳).

אונזער יוגנט ווייס נעבעך נישט וואו עס ליגן די דימאַנטן און וואו עס ליגן די קוילן. זיי לערנען נישט אונזער תנ״ך, אונזער ש״ס ופוסקים, אונזערע ספרי מוסר. זיי מיינען אז דאָס זיינען שוואַרצע קוילן, דאָס איז פאַנאַטיזם, קלעריקאַליזם, עס ברענט און פאַרברענט, און דערפאַר גייען זיי זוכן דימאַנטן אין די ניט אידישע ביכער, אין זייערע ליטעראַטורן, אָדער אין די נייע מאָדערנע אי־דישע שרייבער און מחברים, וועלכע טאַנצן נאָך דעם ניט איד, אָט די פאַרקאָכטע ביבל־קריטיקער וכדומה, דאַרטן קלייבן זיי דימאַנטן, פּערל פון דער וועלט־ליטעראַטור, און אָט יענע פּערל זיינען ווירקלעך שוואַרצע קוילן, וואָס בריען און פאַרברענען די נשמה, אין דער צייט ווען די אמת׳ע פּערל געפינען זיך אין אונזער תנ״ך, אין ש״ס ופוסקים, ספרי דרוש און מוסר!... (זע וואָס דער באַ־וואוסטער געלערטער רבי יעקב, דער שוויגער־פאָטער פון ר״ש אבן תבון שרייבט אין זיין באַריטמטן ספר „מלמד התלמידים״, ד׳).

עס איז זייער וויכטיק צו שטודירן און לערנען נוצלעכע און פּראַקטישע וויסנשאַפט, וועלכע קענען צוניץ קומען אין דעם אַל־טעגלעכן מענטשלעכן לעבן. עס איז אָבער נישט ערלויבט, עס איז שעדלעך, פון גאָטלאָזע פריידיינקער, וועלכע סאַר׳סמ׳ען די האַרץ

און די אידישע נשמה. באמערקט אויף דעם דער באוואוסטער אידישער דיינקער און פילאזאף, דער ראב"ד ז"ל. ער זאגט אזוי: מיר האבן צוויי ליכט, די נר הדת און דעם נר הדעת והחכמה, די ליכט פון דער תורה, די ליכט פון רעליגיע, און די ליכט פון וויסנשאפט, און מיר האבן זייער וויניק צווישן אונז שטארקע און גאנצע אידן, וועלכע זאלן האבן געניג כח אנצוצינדן און האלטן ביידע ליכט צוזאמען, אין דער רעכטער האנט די ליכט פון רעליגיע, דעם נר הדת, און אין דער לינקער האנט, דעם נר הדעת, די ליכט פון וויסנשאפט. מענטשן זיינען שוואך, און ווען זיי צינדן אן די ליכט פון אמונה פארלעשט זיך בא זיי די ליכט פון וויסנשאפט, און צינדן זיי אן די ליכט פון וויסנשאפט, פאר־לעשט זיך בא זיי די ליכט פון אמונה (אין זיין הקדמה צו זיין באיוואוסטן פילאזאפישן ספר „האמונה הרמ"ה).

ווען איר וועט זיך איינקוקן אין דעם אויבן דערמאנטן ווערק, וועט איר זיך דאן איבערצייגן אן אונזערע גרויסע אידישע לערער ווילן נישט מיר זאלן קיינע חכמות, קיין וויסנשאפט לערנען. אין קעגנטייל, מען דארף אלץ לערנען, שטודירן, און אלץ וויסן, מען דארף אבער זייער און זייער פארזיכטיק זיין ווען עס קומט צו אמונה, מען דארף וויסן דאן וואו צו זוכן בריליאנטן און דימאנטן, און ווען עס ליגן די שווארצע קוילן, וואס פארברענען די מענטש־לעכע נשמה. און רעליגיע, די אמונה, איז אן צווייפל דער אינ־האלט פון דעם מענטשלעכן לעבן, וואוהין דער מענטש אנטלויפט און געפינט טרייסט ווען דער לעבן ווערט ביטער און ווייער, זייער שלעכט. אמונה איז דער גליק און דער אינהאלט פון מענטשלעכן לעבן! און דערפאר, ווען אידן דערווייטערן זיך פון זייער הייליגער אמונה, ווען זיי ווערן גאטלאז, איז דער אומגליק אזוי גרויס, איז די טראגעדיע אזוי טיף, אז די מליצה שטעלט פאר ווי גאט בעט זיך אז מען זאל אים טרייסטן, און מען דארף אויך טרייסטן די אומגליקלעכע אידן וועלכע זיינען געבליבן איינזאם, עלנט, אליין, אן גאט, נחמו, נחמו עמי!...

רבותי! עס געפינט זיך א גרויסער מאמר אין ילקוט ישעיה רמז תמ"ג. דער מאמר איז ווירקלעך א גרויסער מייסטערווערק, איינע פון די שענסטע פערל אין דער ליטעראטור פון מדרש און ילקוטים. ווען איך זאל ברייננגען דעם גאנצן לשון פון מדרש, א

בלומען־שפּראַך, רייך און זאַפטיק, פול מיט געטלעכע פּאָעזיע און שיינקייט, און נאָכדעם איבערזעצן די רייכע פּאָעטישע שפּראַך פון מדרש אין אונזער אָרימען מאַמע־לשון, אין אידיש, און ערקלערן די טיפע פילאָזאָפישע געדאַנקען וואָס ליגן באַהאַלטן אין אָט דעם מאמר, וואָלט דאָס גענומען צופיל צייט, זייער פיל צייט. און עס איז שוין שפּעט, און דער עולם וויל נישט הערן קיין לאַנגע דרשות, אלזאָ וועל איז צווינגען זיך אליין צו איבערגעבן דעם אינהאַלט פון מדרש אזוי קורץ ווי מעגלעך.

גאָט זאָגט צו די נביאים: גייט און בעט איבער די כנסת ישראל פאַר די פילע צרות וואָס זי האָט נעבעך געליטן און לייט אָן אַ שיעור. נו, קומען אלע נביאים טרייסטן די אידן, קומען די נביאים הושע, עמוס, מיכה, נחום, חבקוק, צפניה, חגי, זבריה, מלאכי, און זאָגן פּסוקים פון נחמה, ארויסגענומען פון זייערע רייד צום פאָלק אין תנ״ך, און אידן ווערן נישט געטרייסט, זיי צייגן יעדער נביא, אז דאָרטן וואו ער האָט אַ גוטן וואָרט פאַר זיי, אַ טרייסט־וואָרט, געפינען זיך אָבער פיל מער ווערטער פון שטראָף, פון מוסר, מוסר און מוסר, אי צרות האָבן זיי שטענדיק, אי מען האַלט זיי אין שטראָפן, אין איין מוסרן זיי... קומען אברהם, יצחק, יעקב און משה רבינו טרייסטן אידן, און דער אומגליק איז אזוי גרויס, די צרות פון פאָלק אזוי פיל, דער גלות אזוי שרעקלעך, אזוי גרויזאַם, אז — אידן ווערן נישט געטרייסט. קומען זיי אלע צוריק צו גאָט און זאָגן: רבונו של עולם! זי וויל זיך נישט לאָזן טרייסטן, אינה מקבלת ממנו תנחומין, שנאמר עניה סוערה לא נחמה, די אָרימע שטורעמדיקע אידישע פאָלק וויל זיך נישט לאָזן טרייסטן. זאָגט גאָט: קומט! קומט מיט מיר צוזאַמען, איך וועל איר טרייסטן. דאָ קומט פאָר אין מדרש אַ וכוח צווישן די כנסת ישראל און דעם רבונו של עולם. און דער סוף איז — אידן ווערן גע־טרייסט, נאָר מיט גאָט ווערט אַ איד געטרייסט, נאָר אין דער הייליגער אמונה געפינט דער איד אַ טרייסט און אַ רפואה צו זיינע צרות און ווייטיקן, און דערפאַר איז היינטיקער שבת, דער שבת וואָס קומט נאָך די בין המצרים, נאָך די 3 וואָכן, נאָך תשעה באב, נאָך אלע אידישע צרות, נאָך דעם גרויסן אידישן חורבן, דאַן פילט מען אז ווען דער איד אנטלויפט פון גאָט, ווען עס ווערט חרוב זיין הייליגטום, זיין בית המקדש, דאַן ווערן אויך געשענדעט זיינע טעכטער, און אַ טייל נישט אידישע וועלט

פּײניגט אים, גיסט זײן בלוט, און טרעט זײן כּבוד אונטער זײערע גראָבע ברוטאַלע פּיס. װען אָבער דער איד װעט זיך אומקערן צוריק צו גאָט, דאַן, וראו כל עמי הארץ כי שם ה׳ נקרא עליך, ויראו ממך, דאַן װעלן אַלע פעלקער פון דער װעלט נישט קענען, גישט װאַגן צו טשעפּען אים. נאָך תשעה באב װעט קומען אין זײן לעבן דער שבת נחמו, נאָך זײנע טרערן װעט קומען די גאולה, און דאַן האָט דער איד גאַרנישט צו זאָרגן, באש הצתית ובאש עתיד אני לבנותה — זאָגט די גמרא — מיט דעם פײער פון פון שנאת חנם איז פאַרבּרענט געװאָרן דער בית המקדש, ארץ ישראל, און מיט דעם פײער פון דער תורה, פון דער אמונה, און מיט פײערדיקע ארץ ישראל ארבעט װעט דער רבונו של עולם העלפן בױען ארץ ישראל, און דעריפאַר — נחמו נחמו עמי...

# רעדע צו אַ תנאים.

פון טיפן האַרצן ווינטשן מיר דעם חתן־כלה „מזל טוב“ — די תנאים זיינען אַ פאַרקאָנטראַקט צו דער חתונה וועלכע די יונגע חתן־כלה מאַכן דעם ערשטן קאָנטראַקט, דערפאַר רופט מען דאָס „תנאים ראשונים“. לויט אונזער דין הגמרא זיינען די תנאים צו־זאַמען מיט דעם קבלת קנין און דעם תקיעת כף וועלכע ווערן דורכגעפירט בּאַ דעם תנאים פיל שטאַרקער ווי אַלע קאָנטראַקטן אין דער וועלט אַזוי דאָס איינער פון אונזערע גאונים האָט געזאָגט דאָס עס איז פיל בעסער חתונה צו האָבּן און דאַן גט׳ן זיך איידער חלילה אָפּצושיקן אָדער צעררייסן אַ תנאים. אַזוי ווי מיר אַלע ווייסן אַז אונזער איצטיקע חתן־כלה האָבּן מיטן גוטן ווילן און בּאַוואוסט־זיין בּאַשלאָסן זיך צו פאַרבּינדן, ווינטשן מיר זיי אַז דער איצטיקער בּאַשלוס ווייערער, זאָל נאָך זיין פיל שטאַרקער ווי די עצם רע־ליגיעזע צערעמאָניע און זייער בּונד זאָל זיין אַ קשר של קיימא מצא אשה, מצא טוב. אמן!

---

# רעדע פון חתן־כלה צו זייער חתונה.

געערטע עלטערן!

מיט וואָס מיינע טייערע זאָל איך אייך אויסדריקן מיין דאַנקבּאַרקייט? מיט וואָס קען איך אייך פאַר אַלעס גוטעס וואָס איר האָט פאַר מיר געטאָן, בּאַדאַנקען? איך בּין נישט אימשטאַנד פאַר אייער ליבּע צו מיר און פאַר אַלעס גוטעס וואָס איר האָט געטאָן פאַר מיר בּיז מיין חתונה און אויף מיין חתונה. זאָל אייך דער אויבּערשטער לאַנגע יאָרן געבּן, איר זאָלט זוכה זיין פון מיר צו האָבּן פיל נחת, און די נחת וועלכע איר ווינטשט זיך בּאַשטייט אין דעם, איר זאָלט זען דאָס איך מיט מיין פרוי זאָלן לעבּן גליקלעך, דאָס וועט אייך דערפרייען און אונז אויך.

צו אייך ליבּע געסט ווענד איך זיך מיט מיין הערצלעכן דאַנק פאַר אייער פאַרשיינען אונזער שמחה צו אונזער חתונה. זאָל דער אויבּערשטער אייך געבּן איר זאָלט מאַכן בּאַ אייערע קינדער חתונות מיט גרויס פאַרגעניגן און מיר וועלן זיך אויך בּאַטייליקן אין אייערע שמחות. אמן!

# דרשה צו אַ חתונה.

דער חתן האָט געזאָגט „הרי את מקודשת לי בטבעת זו כדת משה וישראל". די אידישע רעליגיע איז אַנדערש פון אַלע רעליגיאָנס דערמיט, וואָס יעדער גלויבן, יעדער רעליגיע האָט זיך אירע כהנים, ד. ה. אַזעלכע מענטשן וועלכע זיינען פאַרמיטלער צווישן יעדן מיטגליד פון יעדער רעליגיע מיט זיין גאָט. זיי האָבן ברייטע פולמאַכטן פון זייער גלויבן, ווי צום ביישפּיל: מוחל צו זיין עבירות א. א. וו. נאָר די אידישע רעליגיע האָט נישט קיין פאַר־מיטלער. אפילו די אידישע רבנים, די פאַקטישע פאָרשטייער פון די אידן, האָבן קיינע אויסנאַמס דינים און רעכטן אין פאַרגלייך מיט אַלע אַנדערע אידן. מיר ווייסן אַז דער דין זאָגט: מסדר קרושין זיין, דורכפירן אַ גט, מעגן אַלע אידן וועלכע ווייסן גאָר דעם דין ווי דאָס דורכצופירן. מיר ווענדן זיך אין די זאַכן צו אַ רב נאָר דערפאַר, ווייל ער ווייס ריכטיק דעם דין ווי דאָס דורכ־צופירן. אריינברייננגען אַ קינד אין אידישן גלויבן, מעג יעדער איד און אויב אַלע רבנים זאָלן זיך צוזאַמענקלייבן און וועלן אומענדערן אפילו איין אות אָדער דין פון דער תורה, טאָר מען זיי נישט הערן, ווייל בּאַ אידן זיינען אַלע גלייך, ווי די גמרא זאָגט אין יומא דף נ"ב „חביבין ישראל שלא הצריכן דכתיב לשליח" די אידן זיינען באַליבט בּאַ גאָט אַז זיי דאַרפן נישט האָבן קיין פאַרמיטלער און רש"י הקדוש זאָגט אויף דעם: „כל אחד ואחד מתפלל על עצמו" — יעדער קען בעטן בּאַם אויבּערשטן פאַר זיך אַליין. נאָר איין איינציקער מענטש איז געווען בּאַ אונז נעמלעך משה רבינו, וועלכער האָט געזאָגט „אנכי עומד בין ה' וביניכם" איך בּין דער פאַרמיטלער צווישן אייך און גאָט. און דערמיט איז זייער אַ גרויסע מעלה בּאַ אידן, וואָס עס זיינען נישטאָ קיין פאַרמיטלער, ווייל אין געגנפאַל וואָלט זייער אָפט געקענט טרעפן, יוען איינער פון אַפאָר פאָלק וויל אוועקגיין מיט אַנדערע, אָדער פאַרלאָזן דעם מאַן אָדער די פרוי, נאָר זי האָט אויך פּחד פאַר דעם אויבּערשטן, וויסנדיק, אַז זי איז נאָך פאַרבּונדן מיט מאַן אָדער פרוי דורך אַ חופּה, וואָלטן זיי דאַן אָנגעפאַנגען צו זוכן חטאים אויף דעם פאַרמיטלער, דעם מסדר קרושין, אַז פאַר געלט וואָלט ער אַלעס געטאָן און אַז ער האַלט אַליין נישט און גלויבּט נישט אין וואָס ער טוט,

און דאַן באַשליסט זי דאָס אויב אַזוי איז זיינע קידושין קיין קידושים נישט, מעג זי טאָן וואָס זי וויל, אָבער וויסנדיק אז די הויפט זאַך פון די קידושין, דעם הויפט אַקט, האָבן דורכגעפירט דער חתן מיט דער כלה אליין און עס האָט אַ רעליגיעז־געזעצלעכע קראַפט. גאַנץ גלייך ווער דער מסדר קדושין זאָל נישט זיין געווען, קען שוין ממילא נישט פאַרקומען אזא היתר, און דאָס איז דער גע־דאַנק פון דער גמרא אין סנהדרין לט׳. א מין (אן אפיקורס) האָט געפרעגט רב אבהו „אלהיכם כהן הוא, כי קבריה למשה במאי טביל אמר ליה בנורא טביל״. אייער גאָט איז אַ כהן און אין דער תורה שטייט דאָך אז דער אויבערשטער אליין האָט זיך באַשעפטיקט מיט משה רבינו׳ס קבורה, אין וואָס האָט ער זיך דערנאָך טובל געווען? דאָט ער אים געענטפערט, דאָס אין פייער. אזוי אין פשט קען מען נישט פאַרשטיין, נישט די קשיה נישט דעם תירוץ. נאָר ווי מיר ריידן, קענען מיר פאַרשטיין דעם מאמר חז״ל ער האָט אים געפרעגט אין אייער גלויבן איז דאָך נישטאָ קיינע כהנים אויסער איינער וועלכער איז געווען, אָבער אז דער איינער איז געשטאָרבן „במאי טביל״ בא אלע רעליגיעס טונקט איין דער כהן דעם געבאָרענעם אין טויף וואַסער און דערמיט קריגט ער די געטלעכקייט פון דער אנטשפרעכנדער רעליגיע. אָבער איר אידן האָט דאָך גאָרנישט, איז מיט וואָס ווערט איר אַ איד. „אמר ליה בנורא טביל״, מיר גלויבן וואָס עס שטייט אין אונזער תורה „ויפח באפיו נשמת חיים״ און דער נשמת חיים דאָס איז אַ טייל פון דעם אויבערשטן, ווי אין פסוק שטייט „נר אלהים נשמת אדם״. „בנורא״ אין אויבערשטנס פייער „טביל״ קריגט ער זיין טבילה און מיר דאַרפן נישט אָנקומען צו אַ פאַרמיטלער כדי צו קריגן דעם טייל געטלעכקייט. און דערפאַר זאָגט אויך דער חתן צו דער כלה דו זאָלסט זיין צו מיר מקודש מיט דעם רינג „כדת משה וישראל״ — ווי דער אידישער גלויבן, אַט אזוי ווי דער אידישער גלויבן האָט נישט קיין פאַרמיטלער, אזוי זאָלן די קידושין האָבן אַ קראַפט אומאָפהייניגיק פון קיינע פאַרמיטלער. דער חתן מיט די כלה טוען עס מיט אַ ריינעם הארצן, און דאָס זאָל דערפאַר בלייבן אן איי־ביקער בונד פון היינט אויף אייביק, ווי איך מיט אלע געסט ווינטשן אייך. אמן!

# גראַטולאַציאָן צו אַ חתונה.

דער חג הנשואין, וועלכן מיר פייערן איצט, איז דאָס וויכטיגסטע קראַפט, וועלכע עקסיסטירט בא דעם הערשער פון דער ערד, דער מענטש, ער אונטערשיידט זיך פון אלע באשעפעניש, וואָס ער מאַכט דורך דעם פּראָצעס מיט א רעכענונג, מיט א באַטראַכט און מיט א פאָרזיכטיקייט, אויסצואוויילן פאַר זיך אזא פערזאָן, פאָס זאָל אים פאַרזיסן זיין לעבן און זיין א ריכטיקע באַגלייטערין אין זיין עקסיסטענץ. אָבער צוליב דער וויכטיקייט פון דער זאַך, אלץ שווערער איז דאָס אָפּצוטרעפן, דאָס זיי זאָלן ביידע זיין זיטלעך גלייך. דער תלמיד זאָגט: „קשה לזוגם בקריעת ים סוף" עס איז אזוי שווער זיי צוזאַמענצופּאָרן אזוי ווי צו שפּאַלטן דעם ים. נאָר בא א שטאַרקן ווילן פון ביידן און א ריכטיקע ליבע איינער צום אנדערן, קענען ווירקן דאָס ביידע פאַרבינדעטע זאָלן זיך אונטערגעבן איינער דעם אנדערן און ביידע געמיטער זאָלן זיך צוזאַמענשמעלצן און יעדער ווירקט אויף דעם צווייטן און צו גלייך ווערן ערגעץ אליין, ווי צום ביישפּיל, ווי די פרוי שטייגט, מייסטנס, דעם הערן מיט געשמאַק און שיינקייט און דער הער שטייגט מער מאָל די פרוי, מיט זיין אויסרעכענען און טיפזיניקייט, און ווען די פאַרהייראַטע ווירקן איינער אויף דעם צווייטן, דאַן קומט אלעס ארויס ריכטיק און גוט, שיין און געשמאַק א. א. וו. אַלזאָ, איז דאָס בעסטע, וואָס איך ווינטש די פּאָר, וועלכע הייראַטן איצט, דאָס דער אייביקער זאָל מיטווירקן, דאָס דער זוג זאָל זיין דורכגעדרונגען מיט א שטאַרקן ווילן און א ריכטיקע ליבע איינער צום אנדערן, ביז זייער טיפן עלטער און ביידע זאָלן לעבן בשלום עס זאָל זיין באמת א כלי מחזיק ברכה, במז"ט לאורך ימים, בעושר וכבוד, צווישן אונזער פאָלק ישראל. אמן!

## רעדע צו אַ זילבער־חתונה.

געערטע געסט!

מיר פייערן היינט אונזערע 25 יאָר נאָך אונזער חתונה ד. ה. „זילבער־חתונה“ וועלכע מיר האָבן זוכה געווען צו דערלעבן און דאַנקען אלע געסט פאַר זייערע גראַטולאַציאָנען, וועלכע זיי האָבן אונז געגעבן. מיר ווינטשן אז אלע אונזערע געסט זאָלן אויך דערלעבן צו פייערן זילבער־ און גאָלד־חתונות אויף וועלכע מיר וועלן אויך בײַ זײַן. אמן!

## רעדע פון די געסט צו אַ זילבער־חתונה.

אין נאָמען פון אלע געסט גראַטולירן מיר די חתן כלה צו זייער זילבער־חתונה וועלכע איר פייערט היינט, און ווינטשן אייך צו דערלעבן די גאָלדענע חתונה און זיך לעבן גליקלעך, און מיר אלע זאָלן דערלעבן בײַ אייך בײַצוזײַן. אמן!

## רעדע צו אַ געבורטסטאָג פון אַ קינד.

מיר זײַנען געקומען אויסדריקן אונזער הערצלעכן דאַנק פאַר די איינלאַדונג צו אייער קינדס געבורטסטאָג, און אייך ווינטשן איר זאָלט דערלעבן דעם קינדס יערלעכע געבורטסטעג ביז דעם שול־עלטער און נאָכדעם צו דער חתונה, און דערלעבן פון אים איי־ניקלעך און אור־איינִיקלעך, און אלע זאָלן גליקלעך לעבן. אמן!

# א דרשה צו א ברית מילה.

דעם דריטן פון די הרחמן'ס וועלכע מען זאָגט אויפן ברית איז „הרחמן הוא יברך רך הנמול לשמונה, ויהי ידיו ולבו לאל אמונה, ויזכה לראות פני השכינה שלש פעמים בשנה". דער טייטש דערפון איז: דער אויבערשטער זאָל בענטשן דעם קינד וועלכער איז גע'מל'ט געוואָרן צו אַכט טעג, זיינע הענט און זיין האַרץ זאָל זיין צו רינען דעם אויבערשטן און ער זאָל זוכה זיין צו זען די שכינה דריי מאָל אַ יאָר.

פון ערשטן איבערבליק אויף דעם צוזאַמענשטעל פון די ווערטער מאַכט עס דעם איינדרוק דאָס דער צוזאַמענשטעלער פון די ווערטער, האָט עס צוזאַמענגעשטעלט נאָר אום עס זאָלן זיך רי זאַצן גראַמען, ווי: לשמונה, אמונה, השכינה, בשנה, ווייל זאָנסט האָט עס נישט קיין גערעכטע-צוזאַמענבונג. ווען מיר זאָלן זיך אָבער ריכטיק אריינטיפן אין די ווערטער, געפינען מיר, אז איין געדאַנק פאַראייניקט די אַלע פיר זאַצן פון דעם הרחמן. ווען דער אויבערשטער האָט אָנגעזאָגט אונזער פאָטער אברהם אויף די מצות מילה, שטייט אין דער תורה אויך די ווערטער: „ולא יקרא עוד שמך אברם כי אם אברהם כי לאב המון נתתיך". ווען מען ברית ווערט זיך געפינען בּאַ דיר און בּאַ דיינע קינדער, וועסטו דאַן ווערן אַ באַרימטער פאָלק אויף דער וועלט, ווייל עס איז נאָך נישטאָ אַזאַ פאָלק אויף דער וועלט וועלכער זאָל זיך אזוי מוסר נפש זיין איבער זיין גלויבן, איבער זיינע רוחניות אזוי ווי דער אידישער פאָלק. מען דאַרף נישט קיין גרעסערן מסירת נפש ווי צו נעמען אַ קליינעם, שוואַכן קינד איבער וועלכן עלטערן ציטערן עס זאָל אים נישט שאַדן קיין זאַך, און לאָזן אים מיט פרייד מל זיין. דאָס איז אין דער אמתן דער סימבאָל און געדאַנק פון די ערשטע מצוה, איינצוגעוואוינען יעדן אידן צו מסירת נפש פאַר דעם גלויבן. עס איז נאָך פיל צו ווייניק צו זיין אַ איד נאָר מיט זיין נשמה, זיין רוחניות דאַווענען, לערנען, טאָן נאָך אַזעלכע מצוות וועלכע קאָסטן נישט קיין געזונט און געלט, נאָר ווען עס איז נויטיק מוז מען אויך אוועקגעבן אפילו בלוט פון קערפּער.

דורך די מצות מילה ווערט אברהם און זיינע קינדער, די אידן, פארימט אויף דער גאנצער וועלט אלס אזא פאלק, וועלכער, אום אויסצוהיטן זיין גלויבן, פאראייניקט ער זיינע גייסטיקע כחות מיט די קערפערלעכע. דערמיט קענען מיר פארשטיין א מאמר חז"ל „אלמלא דם ברית לא נתקימו שמים וארץ", אָן די מצוה פון ברית קען נישט עקסיסטירן דער הימל מיט די ערד, אין אמת'ן זען מיר דאָך פון דער תורה, פארקערט, דאָס דער הימל און ערד האָבן עקסיסטירט ארום צוויי טויזנט יאָר, ביז די מצוה פון מילה, נאָר דער געדאנק פון מאמר איז דער — דער הימל דאָס איז דער סימבאָל פון גייסטלעכקייט, די ערד ווידער באַדייט קערפערלעכקייט, דער טייטש וואָרט פון „לא יתקיימו" הייסט נישט „עס קען נישט עקסיסטירן" נאָר, „עס האָט נישט קיין צוזאמענ־האנג". אָן דער מצוה פון ברית וואָלט די גייסטלעכקייט מיט דער קערפערלעכקייט אין מענטשן, נישט האבן קיין געמיינזאמעס, און דערפאר זאָגן אויך אונזערע חז"ל: פארוואס טאָר מען נישט מל זיין א קינד פאר אכט טעג, ווייל עס איז נויטיק, דאָס ביז דעם ברית זאָל אריבערגיין א שבת. אלע טעג פון די וואָך, אויסער שבת, זיינען ארבעטס־טעג פארן קערפער פון מענטשן, פאר די גשמיות, און שבת ווידער, איז דער איינציקער טאָג, ווען דער מענטש קען צופרירן שטעלן זיינע רוחניות, זיינע גייסטיקע פאָדע־רונגען. דערפאר זאָגן מיר „הרחמן הוא יברך רך הנמול „לשמונה" ווייל צו אכט טעג האָט דער קינד שוין באַוויזן איינצוזאפן אין זיך גשמיות פון די איבעריקע טעג און רוחניות פונ'ם שבת. אין דעם צוזאמענהאנג פון גשמיות מיט רוחניות צייגט אויך דער עצם פאַקט פון די מילה ווייל מיר ווייסן, או אויסער דאָס וואָס מען נעמט צו פון קינד א שטיקל טייל פון זיין קערפער, מוז מען אויך אָפציען א ביסל בלוט „דם מילה" אפילו ווען דער קינד ווערט געבאָרן א געמלטער זאָגט דער דין דאָס מען מוז פון אים אפטריפן א ביסל בלוט, דער געדאנק דערפון איז: ווייל דעם מענטש הארץ וואָס איז אפילו דער קוואל פון לעבן, פונדעסטוועגן טוט ער גאָרנישט צום מענטשנס לעבן, זי איז נאָר א געוויינלעכער ארבעטער, א סאלדאט, וועלכער מוז שטיין אויף זיין פאָסטן אויפצופאסן, אויסצורייניקן די בלוט, וועלכע איז שוין דורכגעגאנגען דעם קערפער און איז גע־וואָרן פארדאָרבן, דאָס הייסט זי האָט נאָר דעם קאָנטראָל איבער די בלוט און ווען גלייך נאָכן ברית קומט אלע בלוט פון קערפער

צו די חאַרץ, און די האַרץ דערזועט נאַטירלעך אַז עס פעלט איר אַביסל בלוט וועלכע מען האָט אָפּגעצאַפּט, און זי דערוואוסט זיך, אז מען האָט דערמיט געטאָן אַ מצוה, איז זי מקבל באהבה דעם פאַרלוסט, ממילא ווערט דער קינד א מחותן מיט גאָט דורך זיין אָפּגעבן פאַר ג' אַ טייל פון קערפּער און פון די בלוט, וואָס די בלוט דאָס איז די נשמה.

אויך אונזערע ימים טובים זיינען נישט גלייך איינער צום צווייטן. דער יום טוב פסח באַדייט — אויסלייזונג פון אונזער קערפּער און אונזער גייסט, ווי דער בעל הגדה זאָגט: „על גאולתנו ועל פדות נפשנו". שבועות — דער יום טוב פון מתן תורה איז נאָר רוחניות, סוכות ווידער, איז נאָר גשמיות, אַן אָנדיינקונג פון „כי בסוכות הושבתי את בני ישראל". נאָך אַ הקדמה ווילן מיר זאָגן. די גמרא זאָגט אין חגיגה דף ד' „ערל פטור מן הראיה", נישט קיין געמלטער איז פטור פון גיין 3 מאָל אַ יאָר אין ירושלים. איצט, נאָך דאָס אלעס, וועט שוין זיין ריכטיק דער צוזאַמענשטעל פון דעם הרחמן: הרחמן הוא יברך רך הנמול לשמונה, ער זאָל בענטשן דעם קינד וואָס מען איז מל צו אַכט טעג, וואָס האָט אין זיך גשמיות פון די זעקס טעג און רוחניות. און וויבאַלד מען האָט דורכגעפירט דער ברית, איז: ויהיו „ידיו" „ולבו" זיינע הענט וואָס מען מיין גשמיות, און זיין האַרץ וועלכע האָט געגעבן די בלוט וואָס איז רוחניות „לאל אמונה", שטענדיק נאָר צו דינען דעם אויבערשטן און האָבן אמונה אין אים און אין זיין תורה, דאָן „ויזכה לראות פני השכינה" וועט ער שוין קענען פאָרן אין ירושלים עולה רגל זיין, ווייל ער איז שוין אוים „ערל". „שלש פעמים בשנה", די 3 ימים טובים וועלכע באַדייטן אויף רוחניות און גשמיות און ביידע זאַכן צוזאַמען.

מיר בענטשן אלע דעם רך הנמול ער זאָל אויסוואַקסן און שטייגן אין גשמיות און אין רוחניות אלץ העכער און העכער און ער זאָל זיין אַ שטאָלץ פאַר זיינע עלטערן און פאַרן גאַנצן פאָלק ישראל. אמן!

---

# גראַטולאַציאָן צו אַ ברית.

איך גראַטוליר דעם בעל ברית און דעם קינד, דעם רך הנמול, צו זייער אויספירן די ערשטע מצוה פון דער תורה. די מצות מילה וואָס איז פון אויבערשטן אַ באַפעל, אַז אנדערש קען מען קיין איד נישט זיין, ביז מען איז זיך מל, און פאַרקערט, אויס איד, קען אַ איד שוין קיינמאָל נישט ווערן, ווייל, דער צייכן פון אידישקייט איז נישט אַזאַ זאַך, וואָס מען קען אָפּמעקן, ווייל אפילו ווען אַ איד קערט זיך צו אן אנדער גלויבן, הייסט ער נישט אנדערש ווי ישראל מומר, אלס אַ איד. דערפאַר, אז די אידן האָבן אויסגעפירט די מצות מילה, האָבן זיי זיך שוין דורכדעם פאַר-בונדן אויף אייביק צום אידישן פאָלק.

איך ווינטש זיי, אז זיי זאָלן חלילה קיינמאָל אין לעבן נישט דאַרפן חרטה האָבן אויף דעם און דער קינד זאָל אויסוואַקסן לתורה, לחופה, ולמעשים טובים. די עלטערן זאָל האָבן פון אים נחת און פרייד, און ער פון די עלטערן. זיי זאָלן פון אים זען אייניקלעך און אור-אייניקלעך פרומע אידן, וועלכע זאָל זיין אַ פרייד פאַר זיי און פאַרן גאַנצן כלל ישראל. אמן!

---

# גראַטולאַציאָן צו אַ ברית.

היינט, אין דעם פריילעכן טאָג פון ברית, וועלכן דער אויבערשטער האָט אייך געשאָנקען, איז אונזער פליכט אייך צו ווינטשן אַ הערצלעכן מזל-טוב, און דערלעבן צו פירן אים אין חדר. ער זאָל אויסוואַקסן אַ איד, מיט וועלכן מיר און די וועלט זאָל זיך פרייען מיט אים. ער זאָל גיין אויפן דרך הישר, אָפּהיטן אונזער אמונה מיט וועלכער מיר שטאָלצירן זייט טויזנטע יאָרן. איר זאָלט דערלעבן צו זיין חתונה מיט פיל פרייד און נחת און לאַנגע יאָרן. אמן!

# רעדע צו אַ פּדיון הבן.

השובע עלטערן און געסט! איך וועל אייך אין קורצן ערקלערן דעם געדאַנק פון דער מצוה פדיון הבן און אויף וואָס אונזער תורה האָט דאָס געשטעלט. דער ענין דערפון איז, וואָס בײַ אַלע פעלקער אין יענער צייט איז געווען דער מנהג, זייער ערשט געבאָרענעם זון צו ברייננגען פאַר אַ קרבן פאַר זייער גאָטעסדינסט. דער אויבערשטער פאַרלאַנגט נישט קיין מענטשלעכע קרבנות, האָט ער אָנגעזאָגט אין דער תורה, אז אַ מענטשן מוז מען אויסלייזן און די געלט אוועקגעבן דעם כהן, וועלכער איז געווענלעך געווען אַ אָרימאַן, ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין חלק אין ארץ ישראל. ממילא קומען דערפון ארויס צוויי טובות, ערשטנס בלייבט דער בכור לעבן, און צווייטנס גיט מען צו לעבן דורכדעם אַן אָרימען אידן. און דערמיט האָט דער אויבערשטער טאַקע געפּרוּאווט אונזער פאָטער אברהם ווייל יצחק מצד דער מוטער איז געווען אַ בכור, האָט אים דער אויבערשטער אויפגעפאָדערט אים מקריב צו זיין, און אברהם האָט קיין מינוט נישט געצווייפלט, האָט מען אים פון הימל געזאָגט, האַלט! דער אויבערשטער פאַרלאַנגט נישט קיין מענטשלעכע קרבנות, פאַר אים איז גוט אַ שעפּס. דערמיט דערקלערט זיך אויך די מכת בכורות. ווייבאַלד פרעה האָט זיך געוואָלט קרוינען פאַר אַ גאָט, צוריק ווערן אַ געצנדינער, איז צו וואָס זאָלן בלייבן לעבן זיינע בכורים.

דאָס איז די באַדייטונג פון אונזער היינטיקער שמחה, ווען אַ בכור וויל זיין אַ איד, מוז ער לעבן און געבן אנדערע צום לעבן. אין דעם פאַל, דעם אָרימען כהן, און דערצו מאַכן אַ סעודה און געבן אַלעמען משקה און אַלע ערב פסח, אַנשטאָט פאַסטן, געבן ווידער בײַ אַ סעודת מצוה, אַלעמען אַ שנאַפּס.

דער אויבערשטער זאָל געבן אַז אונזער היינטיקער בכור זאָל אויסוואַקסן, זיין אַ פרומער איד און זוכה זיין צו מאַכן אַליין יעדן ערב פסח, אַ סיום. ווי מען זאָגט: אַליין לעבן און געבן אנדערע צום לעבן און די עלטערן זאָלן אים מגדל זיין לתורה, לחופּה ולמעשים טובים און האָבן פון אים פיל נחת און פרייד און מיר זאָלן אַלע אויך זיין דערבײַ. אמן!

# דרשה לבר מצוה.

חשובע געסט! היינט בין איך געוואָרן 13 יאָר אַלט, דערמיט בין איך געוואָרן אַ מיטגליד פונם אידישן פאָלק, איך האָב שוין אויך געלייגט תפילין! די צוויי טייערע זאַכן וועלכע איך האָב היינט דערגרייכט, פאַרשטיי איך ריכטיק דאָס אָפּצושאַצן. די ביידע זאַכן האָבן אַ געוויסן צוזאַמענהאַנג: דער אידישער פאָלק, באַם אָנפאַנג פון זיין עקסיסטירן, האָט שויך געהאַט בא זיך אַ יששכר און אַ זבולון, און אונזער גרויסער לערער, משה רבינו האָט גע־זאָגט אין זיין ברכה: „שמח זבולון בצאתך ויששכר באוהליך" זבולון האָט זיך געהאַט באַשעפטיקט מיט האַנט־אַרבעט, מיט מסחר, און האָט געשטיצט יששכרן, וועלכער איז נאָר געזעסן און געלערנט תורה און וויסנשאַפט און דערפאַר האָט ער זיי געבענטשט אין איין פסוק, נישט באַזונדער, אום צו צייגן דאָס ביידע צוזאַמען זיינען ווי איין קערפּער, אַ גוף מיט אַ נשמה און איינער אָן דעם צווייטן טויג צו גאָרנישט. און נאָך מער, ער האָט געשטעלט זבולון פאַר יששכר צו צייגן, אַז אַזאַ פאָלק, וועלכער באַשטייט נאָר פון יששכרס מענטשן — תלמידי חכמים, מענטשן פון גייסט אפילו ווען זיי זיינען צענדליקער טויזנטער הייסט ער נישט קיין פאָלק. דער אידישער פאָלק האָט דאַן אַ ווירדע, ווען אַלע זיינע מענטשן, אַלטע און יונגע, אַרבעטער, קויפלייט פון די העכסטע ביז די ני־דעריגסטע האָבן אמונה אין דעם אויבערשטן און היטן די תורה, דאַן קען ער הייסן אַ פאָלק. דאָס זעלבע זאָגן אונז אויך די תפילין, אין די תפילין, סיי אויפן קאָפּ און סיי אויפן האַנט געפינט זיך דער פסוק „שמע ישראל", דער „של ראש" באַדייט, די מענטשן וועלכע אַרבעטן מיטן קאָפּ און פאַרשטייען מיט זייער שכל אז „ה' אחד, און דער „של יד" באַדייט: אויף די מענטשן וועלכע אַרבעטן מיט זייערע הענט, און דערמיט דינען זיי דעם אויבערשטן און אַזוי ווי זבולון שטייט פריער פאַר יששכר, ווייל ווען נישט די זבולון לייט וואָלט יששכר אויך נישט האָבן קיין קיום. דערפאַר לייגן מיר פריער די תפילין של יד.

איצט, געערטע געסט! ווען איך ווער היינט אַ מיטגליד אין דעם אידישן פאָלק, ווען איך נעם אויף זיך אָן די מצוה פון תפילין פון האַנט און פון קאָפּ, פאַרזיכער איך אייך, אַז איך וועל

זען צו ערפילן מיט אלע מעגלעכקייטן מיינע פליכטן אלס איד און אלס מענטש מיט מיין האנט און קאָפּ, מיט מיינע פיזישע און גייסטיקע איינגשאַפטן וואָס איך וועל קענען אויסנוצן צום גונסטן פאַר אונזער אמונה און פאָלק.

חשובע געסט! ווען מיר באַטראַכטן אונזער היסטאָריע, זען מיר אַ מאָרגעס אונבאַגרייפלעכן פאַל, ווען די אידן זיינען געווען אין ארץ ישראל און געהאַט אַ אייגענע לאַנד מיט אלעס גוטעס, האָבן זיי גערינט אלע געצן און געגלויבט אין פאַלשע נביאים, און ווען די אידן האָבן פאַרלאָרן די לאַנד און פונאַנדערגעשפּרייט געוואָרן איבער דער גאַנצער וועלט, דאַן האָט זיך געשטאַרקט די תורה בא אידן, עס זיינען געוואָרן תנאים, אמוראים, גאונים, פילאָזאָפן, דיכטער. איצט זאָגט מען אונז, דאָס מיר זאָלן זיך צוריק אומקערן קיין ארץ ישראל, קומט ווידער ארויף די זאָרג, טאָמער וועט מען ווידער ווערן אַ לאַנד אָן אַ פאָלק. עס קען ווידער קומען אזא ירבעם בן נבט, אָדער אזא מנשה, אפילו נישט מיט געצן ווי אַמאָל, נאָר מיט מאָדערנע געצן, ווי, פאַרשיידענע אידייען וועלכע קענען אונז אָפּרייסן פון דער תורה, דערפאַר קומט דער לעצטער פון אונזערע נביאים, מלאכי, און זאָגט אונז דאָס עס איז אַן אומזיסטע שרעק, ווייל מיר האָבן שוין אַ גרויסע, ברייטע תורה. איצט קענען מיר שוין זיין אַ פאָלק מיט אַ לאַנד. איצט זאָגט מלאכי „וערבה לה'" איצט וועט דעם אויבערשטן זיין אָנגענעם די מנחת „יהודה וירושלים", ווייל ווען מיר האָבן געהאַט „יהודה" אַ פאָלק, האָבן מיר נישט קיין „ירושלים" אַ לאַנד. איצט אָבער, וועלן זיין ביידע זאכן „כימי עולם" ווי אין די טעג וואָס די תורה האָט אונז געמאַכט פאַר אַן „עם עולם" אַן אייביקער פאָלק, „וכשנים קדמוניות" און ווי אין די פריערדיקע יאָרן, ווען מיר האָבן געהאַט אַ לאַנד.

איך דאַנק מיינע עלטערן און לערער, וואָס זיי האָבן מיר געעפנט די אויגן צו פאַרשטיין די וויכטיקייט פון מיין היינטיקער מיסיע, וועלכע איך נעם היינט מיט פרייד איבער, אויך באַדאַנק איך אייך, חשובע געסט, וואָס איר זייט געקומען אויף מיין שמחה. איך ווינטש אייך, מיר זאָלן אלע זוכה זיין צו דערלעבן די צייט און זען די גרויסקייט פון „יהודה וירושלים" פון אונזער פאָלק און לאַנד. אמן!

# דרשה לבר מצוה.

געערטע געסט, ראַמען און הערן!

13 יאָר זיינען היינט ערפילט געוואָרן, זייט מיינע אויגן האָבן ערבליקט דאָס ליכט פון דער וועלט. 13 יאָר זיינען היינט גע-שלאָסן געוואָרן, זייט גאָט, דער באַשעפער פון אַלץ וואָס עס לעבט אייביק, האָט מיך באַשטימט צו זיין אַ מיטגליד פון זיין פאָלק ישראל און זיין אַ נוצבאַרער חבר מיט מיינע מיטמענטשן. — 13 יאָר האָב איך פאַרבראַכט, אין אַ גליקלעכער און וואָרגלאָזער קינד-הייט, ווען מיין פאָטער איז געווען דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר מיינע טאָטן צו גאָט און צו מענטשן. 13 יאָר האָב איך געטרויסט, געשטיפט, געשוואומען אויף די וועלן פון אומשולדיקער קינדהייט. — אָבער היינט ווען די 13 יאָר זיינען ערפילט געוואָרן, האָט מיר מיין פאָטער געבראַכט אין שול, אין בית אלהים, און ער-קלערט „ברוך שפטרני" זיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט איז אוועק, און ער האָט מיר באַקאַנט געמאַכט, אַז איך בין שוין אַ מענטש פאַר מיר אַליין, און מוז אָפּגעבן אַליין, אַ דין וחשבון פאַר מיינע טאָטן פאַר גאָט און פאַר לייטן.

מיין פאָטער און מיין לערער האָבן מיר געזאָגט, אַז פון היינט און וויטער מוז איך וויסן, דאָס אויף מיינע שולטערן איז געלייגט אַ לאַסט פון מצוות און געבאָטן, וועלכע איך מוז ערפילן גלייך מיט יעדער אידן. איך בין שטאָלץ דערויף צו וויסן, אַז איך בין היינט געוואָרן אַ פולקאָמער מענטש. און אומגעטראַכט דערויף, וואָס איך וועל מוזן טראָגן אַ לאַסט פון געבאָטן, פרייט עס מיר וואָס איך בין שוין אַזוי ווייט געקומען, אַז מען זאָל זיך מעגן אויף מיר פאַרלאָזן. יאָ! איך בין נאָך יונג און אומערפאַרן, מיט דער גרויסער וועלט, וואו איך וועט ארויסגעשיקט צו קעמפן מיט מיין שיקזאַל, און טאָן אַלעס וואָס יעדער אָרנטלעכער מאַן דאַרף טאָן. איך שרעק מיך נישט פאַר דער אויפגאַבע, איך בין באַרייט אַלעס צו ערפילן, און האָבן ערפאָלג אין אַלע מיינע טאָטן.

ליבע עלטערן! איר האָט פאַר מיר געזאָרגט, געקעמפט, געפלאָגט און פיל זיך באַמיט איבער מיין ערציאונג קערפערלעך

און גײַסטיק. ווי זאָל איך אײַך דאַנקען, מײַן האַרץ איז פול מיט דאַנקבאַרקײַט, אָבער מײַנע ליפּן זײַנען צו שוואַך אויסצודריקן מײַנע געפילן צו אײַך, אלעס וואָס איך ווינטש אײַך איז, אז דער אײבּיקער זאָל אײַך דערלײַנגערן אײַערע יאָרן, באַפרײַען אײַך פון שמערץ און זאָרג און ער זאָל אײַך שטענדיק באַשיצן און אײַך באַגליקן צו זען אײַער זון (און די איבּעריקע קינדער) געשעצט און געאַכטעט לויט אײַער וואונטש.

טײַערע געסט, ראַמטן און הערן! איך בּין גערירט פון פרײד פאַר די ערע וואָס איר האָט מיר פאַרשאַפט מיט אײַער קומען, נעמען אָנטײל אין מײַן שמחה. איך שטאָלציר זײַער דערמיט אלס וואָס איך ווינטש דאָס אונזער שמחה זאָל זײַן נישט נאָר אַ צײַט־ווײַליקע, נאָר בּיז א ווײַטן צוקונפט זאָלט איר זיך פרײען מיט מיר און איך מיט אײַך און מיר אלע צוזאַמען מיט אונזער פאָלק ישראל.

אַ כוס ברכה הויבּ איך אויף פאַר אלע אָנוועזנדע געסט וועלכע האָבן זיך פאַרזאַמלט אויף אונזער שמחה און ווינטש אלעמען לחיים! לחיים! מיר זאָלן אינגיכן בּויען ירושלים! אמן!

---

# דרשה לבר מצוה.

ליבּע עלטערן און געערטע געסט! בּעפאָר איך פאַנג אָן צו רײדן וועגן וואָס מיר זײַנען זיך דאָ הײַנט צוזאַמענגעקומען, מוז איך זיך ווענדן צו אײַך, ליבּע עלטערן און געערטע געסט, אום אויסצודריקן מײַן פרײד און מײַן דאַנק, וואָס איר זײַט געקומען אָנטײל נעמען אין מײַן שמחה.

ליבּע עלטערן! דעם גאַנצן מי וואָס איר האָט אויף מיר געלײגט, פון דער צײַט ווען איך בּין געקומען אויף דער וועלט, און בּיז הײַנט, זײַנען מיר אין האַרצן טיף אײַנגעקריצט. אָבער מיט וואָס קען איך אײַך פאַר דאָס אלעס בּאַדאַנקען? איך האָבּ דאָך קײן זאַך נישט. איך פאַרשטײ אלײן אז נישט קײן געלט־

באצאָלונג איז אייער פאַרלאַנג, זאָנדערן ליבשאַפט צו מיר איז דאָך ניט פון געלט ווענן, נאָר זי קומט פון טיפן הארצן. דעריבער וועל איך זען צו ערפרייען אייך און טאָן דאָס, וואָס איר האָט אין מיר איינגעפלאַנצט -- די גוטע מעשים פאַר ג' און פאַר לייטן.

געערטע געסט! איך דאַנק אייך זייער וואָס איר האָט זיך דאָ אַלע צוזאַמענגעקליבן און זייט געקומען נעמען אַן אָנטייל אין מיין שמחה. היינט איז בא מיר אַ דאָפּלטע שמחה. ערשטנס בין איך געוואָרן 13 יאָר, און צווייטנס — וואָס איך ווער אַ איד. ווען איך גיב זיך אַ טראַכט, וואָס האָב איך אויפגעטאָן אין די 13 יאָר? מוז איך זאָגן, דאָס איך האָב ערייכט גאָר אַ גרויסע, שיינע מתנה. נישט קיין גאָלד און נישט קיין זילבער געפינט זיך אין איר, נאָר אפּאָר שוואַרצע בוכשטאַבן, און דאָס זיינען די תפילין וואָס וואָס דאָס איז בא מיר זייער טייער, זיי זיינען דער סימבאָל פון מיין היינטיקער שמחה.

ליבע עלטערן! איך דאַנק אייך פאַר אַלעס וואָס איר האָט פאַר מיר געטאָן. איך בין אייך נישט אין אומשטאַנד פאַר אַלעס צו באַלוינען, נאָר מיט אַ ריינעם פאַרשפּרעכן וואָס קומט פון מיין טיפן הארצן. איך פאַרשפּרעך אייך אין געגנוואַרט פון די געסט, אַז איך וועל בלייבן אייך אַ געטרייער זון מיין גאַנצן לעבן. און איר געערטע געסט, עסט און טרינקט פון אַלעס וואָס מיינע עלטערן האָבן פאַר אייך אָנגעגרייט.

— איך הויב דעם בעכער פאַר דער געזונטהייט פון מיינע עלטערן און געסט —

— לחיים! לחיים!

לשנה הבאה בירושלים!

# אַ גראַטולאַציאָן פאַר דעם בעל שמחה פון בר מצוה.

פון טיפן הארצן גראטולירן מיר אייך היינט צו אייער שמחה פון אייער זון'ס בר מצוה. מיר ווינטשן אייך איר זאָלט האָבן פון אייער זון פיל פרייד און נחת. איר זאָלט דערלעבן צו זיין חתונה אין וועלכער מיר וועלן ווידער אָנטייל נעמען.

דעם בר מצוה בחור ווינשן מיר, ער זאָל זיין אַ גוטער איד און גיין אין די וועגן וועלכער די עלטערן וועלן אים אָנווייזן.

מיר פון אונזער זייט, דאנקען הערצלעך דעם בעל שמחה פאַר די גוטע גאסטפריינטשאפט וועלכע איר האָט אונז ארויס־געוויזן און ווינטשן אייך פיל גליק און לאנגע יאָר. אמן!

---

## די עלטערן ווינטשן די געסט.

הויכגעערטע געסט!

איך — מיין פרוי און הבחור בר מצוה, דאנקען אייך זייער פאַר אייער מיטזיין און פארשיינען אונזער שמחה, זאָל דער אייביגער געבן, דאָס אלע ביוואוינענדע, וועלכע נעמען אָנטייל אין אונזער שמחה, דאָס יעדערער זאָל זיך אויף זיין ארט מאכן שמחה'ס און מיר וועלן אויך אָנטייל נעמען. דער אייביקער זאָל אייך פיל גליק און לאנגן לעבן געבן. אמן!

---

# רעדע צו אַ געבורטסטאָג.

פון טיפסטן הארצן ווינטש איך איך מיין הערצלעכע גראַ־טילאַציאָן צו אייער געבורטסאָג. איך ווינטש אייך, דאָס איר זאָלט אייער גאַנצן לעבן גליקלעך זיין. גליקלעך הייסט — געזונט און רייך. דער אויבערשטער זאָל געבן, איר זאָלט פון יאָר צו יאָר פייערן אייער געבורטסטאָג, און אזוי ביז 120 יאָר דערלעבן. אמן!

---

# גראַטולאַציאָן צו חנוכת הבית.

איך גראטוליר הערצלעך אונזער חשובן ה׳..... צו דעם חנוכת הבית. מיר דארפן וויסן דאָס חנוכת הבית איז איינע פון די הויפט זאכן וואָס אַ מענטש בעט באַם אויבערשטן ער זאָל דאָס דערלעבן. אין אונזער תורה הקדושה ווערט די שמחה פון חנוכת הבית צוגעגליכן צו דער מצוה פון חתונה האָבן. די תורה זאָגט אונז דאָס ווען די אידן פלעגן דארפן גיין אויף אַ מלחמה, פלעגן די שוטרים, די באַאַמטע אויסרופן: ווער עס האָט גענומען אַ פרוי, אָדער ווער עס האָט אויסגעבויט אַ הויז און נאָך נישט באַניַיט, זאָל גיין אהיים. אויך ווערט אַ פרוי אָנגערופן בית „וכפר בעדו ובעד ביתו״. דערפאַר פאַרשטייען מיר, אז די שמחה איז זייער אַ חשובע שמחה, דעריבער ווינטש איך דעם בעל שמחה ער זאָל דערלעבן אין דער הויז פיל פרייד און גליק, ער, זיינע קינדער און קינדס־קינדער און זאָל אין דער הויז זען שטענדיק נאָר שמחות און מיר זאָלן אלע דערלעבן מזמור שיר חנוכת הבית לדוד. דעם חנוכת הבית פון בית המקדש. אמן!

---

# אינהאַלט:

זייט


| | |
|---|---|
| פאָרוואָרט | 3 |
| ראש השנה | 5 |
| תקיעת שופר | 9 |
| שבת שובה | 12 |
| צו כל נדרי | 15 |
| יום כפור | 20 |
| צו נעילה | 25 |
| סוכות | 30 |
| שבת חול המועד סוכות | 34 |
| שבת בראשית .1 | 41 |
| שבת .2 | 43 |
| שבת .3 | 46 |
| חנוכה .1 | 53 |
| חנוכה .2 | 56 |
| שבת חנוכה | 58 |
| עשרה בטבת | 65 |
| שבת שירה | 66 |
| חמשה עשר בשבט | 69 |
| פרשת שקלים | 72 |
| פרשת זכור | 75 |
| אסתר תענית | 78 |
| פורים .1 | 80 |
| פורים .2 | 85 |
| פרשת פרה | 88 |
| פרשת החדש | 91 |
| שבת הגדול | 96 |
| פסח (א) | 101 |
| פסח (ב) | 104 |
| פסח (ג) | 108 |
| פסח (ד) | 112 |

זייט

| | |
|---|---|
| פסח (ח) | 115 |
| ספירה און ל״ג בעומר | 117 |
| שלשה ימי הגבלה | 123 |
| שבועות .1 | 128 |
| שבועות .2 | 132 |
| שבעה עשר בתמוז | 140 |
| שבת חזון | 144 |
| תשעה באב | 147 |
| שבת נחמו | 151 |
| רעדע צו א תנאים | 157 |
| רעדע פון א חתן־כלה צו זייער חתונה | 157 |
| דרשה צו א חתונה | 158 |
| גראטולאציאָן צו א חתונה | 160 |
| רעדע צו א זילבער־חתונה | 161 |
| רעדע פון די געסט צו א זילבער־חתונה | 161 |
| רעדע צו א געבורטסטאָג פון א קינד | 161 |
| א דרשה צו א ברית מילה | 162 |
| גראטולאציאָן צו א ברית | 165 |
| רעדע צו א פדיון הבן | 166 |
| דרשה לבר מצוה .1 | 167 |
| דרשה לבר מצוה .2 | 169 |
| דרשה לבר מצוה .3 | 170 |
| א גראטולאציע פאר דעם בעל שמחה פון בר מצוה | 172 |
| די עלטערן ווינטשן די געסט. | 172 |
| רעדע צו א געבורטסטאָג | 173 |
| גראטולאציאָן צו א חנוכת הבית | 173 |

Ben Elimelech.

**Der neister moderner redner**

---

אין ספרים און טליתים געשעפט פון

# ל. רעמיגאלסקי

ריגא, מאַריאַס יעלאַ 8־א.

גערינען זיך פאַרשידענע דרוש ספרים

היהדות הלאומית — ניסנבוים.

אמרי דרוש — ניסנבוים.

דרושים וחמר לדרוש — ניסנבוים.

דרשות — יעלענעק.

דרשות הרמ״ה — הורוויץ.

רעיונות וחמר לדרוש לכל פרשיות השנה — הרב לעווינסאָן.

דגל יהודה — דרושים — לאזאראוו.

קול יהודה — דרשות וביאורים על חז״ל — לאזאראוו.

אש דת — רובינשטיין.

עטרת צבי — דרושים.

עטרת חכמים — עשרים וששה דרושים.

און נאָך אנדערע פאַרשידענע ספרי דרוש.

---

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן:

**L. Remigolski, Rīgā,**

Marijas ielā 8-a. Tel. 27751.